STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02328

DER ID UN DI GREFIN

Shomer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער איד אונ דיא גרעפין

א העכסט אינטערעסאנטער אונ רירענדער
ראמאן

פון דיא רוסישע עמיגראנטען אין אמעריקא.

אין פיער טהייל

פאן

נ. מ. שייקעוויטץ׳. (שמ"ר)

דריטער טהייל

ווילנא

שנת תרנ"ג לפ"ק

ЕВРЕЙ И ГРАФИНЯ

или

ЭМИГРАНТЫ.

Романъ въ 4 частяхъ.

Соч. Н. М. Шайкевича.

Часть III.

вы и братьевъ Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328

1893.

Дозволено цензурою — 15 Декабря 1892 г. Кіевъ.

א.

פערהאפטעט.

איינער פון דיא ערנסטע פעהלער וואס דיא מענשהייט בעזיצט פון דער נאטור איז דאס, וואס דער שוואכער ארמער מענש האט פיעל וועניגער פערטהיידיגער אלס דער שטארקער רייכער מאן, דער לעצטער מאג וויא שלעכט וויא פערדארבען זיין האט ער דאך אסך אנהענגער, אונצעהליגע שמייכלער וואס גיעבען איהם אין אלעם גירעכט, וועהרענד דער ערשטער מאג וויא בראף וויא ארדענטליך זיין ווייזט יעדען אוים אז ער איז ניט ווערטה מאן זאל זיך פאר איהם אינטערעסירען אונ האלטען אין זיין זייט ווען זיין געגנער איז רייך אונ שפיעלט אגרויסע ראלע.

פאסט אלע פריינדע אונ בעקאנטע פונ'ם גראף טאבאלסקי האבען געהאלטען אין דער זייט פון דער ניעדערטרעכטיגער גרעפין עליזאבעטהע אלס זיא האט בעשולדיגט דער עלענדער קארמעליע דאס זיא האט איהר קינד ערמארדעט, זאגאר אלע יונגע לייט וואס האבען גאר ניט לאנג זיך געשדענט צוא קארמעליען אונ האבען איהר פערזיכערט דאס פון איהרט וועגען וועלען זייא לויפען אין פייער אונ אין וואסער, אויך זייא האבען זיך ניט געקימערט וועגען דעם אונגליקליכען מעדכען, אלס זייא האבען ערפאהרען דאס דער גראף טאבאלסקי האט זיין גאנצעס פערמעגען איבער געלאזט פאר זיין פרויא. דיא בעסטע פריינדינס קארמעליעס וויא גרעפין אמאליא שווענטערצקי וואס האט אימער געזאגט אז אהן דער יונגער גרעפין טאבאלסקי קאן זיא איין טאג ניט לעבען, האבען יעצט אין איין שטימע געשריען אז זייא האבען שוין לאנג ערקאנט קארמעליען אלס הערצלאזע כאראקטערלאזע פרויא אונ זייא האבען שוין פיעל מאהל בעמערקט דאס זיא האסט איהר קליינעם ברודער וויא דעם טויט.

דיעזע אמאליע וועלכע האט שוין לאנג געטראגען אהאס אויף קארמעליען דאפיר וואס אלע פיינסטע יונגע לייט האבען זיא זא פערגעטטערט, וועהרענד אויף איהר האט קיינער ניט געוואלט אקוק טאהן, דיעזע אייפערזיכטיגע גרעפין האט יעצט דיא בעסטע געלעגענהייט איהר גאנצען האס אויס צו גיעסען אויף קארמעליען, זיא האט וועגען דעם מארדטהאט וואס קארמעליע האט נאך איהר מיינונג בעגאנגען גירעדט וויא

וועגען אפאזיטיווער געוויסער טהאטזאכע און האט עליזאבעטהען אויפ־געמונטערט זיא זאל ראכע נעהמען פון איהר קינדס מערדערין, אויך אלע האהע געסטע וואס זיינען געקומען דער גרעפין טאבאלסקי מנחם אבל זיין האבען אין איין קול געשריען דאס מען מוז דער מערדערין בעשטראפען לויט זיא האט פערדינט.

און וועהרענד אין דעם שלאס וויא אויך אינם שטעדטעל הארידאק האט זיך זא געקאכט, איז דיא שיינע קארמעליע געזעסען בעטריבט און פערקלאגט וועגען איהר פאטערס טויט, איהרע אויגען האבען ניט אויפגעהערט צו פערגיעסען טרערען ביא דעם געדאנק דאס איהר ליעבער פאטער איז געשטארבען מיט דער מיינונג אז זיא וואר אנ׳אונגעהארזאמע טאכטער און אתאראקטערלאזע פערליימדערין.

דיא גוטע העלענא דאמבראווסקי האט אנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטע דער אונגליקליכער צו טרייסטען, אבער איהר מיהע וואר אומ־זאנסט, קארמעליע האט זיך ניט געלאזט און ניט געקאנט טרייסטען, ערשטענס האט איהר געקרייניקט וויא מיר האבען שוין געזאגט דאס וואס איהר פאטער איז געשטארבען מיט אזא שלעכטער מיינונג וועגען איהר, צווייטענס האט זיא ניט געקאנט איבערטראגען דעם שרעקליכען געדאנק דאס איהר ערגסטע פיינדין דיא וואס האט פערארזאכט דעם פאטערס האס צו איהר איז דיא אייגענטהימערין פון דעם גרויסען קאפיטאל וואס איז איהר געבליעבען פון איהר צערטליכע מוטער, דען דער שלאס מיט אלעס וואס צו איהם בעלאנגט האט איהר מוטער אריינגעבראכט אלס נדן צו דעם גראף טאבאלסקי אלס זיא האט איהם געהייראטהעט, יעצט געהערט דער שלאס צו איהר ערגסטער פיינדין וועלכע לאזט זיא זאגאר אהין ניט אריין.

קיין זאך אין דער וועלט קאן דעם מענשען זא ניט ערגערן וויא זעהענדיג דאס מען בערויבט איהם אין מיטען העלען טאג און קיינעם אינטערעסירט ניט זיך פאר איהם אנצונעהמען. קארמעליע איז יעצט געוועזען אין כעס אויף דער גאנצער וועלט, זיא האט אלע מענשען אויסער העלענאן בעטראכט וויא הערצלאזע סובייעקטען, וואס ביא זייא איז רעכט מען זאל אנ׳ארדענטליכען מאן פאר זייא אין דיא אויגען ערמארדען און בערויבען, אהנע דאס יעמאנד זאל זאגאר דאביא אזיפטין טאהן.

וויר טרעפין דער אונגליקליכער איין מאהל זיטצענד ביים טיש צו מיטאג צו זאמען מיט דער פאמיליע דאמבראווסקי, אלע האבען געגעסען מיט אפעטיט נור קארמעליע האט זיך וויא פערגעסען דאס זיא דארף עסען און האט זאגאר איהר לעפעל ניט בעריהרט.

ווארום עסט דוא ניט קארמעליע? — האט העלענא מיט מוטערליכע

צערטליכקייט געזאגט — וויא איך זעה מיינסט דוא אז דיא גאנצע וועלט איז שוין רואינירט געווארען אונ דוא קאנסט שוין אויף גליק ניט האפען, דאס איז אבער אנ׳אירטהום מיין קינד, דיא וועלט איז אויך נאך דיין פאטערס טויט דיא זעלבע געבליעבען וויא פריהער, דוא ביזט נאך יונג דיא טויערין פונ׳ם לעבען שטעהען פאר דיר אפען זא דאס דוא קאנסט נאך דיא גליקליכסטע זיין.

ניין העלענא — האט דאס מעדכען מיט אפערצווייפעלטער מינע גיענטפערט — פאר מיר איזט שוין קיין גליק פערהאנדען, ווען איך זאל זאגאר אקייזערליכען טראהן בעשטייגען וועט מיר דאס לעבען ביטער וויא גאל שמעקען אלס איך וועל מיך ערינערין דאס מיין ליעבער פאטער איז דורך מיר געשטארבען, יא בייא מיר איז קיין צווייפעל דאס ער איז געשטארבען אויס ערגערנים דאפיר וואס ער האט פעסט געגלויבט אז איך בין אין שלעכטען וועג פערקראכען.

אבער ביזט דוא דען שולדיג וואס ער האט זאלכע דומהייטען גע־גלויבט, דוא ווייסט דאך יא דאס דוא ביזט ריין וויא אנ׳ענגעל, דוא האסט דיינען פאטער געליעבט וויא אצערטליך גוט קינד קאן אונ דארף איהרע עלטערן ליעבען, אונ ווען אשלאנגע האט זיך אריינגעמישט אונ האט זיין לעבען פערגיפטעט וועט זיא איהר שטראפע ערהאלטען, אבער דוא בלייבסט דער ריינער גוטער ענגעל וואס פריהער.

דאס איז נאך אלעס ווענינ וואס איך זעלבסט בין איבערצייגט אין מיין אונשולד — האט קארמעליע ווייענד געזאגט — דיא וועלט וועט אבער אנדערש דענקען, עליזאבעטהע וועט זיך געוויס ניט פוילען פער־בריימען איבעראל דיא נאכריכט דאס איך האב מיינען פאטער דורך מיינע זינד אין גראב געטריעבען, אלע וועלען דאס גלויבען אונ דיא גאנצע וועלט וועט מיך פעראכטען, אלע ארדענטליכע לייטע וועלען מיך פלוכען.

דיא וואהרהייט מוז וויא ביימעל אויפען וואסער ארופשווימען, איך בין פעסט איבערצייגט אז זאגאר דיא שטימע וועגד פון דיין פאטערס שלאס וועלען דיין אונשולד ערצעהלען, דיא וועלט וועט באלד ערפאהרען אז נור יענע פירכטערליכע שלאנגע האט דיך פון דיין גן עדן פערטריעבען אונ דיינען פאטער אין גראב געטריעבען, איך בין עלטער אונ פראקטישער פון דיר ווייס איך אז אזעלכע אונמענשליכע מהאטען וויא עליזאבעטהעס זיינען, קאנען עוויג אין דונקעלהייט ניט בלייבען.

דיא קלוגע פרויא האט מיט איהרע זאנפטע קלוגע ווארטען זא ווייט געווירקט אויף קארמעליען דאס זיא איז ווירקליך הייטערער געווארען אונ האט אנגעהויבען צו עסען.

זייא האבען נאך דעם מיטאג ניט גיענדיגט אלס דיא טיהר האט זיך האסטיג אויפגיעפינט אונ דער הארידאקער סטאנאוואי פריסטאוו מיט אייניגע סאלדאטען זיינען אריינגעקומען.

קארמעליע איז געוועזען רוהיג, איהר איז גאר אין קאפף ניט גע־קומען דער געדאנק דאס דיא לייטע זיינען נאך איהר געקומען, נור העלענא איז בלאס געווארען, זיא איז ערשראקען פון איהר ארט אויף געשפרונגען אונ האט מיט אגעצוואונגענעם פריינדליכען שמייכעל געזאגט: וויא קומט דער העררי סטאנאוואי יעצט אין מיין הויז.

בייא אייך אין הויז האט זיך איינע מערדערין פערבארגען — האט דער סטאנאוואי מיט א'ערנסטע מינע גיענטפערט.

אמערדערין? בייא מיר אין הויז? — האט העלענא ערציטטערט אגעשרייא געטאהן — איך גלויב דאס איהר שפאסט העררי פריסטאוו.

יעצט איז ניט דיא צייט פון שפאסען מאדאם דאמבראווסקי, איך ווידערהאלע מיינע ווארטען: דאס בייא אייך אין הויז האט זיך איינע מערדערין פערבארגען, איהר אבער דארפט זיך ניט שרעקען, דען מען וויים אז איהר האט אין דעם מארד קיין שולד.

אבער איך פערשטעה אייך ניט וויא קומט אין מיין הויז אמערדערין, ועמען מיינט איהר מיט דיא ווארטען.

איך מיין דער יונגער גרעפין קארמעליע טאבאלסקי — האט דער סטאנאוואי גיענטפערט ווערפענד אבליק אויף קארמעליען.

וואס? — האט יעצט קארמעליע אגעשרייא געטאהן ערבלאסענד וויא דער טויט — מיך האלט איהר פאר אמערדערין?

יא גרעפין! — האט דער סטאנאוואי העפליך אבער שטרענג גע־ענטפערט — מען האט בעוויזען פאקטיש אז איהר האט אייער קליינעם ברודער קאליא ערמארדעט.

איז מיין ברודער קאליא טויט? — האט קארמעליע ציטערענד בייא אלע גלידער געפרעגט.

איהר קאנט זיך מאכען ניט וויסענדיג גרעפין, איך האב דאס ער־ווארטעט פון אייך צו הערען, אבער מען וויים פאקטיש אז איהר האט איהם ערמארדעט אונ איך האב בעפעהל אייך צו ארעסטירען.

מיין ברודער קאליא איז טויט? — האט קארמעליע וועלכע האט דיא לעצטע ווארטען ניט געהערט ווייגענד אויסגעשריען — א־אום גאטעס ווילען זאגט: ווען איז דאס קינד געשטארבען. געסטערן אלס איך בין פונ'ם שלאס ארויס גענאנגען האב איך איהם איבער געלאזט געזונד אונ מונטער.

דיא פאקוטעו גרעפין פערשטעהט מען — האט דער פריסטאוו

שמייכלענד גיענטפערט — איך גלויב אַז איהר האָט פריהער פון אַלעמען געוואוסט אַז ער איז טויט, דען אייערע גרעפישע הענד האָבען איהם אין טייך אַריינגעוואָרפען אונ פון טייך קאָן אַזא קליין קינד לעבענדיג ניט אַרויס.

אין טייך? ער האָט זיך ערטרונקען? — האָט ווייטער קאַרמעליע אויסער זיך פון שרעק געפרעגט.

וואָצו דיא איבעריגע נוטצלאָזע פראַגען? — האָט דער סטאַנאָוואָי ערגערליך געזאָגט — איהר קאָנט זיך מאַכען נאָך קונסטפּאַלער דאָס איהר ווייסט פון דער גאַנצער געשיכטע ניט, דיא פאַקטען אָבער וואָס צייגען אַז נור איהר האָט דאָס געטאָהן קאָן מען ניט אָבלייגנען.

יעצט איז שוין קאַרמעליע פון געדולד אַרויס, זיא האָט מיט פייערינע אויגען אויף דעם פּריסטאַוו אַקוק געטאָהן אונ האָט מיט אַגעביטערישען טאָן געזאָגט: איך בעפעהלע אייך איהר זאָלט ניט מעהר וואַגען מיר זאָלכע ווערטען צו זאָגען.

איהר בעפעהלט מיר? — האָט דער פּריסטאַוו געלאַכט — איהר מוזט געוויס מיינען אַז איהר זייט נאָך אַלס דיא ריינע אונשולדיגע קאַרמעליע דעם גראַף טאַבאַלסקיס טאָכטער וועלכע האָט געהאַט צו בע-פעהלען וויא איינע פּרינצעסין אויף אַלע איהרע בעקאַנטע, איך בעטראַכטע אייך יעצט נור אַלס איינע מערדערין אונ איך בעפעהלע אייך איהר זאָלט דיא מינוט מיט מיר געהען, דען ווען איהר וועט זיך ווייגערין וועל איך געצוואונגען זיין אייך אין קעטטען צו שליסען אונ מיט געוואַלט פון דאַנען צו נעהמען.

הערר פּריסטאַוו! — האָט זיך העלענא יעצט אַריינגעמישט — איהר דאַרפט איהר פערצייהען וואָס זיא איז זאָ פרעך געגען אייך געוועזען, יעדער אָרדענטליכער מענש קאָן פון געדולד אַרויס ווען מען בעשולדיגט איהם אין אַמאָרדטהאָט וועהרענד ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען, מיך וואונדערט אויך אויף אייך וויא קאָנט איהר גלויבען דאָס אַזא מעדכען וויא דיא גרעפין איז וועט פעהיג זיין אַמאָרד צו בעגעהן.

ניט אַלעס וואָס עס גלענצט איז גאָלד — האָט דער פּריסטאַוו רויה גיענטפערט — אָבער וואָס קימערט דאָס מיך צו איז זיא יאַ שולדיג צו ניין, איך האָב בעפעהל זיא צו פערהאַפטען, דיא נאָכפאָרשונגען אין געריכט וועלען שוין דייטליך איבערצייגען צו האָט זיא ווירקליך שולד צו ניט, אַלזאָ גרעפין נעהמען זייא מיט מיר?

קאַרמעליע איז געבליבען זיטצען וויא פאַראַלעזירט, זיא האָט זיך מיט קיין גליעד געקאָנט ריהרען, זיא האָט פאַר זיך קיין זאַך געזעהען אונ האָט קיין זאַך געהערט, דיא נאַכריכט פון איהר ליעבען ברודערס

טויט אונ דער בעריכט דאס מען האט זיא אלס מערדערין ערקלערט האט זיא זא פערטומעלט דאס זיא וואר שוין אונפעהיג איין ווארט צו שפרעכין, זאגאר דאן אלס העלענא האט זיא אומגעארמט אונ האט זיא בעדעקט מיט קיססע אונ מיט טרערין האט זיא גאר ניט ניהערט אונ האט זיך פון ארט ניט געריהרט.

א! — האט העלענא געיאמערט — קוקט העער פריסטאוו זעהט וויא זיא ווייזט אויס, קאן מען דיא פרעכהייט האבין אזא גוטען ענגעל צו בעשולדיגען אין אזא שרעקליכען פערברעכין? פערפלוכט! טויזענד מאהל פערפלוכט זאלין זיין דיא אונמענשין, דיא טייפלען וואס ווילען אזא רייגע זעלע פערשמוטצען.

דער פריסטאוו איז דאס מאהל אויך געריהרט געווארין קוקענדיג אויף קארמעליעס שרעקליכעס געזיכט, אויך אין זיינע אויגען האבין זיך געוויזען טרערין, אונ ער האט מיט אציטערענדע שטימע געזאגט: איך פאנג אייך אן צו גלויבען אז זיא איז אונשולדיג אבער וואס קאן איך טאן, איך האב בעפעהל זיא אלס ארעסטאנטין צו ברייגגען אין שטאדט, אונ דעם בעפעהל מוז איך אויספיהלען, איך גלויב אבער אז איהר אונשולד וועט בעוויזען ווערין.

ער האט אנגענומען צערטליך קארמעליען ביא דער האנד אונ האט זיא ארויס געפיהרט פון שטוב, זיא איז איהם נאכגעגאנגען וויא אשעפעלע געהט צו דער שחיטה, זיא האט ניט געוויינט ניט גירעדט, זיא האט אין דער צייט אויס גיזעהן וויא אנ׳עכטעס בילד פון פערצווייפלונג.

העלענא האט איהר געוואלט נאכלויפין, זיא האט אבער ניט גיקאנט, דיא פיס האבין זיך אונטער איהר געבייגען אונ זיא איז אין אונמאכט געפאלין.

ב.

דער שלאק.

פערלירען דעם איינציגען פריינד פאר וועלכען מען קאן אויס גיסען דאס הערץ, מיט וועלכין מען קאן טהיילען פרייד מיט לייד, דאס איז קיין קליינינקייט, ווען מען פערלירט אזא פריינד פיהלט מען זיך זייער עלענד, עס ווייזט אויס וויא מען האט פערלארין דאס טהייערסטע אונ וויכטינסטע אינ׳ם לעבין.

דאס האט יעצט געפיהלט אונזער יודעלע צוריק קומענד פון באהנהאף וואו ער האט בעגלייטעט זיין בעסטען, מען קאן זאגין דעם איינציגסטען גוטין פריינד זיסעלע דארף וועלכער איז מיט זיינע עלטערין אוועק געפאהרין נאך אמעריקא.

וויא אונז איז שוין באקאנט איז זיסעלע גיוועזען יודעלעס איינציגער גוטער פריינד, ער וואר פון דיא קליין שטעטעלדיגע בחורים וואס בעזוטצען ריינע

הֶערְצֶער אוּנ גוּטְמוּטְהִיגֶע קַאראַקְטֶערֶע , עֶר הָאט יודעלען גֶעלִיבְּט מִיט לַייבּ אוּנ זֶעלֶע , אִימֶער הָאט עֶר אַנְטְהֵייל גֶענוּמֶען אִין זַיין לַאגֶע , פַּאר אִיהם אַלֵיין הָאט יודעלע גִיקָאנְט זַיינֶע גֶעפִיהלֶע אוּיס שִׁיטֶען , יֶעצְט אַלְס דֶער פְּרַיינְד אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרִין אָהנֶע ווִידֶער צוּ קוּמֶען אִיז יודעלען זַייעֶר פִינְסְטֶער גֶעוָוארִין אוּיפִין הֶערְצִין, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט וִויא אַקְלֵיין קִינְד , אִיהם הָאט אוּיס נִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז דָא גֶעבְּלִיבֶּען שׁוּטְצְלָאז אוּנ עֶלֶענְד וִויא אַשְׁטֵיין אִין פֶעלְד .

וָואס אִיז דָאס מִיט דִיר מַיין קִינְד ? — הָאט אִיהם דִיא מוּטֶער עֶרְשְׁרָאקִין גִיפְרֶעגְט — ווָארוּם בִּיזְט דוּא פֶערְוֵויינְט , וָואס פַאר אַנְ׳אוּנְגְלִיק הָאט גֶעטְרָאפִין .

אִיךְ בִּין טְרוֹיעֶרִיג דֶער פַאר וָואס מַיין חָבֵר זיסעל אִיז אַוֶועק גֶעפָאהְרִין, הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט אוּיס ווִישֶׁענְד דִיא טְרֶעהְרֶענְדִע אוֹיגֶען .

פוּן אַזַא נַארֶעשְׁקֵייט דַארְף מֶען ווֵיינֶען ? — הָאט אסתר לַאכֶענְד גֶעפְרֶעגְט — אַטַייֶערֶע צַאצְע , וֶועט נִיט זַיין דֶער חָבֵר וֶועט זַיין אַנְ׳אַנְדֶער חָבֵר .

אָבֶער אַחָבֵר צוּ אַחָבֵר אִיז נִיט גְלַייךְ , זיסעל אִיז מִיר גִיוֶוען אַוָואהְרֶער אוּיפְרִיכְטִיגֶער פְרַיינְד .

אַנְ׳אוּיפְרִיכְטִיגֶער פְרַיינְד ? וָואס הָאט עֶר דִיר אַזֶעלְכֶעס גֶעטָאן מִיט זַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט , זַאיי נִיט קֵיין נַאר אוּנ זָארְג נִיט וֶועגִין אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטֶען , דֶער צַייל מִיר בֶּעסֶער עֶפֶּעס אַסַךְ מֶענְשִׁין זַיינֶען גֶעפָאהְרִין בֶּעגְלֵייטֶען אהר־ן מִיט זַיין פַאמִילְיֶע .

יַא , אַהִיבְּשׁ בִּיסֶעל מֶענְשִׁין .

נוּא אהרנ׳ס וַוייבּ אִיז עֶפֶּעס גִיוֶוען שְׁטַארְק אוּמֶעטִיג .

זִיא הָאט גֶעוֵויינְט וִויא אַפִיצֶעל קִינְד .

נֶעבִּיךְ ! אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דֶעם בִּיטֶערִין טַעַם אַז מֶען בֶּעדַארְף אַוֶועק פָאהְרִין אַזַא וַוייטֶע וֶועג אִיבֶּער דֶעם יַם הַגָדוֹל , מֶען דֶער צֵיילְט אַז בְּשַׁעַת מֶען פָאהְרְט אוֹיף דֶעם יַם זֶעהט מֶען מֶעהר נִיט וִויא הִימֶעל אוּנ וַואסֶער , זָאל דָאס טַאקֶע אֶמֶת זַיין ?

עֶס פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ אַז דָאס אִיז אֶמֶת .

נוּא אוּנ דָאס אִיז אַנְ׳אֶמֶת וָואס מֶען זָאגְט , אַז בְּשַׁעַת דִיא שִׁיף פָאהְרְט אוּיפִין יַם לַייפִין אִיהר נָאךְ יַם לַייבִין אוּנ יַם הִינְד וָואס ווִילֶען אַלֶע מֶענְשִׁין פוּנ׳ם שִׁיף אוּיפְעֶסִין אוּנ אַיינְשְׁלִינְגֶען .

יַא מֶען זָאגְט אַז אִינֶ׳ם יַם זַיינֶען פַארַאן שְׁרֶעקְלִיכֶע פִישֶׁען וָואס זַיינֶען עֶהנְלִיךְ צוּ פֶערְד אוּנ צוּ הִינְד .

אַזוֹ ? נָאטְס נִסִים חָלֶעבִּין , אִיךְ פֶערְשְׁטֵייא גָאר נִיט וִויא שְׁטֶעלִין דָאס אַיין מֶענְשִׁין זַייעֶר לֶעבִּין אוּנ פָאהְרִין אַזַא סַכָּנָה׳דִיגֶע וֶועג ?

הַיינְט אִיז שׁוֹין דִיא וֶועג אָן גֶעפַאהר , וַוייל מֶען הָאט אַיינְגֶערִיכְטֶעט זָאלְכֶע גְרוֹיסֶע שִׁיפֶען וָואס מֶען אִיז אִין זַייא אוּיפִין יַם אַזוֹ זִיכֶער וִויא מִיר זַיינֶען זִיכֶער אִין אוּנְזֶערֶע הַייזֶער אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה .

(יוא"נ ח"נ)

זאג

זָאג מִיר מַיין קִינְד דוא מוּזְט דָאךְ ווִיסֶען, אִיז טַאקֶע אמעריקא אַזַא לַאנְד וויא אונְזֶערֶע ?

עֶס פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ אַז דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶע לַאנְד, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט אַגְרוֹיסֶע וועלְט, דָארְט זַיינֶען דָא פִּיעלֶע לֶענְדֶער אוּנ שְׁטֶעדְט אַזוֹ וויא אִין רוּסְלַאנְד.

אוּנ דָארְט זַיינֶען פַאראַן יוּדֶען אוֹיךְ אַסַךְ ?

גֶעווִיס זַיינֶען דָארְט פַאראַן יוּדֶען, דוּא קָאנְסְט דָאךְ פֶערְשְׁטֶעהְן אַז דֶעם וָואס פִּיעלֶע יוּדֶען פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעדְטִיל זַיינֶען שׁוֹין אַהִין אַרוּיס גֶעפָאהרִין.

דָארְט אִיז פַאראַן אַשׁוּל אוֹיךְ ?

אַז דָארְט זַיינֶען פַאראַן אַסַךְ יוּדֶען מִסְתָּמָא הָאבִּין זַייא שׁוּלֶען אוֹיךְ, מֶען עֶרְצֵיילְט אַז דִיא יוּדֶען פוּן אמעריקא זַיינֶען זֵייעֶר רַייךְ.

אַזוֹ ? ספּרינגצע דִיא זָאגֶערִין הָאט מִיר טַאקֶע דֶערְצֵיילְט אַז אִין אמעריקא וָואלְגֶערִין זִיךְ גָאלְד מִיט דִימֶענְטִין אִין אַלֶע גַאסִין, עֶס קָאן זֵייעֶר זַיין אַז אהרן דֶעם רֶבּ׳ס וֶועט דָארְט ווערִין אִין גִיכֶען אַמִילְיָאנְשְׁצִיג, הָאט דִיר הָאטְשׁ זיסעלע צוּגֶעזָאגְט צוּ שְׁרַייבִּין בְּרִיף ? אִיךְ בִּין זֵייעֶר טְשִׁיקָאוֶוע צוּ ווִיסֶען וויא זַיינֶען זַייא גֶעפָאהרִין אוֹיפִין יָם הַגָּדוֹל אוּנ וָואס זַייא הָאבִּין דָארְט גִיזֶעהְן.

עֶר וֶועט מִיר שְׁרַייבִּין פוּן אַלֶעס, דֶען אַזוֹ הָאט עֶר מִיר פֶערְשְׁפְּרָאכֶען, מֶען וֶועט שׁוֹין ווִיסֶען וויא זַייא אִיז דִיא וֶועג צוּגֶעגַאנְגֶען, דֶען אַלֶע וָואס הָאבִּין בֶּעגְלֵייטֶעט אהרנ׳ן מִיט זַיין פַאמִילְיֶע הָאבִּין הֶערְצְלִיךְ גִיבֶּעטִין מֶען זָאל זַייא פוּן אמעריקא שְׁרַייבִּין אַלֶעס פָאדְרָאבְּנֶע.

עֶר הָאט נָאךְ דִיא וֶוערְטֶער נִיט גִיעֶנְדִיגְט אַלְס דִיא טִיהר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעֶפִינְט אוּנ נטע דֶער בְּרִיף טְרֶעגֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען.

יוּדעל הָאט זֵייעֶר נַאייגֶעריג גֶעקוּקְט אוֹיף נטען אוּנ הָאט אִיהם גִיפְרֶעגְט: הָאסְט דוּא אִיהם בַּאקוּמֶען ?

יָא — הָאט נטע מִיט אַשְׁמֵייכֶעל גִיעֶנְטְפֶערְט.

יודעלע אִיז פוּן זַיין אָרְט אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, עֶר הָאט אַרַיין גֶעפִיהרְט נטען אִין צְווֵייטֶען צִימֶער, הָאט דִיא טִיהר צוּגֶעשְׁפַּארְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: אויב דוּא הָאסְט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיף וָואס אִיךְ דַארְף בַּיזְט דוּא אַמַאלַאדֶעץ, אִיךְ וֶועל וָואךְט הַאלְטֶען אוּנ וֶועל דִיךְ אָרְדֶענְטְלִיךְ בֶּעפְרִידִיגֶען.

צוּ דָאס אִיז דֶער בְּרִיף צוּ נִיט ווֵייס אִיךְ נִיט — הָאט נטע גִיעֶנְטְפֶערְט — אָבֶער אַז דֶעם בְּרִיף הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דֶער דָאקְטָאר קארניצקי דָאס ווֵייס אִיךְ גֶעווִיס, דֶען זַיין בֶּעדִינְטֶער הָאט אִיהם אַלֵיין אוֹיף דֶער פָאטְשְׁט גֶעבְּרַאכְט אוּנ אִיךְ הָאב אִיהם פוּן זַיינֶע הֶענְד צוּגֶענוּמֶען, אִיךְ וֶועל דִיר אִיהם אָבֶער פְרִיהֶער נִיט גֶעבִּין וואו אִיךְ וֶועל פוּן דִיר נִיט עֶרְהַאלְטֶען דִיא צֶעהְן רוּבֶּעל וָואס דוּא הָאסְט מִיר צוּגֶעזָאגְט.

אִיךְ מוּז דָאךְ אָבֶער זֶעהְן צוּ דָאס אִיז דֶער בְּרִיף וָואס אִיךְ בֶּעדַארְף.

(יוא״ג ה״ג)

דאס

דָאס אִיז נִיט מַיין גִישֶׁעפְט, גִיבְּסְטוּ מִיר צֶעהְן רוּבֶּעל אִיז רֶעכְט, וֶועְן נִיט נֶעהם אִיךְ צוּ דֶעם בְּרִיף אוּנ לֵייג אִיהם אַוֶועק אוֹיף דֶער פָּאטְשְׁט.

נַא דִיר דִיא צֶעהְן רוּבֶּעל! — הָאט יודעלע נָאךְ אַקוּרְצֶעס נָאכְדֶענְקֶען גֶעזָאגְט אִיהם אִיבֶּערְרֵייכֶענְד אַצֶעהְנְרוּבֶּעלְדִיג אַסִיגְנַאטְשֶׁע.

נַטע הָאט צוּגֶענוּמֶען דִיא צֶעהְן רוּבֶּעל אוּנ הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבִּין יודעלען אַפֶּערְזִיגֶעלְטִין בְּרִיף, אוּנ וִויא עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין מֶען זָאל בַּייא אִיהם דָאס גֶעלְד צוּרִיק נִיט אָבְּנֶעהמֶען אִיז עֶר גֶעשְׁווִינְד אַרוֹיס גֶעלָאפִּין.

יודעלע הָאט דֶעם בְּרִיף בֶּעטְרַאכְט, עֶר וַואר אַדְרֶעסִירְט אָן אַמַאן מִיט דֶעם נָאמֶען פעטער סלאווין אִין פאריזש.

פָאְרזִיכְטִיג הָאט יודעלע דֶעם בְּרִיף גִיעֶפִינְט אוֹיף אַזַא אַרְט עֶס זָאל נִיט קֶענְטִיג זַיין דָאס מֶען הָאט אִיהם גִיעֶפִינְט אוּנ הָאט אִין אִיהם פָאלְגֶענְדֶעס גֶעלֶעזִין:

ליבֶּער סלאווין!

וֶוען דוּא זָאלְסְט זֶעהן וִויא אִיךְ הָאבּ דַיינֶע לֶעקְצִיָאנֶען גֶעמַאכְט וָואלְסְט דוּא גֶעפַּאטְשְׁט בְּרַאוָוא אוּנ וָואלְסְט זֶעלְבְּסְט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין זַייעֶר אַפְלֵייסִיגֶער אוּנ אַגֶעהָארְזַאמֶער שִׁילֶער, מַיין קוּנְסְט אִין דֶער מֶעדִיצִין וֶועט מִיךְ מִיט דֶער צַייט פַאר אַמִילְיָאנֶער מַאכִין, דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין פָאלְקָאמֶען גֶעזוּנְד אוּנ דִיא מוּטֶער וֶועט אִין גִיכֶען אוֹיךְ פָאלְשְׁטֶענְדִיג גֶעזוּנְד וֶוערִין, זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז פַאר מַיין מִיהֶע וֶועל אִיךְ זַייעֶר גוּט בֶּעלָאהְנְט וֶוערִין.

דוּא זֶעהסְט זִיךְ גֶעוִויס מִיט דֶער מַארקיזא ראשפאר, גִיבּ אִיהר אִיבֶּער מַיין הֶערְצְלִיכֶען גֶערוּס, אוּנ פֶערְזִיכֶערֶע אִיהר אִין מַיין נָאמֶען דָאס אִין גִיכֶען וֶועל אִיךְ אִין שְׁטַאנְדֶע זַיין זִיא צוּ בֶּעזוּכֶען אִין דֶעם פַּאלַאטְשׁ „מַאזשִׁינִי" וֶועלְכֶער הָאט זִיא זָא בֶּעצוֹיבֶּערְט.

אִיךְ פֶערְבְּלֵייבּ דַיין פְרַיינְד אוּנ גֶעהָארְזַאמֶער שִׁילֶער

יאהאן קארניצקי.

קֵיינֶע נוּטְצֶען קָאן מִיר דִיזֶער בְּרִיף בְּרֵיינְגֶען — הָאט יודעלע צָארְנִיג גֶעזָאגְט אַוָוארְף טָאהְנְדִיג אוֹיפִין טִישׁ דֶעם בְּרִיף — אִיךְ הָאבּ אוּמְזָאנְסְט צֶעהְן רוּבֶּעל אַרוֹיס גֶעוָוארְפֶען.

עֶר הָאט אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען אַרוֹם דֶעם בְּרִיף צוּרִיק אִין קָאנְוֶוערְט אַרַיין גֶעלֵייגְט אוּנ הָאט אִיהם גֶעוָואלְט פֶערְזִיגְלֶען אוּם אִיהם אִין פָּאטְשְׁט אָבְּטְרָאגֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער בַּאלְד בַּארֶעכְנְט אַז עֶס שַׁאדֶעט נִיט וֶוען דֶער בְּרִיף וֶועט בַּייא אִיהם בְּלַייבִּין, עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין קֵיין רֶעכְנוּנְג נִיקָאנְט אָבְּגֶעבִּין וָוארוּם וִויל עֶר דֶעם בְּרִיף בֶּעהַאלְטִין, נוּר דִיא אֵיינִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דֶעם בְּרִיף קִינְד אוּנ מוּטֶער דִיא הָאבִּין אַמַאגְנֶעטִישֶׁע ווירְקוּנְג אוֹיף אִיהם גֶעמַאכְט, פִילֵייכְט מֵיינְט דֶער דָאקְטָאר עֶטְוָואס וָואס בֶּעלַאנְגְט צוּ דֶעם וָואס אִיךְ וִויל וִויסֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט. זָאל אַזַא בְּרִיף בְּלַייבִּין, עֶס שַׁאדֶעט נִיט.

אַקלאַפּ אין מיהר האט איהם שטארק ערציטערט, ער האט געשווינד דעם בריף אין דער טאש אריין געלייגט און האט די מיהר גיעפינט, ערשט חיימקע שלאק איז אריין געקומען.

וואס זיצט דו עפעס פערשפארט יודעלע? — האט ער לאכענד ניפרעגט — דו האסט מורא מען זאל דיך ניט אוועק גנבנען?

איך האב מיך געוואלט צולייגען אביסעל שלאפען.

אזוי פריא שלאפען? די זון איז דאך נאך ניט אונטער געגאנגען? מען דארף איצט ניט שלאפען, איך האב מיט דיר וועגען זייער אוויכטיגע זאך צו ריידען פון וועלבער מיר וועלין ביידע אפעט ביינדעל אב לעקין, אבער דאס מאהל זאלסט דו מיך אביסעל ארדענטליכער בעהאנדלען, ניט וויא דענסטמאל וועי איך האב דיך גערופין דאס ערשטע מאהל צום גראף טאבאלסקי, דו האסט מיר אנגעפייפט הינטען ארום און ביזט זיך אליין אוועק גיגאנגען, דו האסט געהאפט אשיינע מטבע און מיך האט מען פאר פראצענט פונ׳ם גראפס שלאס ארויס געטריבען.

איהר רעדט נאך? האט איהר מיך דאמאלס פאר דעם גראף ניט פארגישטעלט אין די שמוציגסטע פארבין?

דאס איז אליגען, זאל מען דאס ריידין אויף מיר און אויף מיינע קינדער וואס איך האב גירעדט אויף דיר, נור אשיינע ריינע כפרה, לאמיר פערגעסין וואס עס איז גיוועין, זאג מיר נור: ווילסטו פערדינען מיט מיר בשותפות שיינע עטליכע רובעל?

לאמיך שוין הערין וואס איז דאס פאר אגישעפט.

פערשטייסט דו מיך, דא איז אזא מעשה, דו יודעלע זאלסט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האבין ביזט נאך חלעבין נאר אאינגעל, דו ווייסט נאר ניט וואו איין וואו אויס, אט למשל האסטו געטאן אווילדע נארעשקייט דער מיט וואס דו האסט געזאגט פאר דעם סלעדעוואטעל אז קארמעליע איז נאר ניט שולדיג אין איהר ברודערס טויט, איך פרעג דיך צו ליב וואס האסט דו דאס געזאגט, דו האסט עפעס פערדינט דער פון? וואלט ניט גלייכער גיוועין דו זאלסט האלטען אין דער גרעפינס צד אזוי וויא אלע האבין געטאן.

וואס פלוידערט איהר? — האט יודעל צארניג געזאגט — איך זאל האלטען אין דער גרעפינס צד דארט וואו אמענשענס לעבין שטעהט אין גרעסטין געפאהר?

וויא איך בין איוד דו ביזט נאך נאר אקינד, וואס געהט מיך אן די גאנצע מעשה, זאלין זייא זיך אלע שלאגין קאפ אן דער וואנד, די גרעפין עליזאבעטהע מיט קארמעליען און קארמעליע מיט איהר, מיר דארפין קוקען אויף איין זאך האפען עטליכע רובעל און ווייטער איז דאס ניט אונזער באבעס דאגה.

(יוא״נ ח״נ) יודעלע

יודעלע איז שטארק פעראינטערעסירט געוואָרין , חיימקעס וואַרטין האָבין איהם צו פערשטעהן געגעבין אז ער איז אונטער געשיקט געוואָרין פון דער גרעפין עליזאבעטהע , דארום האָט ער איבער געביטען דעם טאָן מיט דער מינע אונ האָט גיענטפערט רוהיג : איך זעה אָבער ניט וויא אזו מען קאָן דא פערדינען עטליכע רובעל .

דוא זעהסט ניט ? — האָט דער פאקטאר געלאכט — דאס איז אלץ דער פאר וואס דוא ביזט נאך איונגעל , דוא זאלסט נאר מיר פאלגין וועסטו זעהן גאר אנ׳אנדער וועלט פאר זיך .

זעהר גוט איך וועל אייך פאלגין , אָבער איך וויל וויסען וויא אזו קאָן איך דא פערדינען געלד .

דוא דארפסט מעהר ניט טאָן איין קלייניגקייט , זאלסט דאס צווייטע מאהל ווען דער סלעדעוואטעל וועט דיך עפעם פרעגין , זאלסטו זאגין אז דוא האָסט אויך בעמערקט וויא קארמעליע האָט איהר קליינעם ברודער זעהער פיינד געהאט .

ווער זשע וועט מיר דער פאר בעצאלין ?

טאקע דיא גרעפין אליין .

האָט זיא דאס אייך געזאגט ?

יא , איך האָב מיט איהר היינט גירעדט אפשר אגאנצע שעה , זיא האָט זיך פאר מיר זעהר בעקלאגט אויף דיר , זיא זאגט אז זיא פערשטייט גאר ניט פאר וואס דוא ביזט איהר אשונא (אפיינד) , דוכט זיך זיא האָט דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן , נור אויב דוא ווילסט ווערין איהרער אגוטער פריינד וועט זיא דיר זעהר שיין בעפרידיגען .

האָט זיא דאס אייך אליין געזאגט ?

זיא אליין מיט איהר מויל , זיא פערלאנגט פון דיר נור איין זאך דוא זאלסט זאגין פאר דעם סלעדעוואטעל אויך אין געריכט אז אין דער צייט וואס דוא פלעגסט אריין קומען צו איהר מאן האָסט דוא בעמערקט וויא קארמעליע איז גיוועזען אנ׳אונגעהאַרזאמעס קינד אונ זיא האָט שרעקליך פיינד געהאט איהר שטיפמוטער מיט איהר קינד .

יודעלע האָט זיך פערטראכט , ער האָט גיקלערט וויא אזו צו בענוטצען דער גרעפינס קלענסטע נידערטרעכטיגקייט צו קארמעליעס טובה .

זאגט מיר נור רבי חיים — האָט ער ענדליך גיפרעגט — אלס דיא גרעפין האָט אייך דיא ווארטין געזאגט איז דערביא קיינער ניט גיוועזען ?

עס פערשטעהט זיך אז קיינער ניט , אזעלכע זאכין רעדט מען ניט פאר אלעמען אין דיא אויגען , אהא דיא גרעפין איז קיין נאר ניט , אין יענער צייט ווען איך בין צו איהר געקומען איז ביא איר געזעסין מאליע רבי שלמה׳קעס , עפעס איז זיא צו איהר געקומען מאהנען געלד פאר סחורה , האָט דיא קלוגע

גרעפין זיא גיבעטין זיא זאל ארײן גײן אין צווייטין צימער אום זיא זאל קענען מיט מיר אונגעשטערט אונטער פיער אויגען ריידען, דוא דארפסט גאר קיין מורא ניט האבין יודעלע, קיינער וועט ניט וויסען אז דוא נעמסט געלד פאר אזעלכע ווערטער, נוא הכלל וואס זאגסטו?

איך וועל אייך זאגין מארגין אנ'אטווארט — האט יודעלע גיענטפערט.

וואס? דוא לייגסט נאך אפ אויף מארגין? נוא פרעג איך דיך איז דאס פון דיר ניט דיא גרעסטע נארעשקייט? אדרבה זאג מיר וואס איז מיט דיר קארמעליע, דוא מיינסט אין דער אמת'ן אז וויא באלד זיא האט מיט דיר גירעדט עטליכע גוטע ווערטער איז זיא שוין אין דיר פערלייבקעט? שוטה וואס דוא ביזט! איך גיב דיר אתקיעת כף בעולם הבא אז וויא נור דוא ביזט פון איהר אוועק גיגאנגען האט זיא זיך פון דיר אוים גילאכט, דוא דארפסט אויף איהר קיין רחמנות גיט האבין, קאנסטו פערדינען עטליכע רובעל לייג דאס ניט אפ אויף שפעטער, ווארום ווער ווייס וואס שפעטער קאן ווערין.

איך קאן אייך היינט גאר ניט זאגין, מארגין וועט איהר פון מיר האבין אריכטיגע תשובה.

נוא אז דוא שפארסט זיך איין דווקא מארגין זאל זיין מארגין, אבער געדיינק יודעלע אז ניט אלע טעג זיינען ימים טובים, ניט אלע מאל מאכט זיך אזא גילעגענהייט מען זאל קאנען פערדינען עטליכע רובעל, האב מיר דער וויל אגוטע נאכט, מארגין פריא בין איך דא בייא דיר צו הערין דיין תשובה.

מיט דיא ווארטען איז ער ארויס געגאנגען.

דאס הייסט גיעדער טרעכטיג! — האט יודעלע צגעשריא געטאן אלס דער שלאק איז אוועק גיגאנגען — דיא פערפלוכטע גרעפין וויל גאר קויפען פאלשע עדות אום דער ארדענטליכער קארמעליען צו בעגראבין, אך ווען איך זאל דאס קאנען בעווייזין אין געריכט דאס זיא האט מיך געוואלט אונטער קויפען, וויא גליקליך וואלט איך גיוועזן.

פילייכט האט מאליע רבי שלמה'קעס זיטצענדיג אינ'ם צו[illegible]ן צימער דעם גישפרעך גיהערט — איז איהם אגעדאנק איינגעפאלין — אי[illegible]ז אריבער געהן צו איהר זיא וועגין דעם פרעגין, אבוואהל דאס מעדכען איז בייא זיך זעהר שטאלץ אונ האט מיך קיין מאהל געווירדיגט מיט אפריינדליכען בליק, נור בייא אזא זאך וואס אן איהם הענגט אמענשענלעבין וועט זיא פילייכט איהר שטאלץ פערביינגען אונ וועט מיר בעהילפיג זיין פון קארמעליען דיא שולד אראפ צו ווארפין.

ג.

דער גוטער איינדרוק.

רבי שלמקה אדער שלמה ראזענהויז איז געוועזן דער גביר פונ'ם שטעדטיל הארידאק, ער האט געהאט אגרויסען טוך געשעפט, און האט נאך דאצו געהאלטען די פאצט פונ'ם שטעדטיל.

דער מאן וואר אמערקווירדיגע פערזאן, אבוואהל ער איז געוועזן אזאהן פון פאנאטישע יודישע עלטערן וועלכע האבען איהם קיין אנדער זאך אויסער תלמוד נים געלערנט, פון דעסט וועגען האט ער גוט פערשטאנען איינגע שפראך, און וואר דאביי ענטוויקעלט ווי אמאן פון דער גרעסטער שטאדט, ער האט געטויגט ווי מען זאגט צו גאט און צו לייט, ער וואר זעהר בעליבט ביי אלע פריצים פון יענעם געגענד, זא דאס זיי האבען זיך נים געשעמט איהם אין זייער קאמפאניע אריין צו נעהמען, ער פלעגט שפילען מיט זיי אין קארטען, פאהרען מיט זיי אויף דער יאגד, און דער וואס האט איהם נים געקאנט האט געמיינט דאס ער איז אויך אפארנעהמער פריץ, דען ער פלעגט אימער געהן געקליידעט עכט אייראפייאיש, דאצו איז ער פון דער נאטור געוועזן אהויכער שיינער מאנספערזאן מיט ארונדען שווארצען בארד און מיט פייערינע קלוגע אויגען.

מיט יאהרען צוריק האבען איהם די הארידאקער יודען געהאסט און פערפאלגט ווי דעם ערגסטען מענשען, פיעלע מאהל האט מען דעם טויט פון די קליינע קינדער ארויף געווארפען אויף זיין קאפף, דאס הייסט מען האט איהם בעשולדיגט אז די אונשולדיגע קינדער שטארבען פאר זיינע חטאים, איינע מאהל האט מען איהם אויך מחרים געוועזן און קיינער האט אין זיינע ד' אמות (פיר איילען) נים געוואלט שטיין, ענדליך אבער האט זיך דאס פאלק צו איהם צוגעלאזט ווייל קיינער וואר אזו פרייא גיעביג ווי ער, דורך איהם האט מען אויך געקאנט האבען גרויסע טובות ביי די פריצים פון יענעם געגענד, און וואס טוט נעביך איוד נים צוליב פרנסה, בעזאנדערס האט זיך שלמה בעליבט געמאכט ביי די הארידאקער יודעו אלס ער האט בעפרייט זייער אלטע שול פון די קאטוילישע פריסטער וועלכע האבען יעדעם יאהר גענומען אגעוויסען צינז פאר דעם פלאטץ וואו די שול איז געשטאנען, און ווען מען האט זיי אזו גיך קיין געלד געגעבען האבען זיי די שול פערשלאסען. שלמה איז וועגען דעם געפאהרען נאך פעטערסבורג און האט אויס געפיהרט ביי דער רעגירונג מען זאל די שול פון דעם צינז בעפרייען, פון דאמאלס אן האבען איהם אלע פאנאטיקער מוחל געוועזן זיינע אלע זינד און האבען איהם געשעצט און גיעהרט, זא דאס מען האט איהם אויך אונטער די אויגען גערופען רבי שלמהקע.

דיזער רבי שלמהקע האט דורך דער ליבע וואס ער האט זיך געקויפט

בייא

ביא אלע פריצים פיל געלד פערדינט , דען אלע האבין ביא איהם געקויפט אלער האנד שניט וואהרע אין דעם גרויסין גישעפט וואס ער האט אין הארידאק גיעפינט .

דעם געשעפט האבין געפיהרט זיין פרויא דבורה מיט זיין טאכטער מאליע .

דבורה וואר אליין אויס ווארשויא , אבוואהל זיא האט געטראגין אפארוק אויפין קאפף אונ האט זיך זייער פרום אויפגעפיהרט , האט זיא דאך געשפילט אראליע פון אגרויס ארטיגע דאמע , אקוק טאהנדיג אויף איהר האט מען גיקאנט מיינען אז זיא איז אגרעפין , אימער וואר זיא זייער נאבעל אונ ציכטיג געקליידעט , אלע איהרע קלידער ווארין גענייט נאך דער לעצטער מאדע , אונ זיינען אויף איהר שיינער פינור גילעגין וויא אויס געגאסין , זיא האט גירעדט פאלניש וויא איינע געבארענע פאלין , אונ האט פערשטאנען וויא צו האנדלען מיט איהרע פאלנישע קונים .

איהר טאכטער מאליע וואר זייער עהנליך צו איהר , זיא איז גיוועזען שיין וויא אפרישע רייצענדע בלומע , שלמה האט פאר איהר געהאלטין זייער גוטע לעהרער וועלכע האבין זיא אויסגילערינט דרייא לעבענדיגע שפראכען , רוסיש , דייטש , אונ פאלניש , אויך זייער גוט רעכענען . צו איהר זעכצעהנטין יאהר האט זיא אין דעם פאטערס גישעפט אלס בוכהאלטער אריין געטראטין , זיא האט דיא ביכער זייער גוט געפיהרט , אונ וואר אין אלגעמיין זייער געניט אין דעם פאטערס געשעפטין .

דיא גרעפין עליזאבעטהע טאבאלסקי האט דאס מעדכען זייער געליבט , אונ האט קומענדיג אין שלמה'ס געשעפט מיט קיינעם געוואלט האנדלען נור מיט מאליען , אלע רעכנונגען פון דיא ווארע וואס זיא האט געקויפט ביא ראזענהויזין האט זיא נור מיט דעם מעדכען געפיהרט .

מאליע האט זיך מיט דיא הארידאקער מיידלאך גאר ניט קאמפאנירט , זיא האט ניט איינע פון זייא געפונען וואס זאל זיין ווירדיג איהר פריינדין צו זיין . פון דיא הארידאקער יודישע יונגע לייט איז דאך געוויס קיין רעדע , ניט איינער פון זייא האט אויף איהר אגוטען איינדרוק געמאכט , אונ נאך איהר מיינונג איז צווישען אלע הארידאקער יונגע מענשין איינער ארעכטער ניט גיוועזען וואס האט פערדינט אכטונג .

יודעלע האט זיך פיעל מאהל מיט איהר באגעגינט , ער האט זיא אפאר מאהל פריינדליך בעגריסט אבער זיא האט איהם זאגאר מיט אפריינדליכען בליק ניט געווירדיגט , דאס האט איהם זייער פערדראסין אונ ער האט זיא פאר איר שטאלץ פעראכטעט אונ האט זיא שוין מעהר ניט בעגריסט .

פון דעם גרויסין ערפאלג וואס יודעלע האט געהאט ביא דעם גראף אין הויז דורך דיא בילדער וואס ער האט אב געמאהלט האט אויך מאליע גיהערט , אונ זיא האט זיך זייער גיוואונדערט אלס מען האט איהר ערציילט

אז דער ארימער בחור איז ביא טאבאלסקין אין שלאס אנאנגער בן בית, זיא האט דאס אנפאנגס ניט געוואלט גלויבען, אבער אלס איין מאהל קומענדיג צו דער גרעפין עליזאבעטהע האט זיא געטראפען יודעלען ארום גייענדיג מיט דעם גראף וויא מיט אגלייכען מענשען איז זיא זייער איבערראשט געווארין. „ווען דער גראף בעהאנדילט דעם יונגען מאן וויא זיינם אגלייכען איז דאך דאס אבעווייז אז ער איז אמענש גלייך מיט אלע" האט זיא זיך גיקלערט, אונ פון דאמאלס אן וואר זיא זייער נאייגעריג באקאנט צו ווערין מיט יודעלען, מיט איהם ריידין אום צו זעהן וואס ער איז פאר אמענש, אבער עס האט זיך איהר קיין גילעגענהייט געמאכט מיט איהם צוזאמען קומען.

אונ וויא ערשטוינט איז זיא געווארין אלס אין אשיינעם אווינד ווען זיא איז געזעסין אויף דער גראז באנק נעבין איהר פאטערס הויז איז יודעלע צו איהר צו געגאנגען וויא צו אנ'אלטע באקאנטע אונ האט איהר געזאגט גוטען אווינד פריילן, קאן איך מיט אייך איינינע מינוטען שפרעכין?

וואס פאר גישעפטין האט ער מיט מיר? — האט זיא זיך גיקלערט, אונ זיך בעמיהענד מאכין ארוהיגע מינע האט זיא גיענטפערט: ווארום ניט איהר קאנט מיט מיר ריידן, איך וועל אייך אויף אלעס אנטווארטען.

געוויס ווייסט איהר פריילין ראזענהויז — האט יודעלע נאך אקורצער פויזע געזאגט — דאס דער גראף טאבאלסקי וואר מיין וואהלטהעטער, ער האט מיט מיר זעהר פיעל גוטעס געטאן.

יא איך האב דאפאן גיהערט.

איהר ווייסט געוויס געשטעהן דאס יעדער מענש איז פערפפליכטעט זיין וואהלטהעטער דאנקבאר צו זיין אונ אין יעדין נאטהספאל איהם ענטגעגין צו קומען מיט וואס נור מעגליך איז.

דאס איז זעלבסט פערשטענדליך.

אלזא בין איך אויך פערפפליכטעט דעם גראף טאבאלסקי מיין דאנקבארקייט צו צייגען, לייידער אבער איז ער געשטארבין, זא מוז מיין דאנקבארקייט איבער געהן צו זיינע קינדער, איך גלייב אז אייך איז גוט באקאנט דאס אונגליק וואס האט געטראפין זיין טאכטער קארמעליע, איהר פערפלוכטע שטיפמוטער האט זיא בעשולדיגט דאס זיא האט איהר קינד ערמארדעט.

איז דאס דען ניט וואהר?

אונ איהר האט געגלויבט אז דאס איז וואהר, אז אזא מעדכען וויא קארמעליע איז, זאל פעהיג זיין איהרע הענד צו פערשמוטצען אין איהר קליינעם ברודערס טויט?

עס זיינען דאך אבער פאראן בעווייזע נעגין איהר אז נור זיא האט דעם מארדטהאט אויס געפיהרט.

בעווייזע ? — האט יודעלע ביטער געלאכט — וועט איהר ניט לאבע ווען מען וועט אייך בעשולדיגען אין אפערברעכען איינציג דער פאר וואס איהר זייט געוועזען אין דעם הויז וואו דאס פערברעכין האט געטראפען ? געוועהנליך ווען מען וויל אנ'אונשולדיגען בעשולדיגען איז דאצו זעהער פיעלע מיטעל דא, דיא גרעפין עליזאבעטהע האט אויס האס צו איהר שטיפטאכטער געמאכט דאס איהר איינענער פאטער האט זיא פון זיין הויז פערטריבען און יעצט האט זיא זיך אנגעהאפט אן דעם מארד וואס מען האט אויסגעאיבט אויף איהר קינד אונ האט דיא גאנצע שולד אויף דער עלענדער קארמעליען ארויפגעווארפען, איך בין פעסט איבערצייגט אז דיא יונגע גרעפין איז אונשולדיג.

עס קאן זיין, אבער איך פערשטעה נאך אלץ ניט וואס געהערט דער מארדטהאט צו מיר ?

איך בין צו אייך געקומען אלס צו איין ארדענטליכען מענשען וואס איז זא וויא איך פערפפליכטעט צו רעטען אנ'אונשולדיגען פון טויט.

וואס קאן איך דא טאהן ?

איהר זייט היינטע געוועזען ביי דער גרעפין טאבאלסקי אין שלאס ?

יא איך בין געוועזען.

אונ אין דער צייט וואס איהר זייט דארט געזעסען איז אריין געקומען חיימקע שלאק צו דער גרעפין ?

יא.

דיא גרעפין האט אייך געבעטען איהר זאלט אריינגעהן אינ'ם צווייטען צימער אום זיא זאל קענען אונטער פיער אויגען ריידען מיט חיימן ?

ווער האט דאס אייך אלעס ערצעהלט ?

טאקע חיימקע שלאק אליין, איז דאס אלעס וואהר ?

יא דאס איז ריכטיג.

איהר וועט מיר מוזען פערצייהען פריילין ווען איך וועל אייך אויך פרעגען צו האט איהר פונ'ם צווייטען צימער זייער געשפרעך ניט געהערט ?

איהר גלויבט אז איך וועל זא נידערטרעכטיג זיין אונ וועל מיך צו הערען צו אזא געשפרעך וואס יענער וויל ניט איך זאל הערען ? — האט מאליא שטארק אויפגערעגט געזאגט.

בעהיטע גאט! דאס איז מיר גאר אין געדאנק ניט געקומען, איך האב נור געקלערט פיעלייכט האט איהר אונווילענד דאס געשפרעך געהערט.

איך האב גאר ניכטס געהערט — האט מאליא שוין רוהיגער גע-

זאגט

זאגט — איך בין אבער זעהר נייגעריג צו וויסען אנטגעגען וואס איהר פרעגט דאס.

ווייל דאס געשפרעך וואס די גרעפין האט געפיהרט דאמאלס מיט חיימן איז זעהר וויכטיג און ווען אזיימיגע פערזאן זאל איהם געווען הערען וואלט דאפאן דער אונגליקליכער קארמעליען הילף געבראכט.

און אייך אינטערעסירט דאס אזויא שטארק איהר אונגליק?

איך מוז אייך די וואהרהייט זאגען דאס איהר אונגליק האט מיין גאנצע רוהע גערויבט, איך שלאף און עס ניט, ערשטענס טוהט מיר זעהר לייד וואס אזא אונשולדיגע זעלע איז זא שענדליך בעשולדיגט געווארען, צווייטענס קרייגקט דאס מיך וואס מיין וואהלטהעטערס טאכטער איז אין אשרעקליך געפאהר און איך קאן איהר ניט העלפען, איך שווער אייך אז איך וואלט מיין לעבען אבגעגעבען אום נור איהר לעבען צו רעטען.

איך מוז אייך זאגען דאס איך בעוואונדער אייער עדעלמוטה — האט מאליא זעהר פריינדליך געזאגט — דאס איז זעהר שיין פון אייך וואס איהר האט אזא דאנקבארעס הערץ, מיט פערגעניגען וויל איך אייער העלפערין זיין אין אייער אונטערנעהמונג דער אונגליקליכער צו רעטען, זאגט נור צו קאן איך אייך דא מיט עטוואס בעהילפיג זיין?

פריילין ראזענהויז! — האט יודעלע מיט פייער אנגעשריא געטאהן — עס איז ווירקליך אגרויסע שאנדע פאר אנ'ארדענטליכען מאן ער זאל דעם צווייטען שפיאנירען, אבער דארט וואו עס אנבעלאנגט צו רעטען דאס לעבען פון אנ'אונשולדיגען גלויב איך אז עס איז די שולד פון יעדען פיינסטען מענשען ער זאל די ראלע פון אשפיאן שפיעלען אום דעם אמת ארויס צו ווייזען. איהר קומט אריין צו דער גרעפין, וויא איך האב געהערט האט זיא אייך ליעב, קאנט איהר דא זעהר פיעל מיטווירקען.

וואס האב איך צו טאהן?

ערשטענס זאלט איהר ערוועקען בייא דער גרעפין אין הערצען מיטלייד צו דער ארמער אונשולדיגער קארמעליע, מיט גוטע קלוגע רייד קאן מען מאנכעס מאהל פיעל מעהר עררייכען אלס מיט מיליאנען רובעלס. צווייטענס זאלט איהר זיטצענדיג בייא דער גרעפין אין הויז נאכקוקען, זיך איינהערען צו יעדע קלייניגקייט, פיעלייכט וועט איהר עטוואס דער שמעקען וואס דורך דעם וועלען מיר קאנען דער האפנונגסלאזער הילפע בריינגען.

איך וועל אזויא טאהן — האט זיא גיענטפערט איהם די האנד דרייכענד — אויף דעם האט איהר מיין האנד מיט מיין עהרענווארט.

א איך דאנק אייך! — האט יודעלע געזאגט איהר האנד דריקענד און זיינע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרערען.

ער איז ווירקליך איין בראפער זעלטענער יונגער מאן — האט מאליא צו זיך אליין געזאגט אלס יודעלע איז אוועק געגאנגען — ניט אומזאנסט וואר ער בעליבט ביא דעם גראף טאבאלסקי, ער האט פער־דינט דיא ליעבע אונ דיא אכטונג פון אלע ארדענטליכע לייט, איך וואלט נימאלס געגלויבט דאס אין דיעזען שטעדטעל געפינט זיך אזא וויכטיגע פערזאן.

ד.

ביי'ם סליעדאוואטעל.

דיא גרויסע אונגליקען וואס דיא צייט שיקט מאנכעס מאהל אויף איין מענשען, ענטמוטהיגען איהם אזויא דאס אבוואהל ער איז גענצליך ריין אונ אונשולדיג, פאנגט ער דאך אן צו גלויבען דאס ער איז ווירקליך אפערברעכער אונ ער האט פערדינט דיא צרות וואס ער האט.

דיא אונגליקליכע קארמעליע וועלכע איז אלס מערדערין יעצט גע־זעסען אין דעם מינסקער געפענגעניס, האט אנגעהויבען צו גלויבען דאס זיא איז ווירקליך איינע געפעהרליכע פערזאן, דען וויא איז דאס מעגליך מען זאל אנ'אונשולדיגען מענשען זא פיעלע ליידען פערשאפען.

זיא איז געזעסען איינגעשפארט אין אנ'ענגען צימער וואו זיא האט פאסט ניט געקאנט אטהמען, דיא אויפזעהערין איבער דיא ווייבליכע ארעסטאנטען איינע געוויסע פרויא סקאטינאווא האט איהר ביטערע לאגע נאך מעהר פערביטערט, זיא האט איהר בעהאנדעלט מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט, זא דאס אלע איבעריגע ארעסטאנטען פון דעם געפענגעניס האבען צווישען זיך גערעדט דאס דיא פרויא סקאטינאווא האט גע־מוזט האפען אשיינע מטבע אום זיא זאל דער ווייסער ראזע קוועלען.

„דיא ווייסע טויב" זא האבען איהר אלע ארעסטאנטען גערופען, זייא האבען פערשטאנען אז דיא מערדערין איז פון אנ'אנדער טייג געקנאטען געווארען אונ זיא איז ניט גלייך צו זייא, אלע האבען בעוואונדערט איהר שענהייט אונ האבען פאר איהר גרוים רעספעקט געהאט, זאגאר אין דיא הערצער פון דיעזע אונמענשען וועלכע האבען קיין מאהל פון קיין מיטלייד געוואוסט האבען אויף דער שיינער ראזע רחמנות געהאט אונ זייא האט שטארק געקריינקט אלס זייא האבען געזעהען דאס דיא

(יוא"ג ח"ג)

הערצלאזע

הערצלאזע סקאטינאווא צווינגט זיא זיא זאל טראגען וואסער אונ טאהן אלע שווערע ארבייט.

סקאטינאווא וואר אפרויא פון אונגעפעהר 40 יאהר, זיא האט נאך געהייסען מעדכען ווייל אין דיא גאנצע 40 יאהר וואס זיא לעבט אויף דער וועלט האט זיך ניט געפונען איין מאנספערזאן וואס זאל דעם וואונש האבען בעגליקט צו ווערען מיט דער האנד פון דער קורנאסער פריילין.

יא סקאטינאווא האט געהאט דאס אונגליק געבארען צו ווערען מיט אזא נעזעל וואס איז בעשטאנען פון אקליינעם שפיטצעל מיט צוייא גרויסע לעכער, פון איהר פריהעסטער קינדהייט האט זיא אליין געהערט אז זיא איז זעהער העסליך, דארום האט זיא פיינד געהאט אלע שיינע פרויען, אבלוטיגעם פיינדין איז זיא געוועזען דער פרויא וועלכע האט אסך אנהענגער געהאט, עפעס האט איהר אוים געזעהען אז נור צוליעב דיא פרויען האט זיא דאס אונגליק געהאסט צו ווערען פון אלע מאנספערזאנען, דארום איז קיין וואונדער וואס זיא האט איהר גאנצען בעס אויסגעגאסען אויף דער שיינער קארמעליע וועלכע האט זאנאר בייא דיא ארעסטאנטען פונ'ם געפענגעניס גרוים חן געהאט אונ זייא האבען זיא רעספעקטירט פיעל מעהר אלס איהר דער שטאלצער סקאטינאוואן.

נור אויסער דעם האט דיא קורנאסע געהאט אורזאכע צו דריקען דער אונגליקליכער קארמעליען, דען עליזאבעטהע האט זיך מיט איהר געזעהען אונ האט איהר זעהער שיין בעפריעדיגט אום זיא זאל געבען צו פיהלען דער געפאנגענער דאס זיא זיצט איינגעשפארט אלס מערדערין אין געפענגעניס, געלד האט סקאטינאווא זעהער ליעב געהאט, פאר געלד איז זיא פערטיג געוועזען אלעס צו טאהן אונ דארום האט זיא פאר דעם געלד וואס עליזאבעטהע האט איהר געגעבען זיא טרייא געדינט אונ האט דער ארעסטאנטין געוויזען דעם גיהנם אויף דער וועלט.

שוין אייניגע מאהל האט מען פון קארמעליען אדאפראס אראפ גענומען, דער גובערנסקער סליעדאוואטעל האט אלע קרעפטע אנגעווענדעט זיא צו בעוועגען זיא זאל זיך מודה זיין אז זיא האט איהר ברודער ערמארדעט, בייא איהם וואר קיין צווייפעל דאס זיא האט ווירקליך דעם מארד בעגאנגען, דען זא האט איהם עליזאבעטהע אויך איהר געליבטער יאהאן קארניצקי פערזיכערט, אונ אלס דיא אונשולדיגע קארמעליע האט געשווארען דאס זיא איז ריין וויא אנ'ענגעל, איז דער שטרענגער סליעדאוואטעל שטארק צארניג געווארען אויף איהר אונ האט איהר געשראקען דאס זיא וועט צום טויט פעראורטהיילט ווערען פאר איהר הארטנעקיגקייט.

דער סליעדאוואטעל האט פאללעס רעכט געהאט צו גלויבען אז נור קארמעליע איז דיא מערדערין פון איהר ברודער, דען עליזאבעטהע מיט יאהאנען האבען ביים דעם פערהער איהם איבערציינגט וויא צוויא מאהל צוויא איז פיער אז נור קארמעליע האט דאס קינד ערמארדעט.

עליזאבעטהע האט ערצעהלט פאלגענדעס: אין אלע צייטען האט קארמעליע ארויס געוויזען אשרעקליכען האס געגען מיר אונ מיין קינד, מיך האט זיא זא פערליימדעט פאר מיין מאן דאס ער האט מיך בעטראכט וויא איינע פאלשע ניעדערטרעכטיגע פרויא ביז ער האט זיך איבערציינגט אז אלעס וואס זיא האט אויף מיר ערצעהלט איז ליגען ער האט פיעל מאהל געוואלט דער שלעכטער טאכטער, דער פערליימדערין פון זיין הויז פערטריבען, נור איך האב איהם דאפאן אבגעהאלטען, ווייל איך האב גערעכינט אז זיא וועט זיך בעסערען, ענדליך אבער אלס מיין מאן האט זיא אליין דערטאפט וויא זיא האט געשעפטען מיט זאלכע פערזאנען וואס עס איז גאר אשאנדע זיך מיט זייא צו בעגעגנען אונ האט אויך בעמערקט דאס זיא וויל מיין ליעב קינד פון דער וועלט פערטרייבען אום זיא זאל אליין בלייבען דיא ערבין פון זיין קאפיטאל האט ער ניט קוקענדיג אויף מיינע ביטטען זיא פון זיין הויז פערזאגט, דאס הערץ האט מיר פון דאמאלס אן געשראקען, איך האב דייטליך ארויס געזעהען אז מיין קינד איז אין געפאהר, דארום האב איך אנגעזאגט אלע מיינע בעדינטע מען זאל דער בעסטיע אין שלאס ניט אריינלאזען, צום אונגליק אבער האט איהר פארט געלונגען זיך דורך אזייטיגע טיהר אריין צו גנבענען אינ׳ם שלאס אונ איהר מערדערישען ציעל צו ערדייכען.

צווישען דיא אונאנשטענדיגע מענשען מיט וועלכע קארמעליע האט געהיימניסע געהאבט האט עליזאבעטהע גערעכינט דעם זשיד יודעלע פיינהערץ.

יאהאן קארניצקי האט פאר דעם סליעדאוואטעל ערצעהלט פאלגענדעס:

איך בין שוין לאנג פערעכינט אלס טאבאלסקים אהויז פריינד. אין פאריז וויא אויך דא אין זיין שלאס וואר איך זיין הויז ארצט, פאר מיר האט דער גראף אימער זיין הערץ געעפינט אונ האט מיך מיט אלע זיינע געהיימניסע אנפערטרויעט, ער האט זיך פיעל מאהל פאר מיר געקלאגט דאס זיין טאכטער קארמעליע פערשאפט איהם גרויסע שמערצען דורך איהר אונארטיגעס אויפפיהרונג. איין מאהל אלס זיין קינד דער קליינער קאליא איז קראנק געוועזען האט מיך דער גראף זעהער בעזארגט געפרעגט צו בעמערק איך ניט אין דעם קינדס קראנקהייט אזייטיגע

אורזאכע.... דאביא האט ער מיך געבעטען איך זאל קארמעליען צום קינד ניט צולאזען, אבוואהל ער האט מיר ניט געזאגט ווארום ער פערלאנגט דאס האב איך פערשטאנען אז ער ציטערט דאס זיין טאכטער זאל דעם קינד קיין שלעכטעס צופיגען, אין דעם טאג ווען דער מארד איז געשעהן האב איך געזעהן קארמעליען זעהער האסטיג אונ ערשראקען לייפענדיג דורך דעם גארטען צו דער נייטיגער טיהרל, איך האב פערשטאנען אז דא האט עטוואס שרעקליכעס געמוזט געשעהן, דארום בין איך אריין געלאפען צו דער גרעפין אונ האב איהר ערצעהלט וואס איך האב געזעהן. קוים האט דיא גרעפין מיינע ווארטען געהערט האט זיא אנגעשרייא געטאהן: וואו איז מיין קינד? מען האט אנגעהויבען דאס קינד צו זוכען אונ מיא האט איהם געפונען ערטרונקען אין טייך.

אויך אלע בעדינטע פונ'ם שלאס האבען אום פורכט פאר דער גרעפין עליזאבעטהע בעוויזען דאס נור קארמעליע איז דיא מערדערין פונ'ם קליינעם ערטרונקענעם קאליא.

דער סלעדאוואטעל האט געפונען פאר נעטהיג אויך ארויס צו רופען יודעלען וועלכער וואר וויא עליזאבעטהע האט געזאגט פון קארמעליעס פערטרויעטע פריינדע.

דער אלטער גרונם מיט יודעלעס מוטער אסתר זיינען ערציטערט געווארען אלס עס איז אנגעקומען דיא העראויספאדערונג פון סלעדאוואטעל אז זייער יודעל זאל זיך באלד צו איהם מעלדען אלס ציינע אין קארמעליעס פראצעס, זייא האבען געמיינט אז מיא שיקט איהם שוין נאך סיביר אוועק, אבער יודעלע אליין וואר שטארק צופריעדען דאמיט, איהם האט זעהער געפרייעט וואס ער איז אין שטאנד אגוט ווארט צו זאגען פאר דער אונגליקליכער יונגער גרעפין.

ער האט זיך צו דער בעשטימטער שטונדע געמעלדעט בייא דעם שטרענגען סלעדאוואטעל אין דעם פערהערם צימער.

דער סלעדאוואטעל האט איהם מיט פארשענדע בליקען איינינע מינוטען בעטראכט נאכהער האט זיך אנגעהויבען דער פערהער.

פון וואנען ביזט דוא אליין?

אויס דעם שטעדטעל הארידאק.

וויא אלט ביזט דוא?

צוואנציג יאהר.

פערהייראטהעט?

ניין.

ביזט דוא שוין אמאהל געוועזען אין עטוואס בעשולדיגט פאר דעם געריכט?

ניין.

מיט וואס בעשעפטיגסט דוא זיך ?

איך בין אמאלער.

קאנסט דוא זיך שוין לאנג מיט דער יונגער גרעפין קארמעליע טאבאלסקי ?

ביינאהע דרייא מאנאטען .

האסט דוא זיך מיט איהר אפט געזעהען ?

זעהער אפט , דען פאסט יעדען טאג פלעג איך בעזוכען דעם גראף טאבאלסקי וועלכער האט מיך זעהער ליעב געהאט .

וויא קומסט דוא צו דעם גראף טאבאלסקי ?

דעם גראף איז מיין ארבייט זעהער געפעלען געווארען , נאך זיין מיינונג קאן איך מיט דער צייט זיין אגרויסער קינסטלער , דארום האט ער מיך געוואלט אויף זיינע הוצאות שיקען נאך איטאליען איך זאל מיך דארט לערנען דיא מאלערייא .

וויא זיינען געוועזען זיינע פערהעלטניסע צו זיין טאכטער ?

ער האט קארמעליען זעהער געליבט , נאר אין דער לעצטער צייט האט דיא גרעפין עליזאבעטהע געמאכט צווישען איהם מיט דער טאכטער אזא אינטריגע , דאס דער גראף האט זיין ליעב קינד פערהאסט אונ האט זיא זא גערזידעלט דאס זיא האט עס ניט געקאנט איבערטראגען אונ האט זיין הויז פערלאזען .

פון וואנען ווייסט דוא דאס ?

מיר האט דאס ערצעהלט דער אלטער בעדינטער בערנהארד .

אונ דוא גלויבסט אז דיא גרעפין האט ווירקליך נור אנ'אינטריגע געמאכט נור אויס האס צו דער שטיפטאכטער ?

איך בין אין דעם פעסט איבערצייגט, דען דיא גרעפין איזט איינע פון דיא שענדליכסטע פרויען אין דער וועלט .

וויא זא ווייסט דוא דאס ?

איך זעלבסט האב איהר שענדליכקייט געזעהען .

וואס האסט דוא געזעהן ?

יודעלע האט איהם ערצעהלט אלעס וואס ער האט געזעהען אונ געהערט אין גארטען דאמאלס ווען ער האט דארט דער גרעפין געטראפען מיט קארניצקין .

דער סליעדאוואטעל האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט , זיינע קלוגע אויגען האבען באלד געזעהן דאס דיעזער יונגער מאן געהערט ניט צו דיא פערדארבענע מענשען וואס עליזאבעטהע האט געזאגט , אין געגענטהייל ער שיינט צו זיין זעהער אבראפפער ארדענטליכער יונג .

דוא ווייסט אבער וואס דיר קומט פאר אזעלכע ווארטען אינ'ם פאל ווען עס וועט זיך הערויסצייגען אז דאס איז ליגען ?

דיא גרעסטע שטראפע אין דער וועלט בין איך פערטיג צו עמפפאנגען אויב עס וועט זיך הערויסווייזען אז איך האב ליגען געזאגט .

האסט דוא דען בעווייזע דיינע ווארטען צוצובעשטעטיגען ?

יא .

וואס זיינען דאס פאר בעווייזע ?

געוויס ווייסט איהר הערר סליעדאוואטעל דאס דער גראף טאבאלסקי האט דעם דאקטאר קארניצקי אזויא געהאסט דאס ער האט קיין מאהל אין זיין שלאס געטאהרט אריינקומען .

ניין איך וויים דאס ניט, אין געגענטהייל, לויט איך האב געהערט איז קארניצקי ביי׳ם גראף זעהער טהייער געווען , ער וואר זיין הויז פריינד אונ פאמיליענארצט .

מען האט אייך פאלש ערצעהלט , פרעגט אלע בעדינטע פונ׳ם שלאס וועלען זייא אייך זאגען דאס קארניצקין האט מען קיין מאהל אין שלאס געזעהן , נור איך איינער האב איהם געזעהן אין גארטען פונ׳ם ־לאס אין יענער נאכט ווען ער האט דארט ראמאנסירט מיט דער עפין, איהר וועט מיינע ווארטען ניט גלויבען אבער דאס וועט קיינער ־ליינגען אז קארניצקי האט זיך ניט געטאהרט ווייזען אינ׳ם שלאס , ־זא איז דאך דיא פראגע וויא קומט דאס וואס יעצט איז ער אין לאס אנאנצער ווירטה געווארען אונ דיא גרעפין גיט זיך גאר אהן הם ניט אריהר, איז דאס ניט אבעווייז אז זיא האט שוין לאנג גע־ זט מיט איהם אנוט לעבען הינטער דעם מאנס פלייצעס ? עס איז יך קיין וואונדער וואס דיאביידע זוכען יעצט קארמעליען צו בעגראבען ם קיינער זאל זייא אין וועג שטעהען .

דער סליעדאוואטעל האט יודעלען פערוואונדערט אנגעקוקט , ער זט פערשטאנען אז דאס יודעל האט איהם נור דיא ריינע וואהרהייט ־צעהלט אלזא איז דאך דער דאקטער וועלכער האט איהם ערצעהלט ער וואר ביי׳ם גראף זעהער בעליעבט אשווינדלער אונ אליגנער נדער גלייבען .

ער האט יודעלעס אלע ווארטען פערשריבען אונ האט געזאגט : א קאנסט דער וייל געהען, דוא זאלסט אבער בערייט זיין נאך איינינגע זהל צו מיר צו קומען ווען איך וועל דיך הערויסרופען .

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען וועל איך צוא יעדער צייט קומען האט יודעלע געענטפערט — איך רעכען דאס פאר מיין היילינגסטע פפליכט ־ם צו ווייזען דיא אונשולד פון דער אונגליקליכער יתומה. אך וויא קליך וואלט איך געוועזן ווען איהר הערר סליעדאוואטעל זאלט מיר

קאנען טאהן דאס געפאלען אונ מאכען איך זאל מיך קאנען זעהען מיט דער ארמער קארמעליע אין געפענגניס .

ווארום פערלאנגסט דוא דאס ?

איך וויל זיא זעהן , איך וויל מיט איהר ריידען , איך וויל איהר געבען מוטה זיא זאל האפען דאס איהר אונשולד וועט בעוויזען ווערען .

ער האט דיא ווארטען מיט אזא פייער געזאגט דאס מען האט זעהער לייכט געקאנט מיינען אז ער איז אין קארמעליען שטערבליך פערליעבט . דער סלעדאוואטעל האט דאס אויך געגלויבט אונ איהם איז איינגעפאלען ער זאל דא מאכען אפראבע .

איך קאן דאס דיך אויספיהרען — האט ער גיענטפערט יודעלען — נאך הייטע זאלסט דוא זיך מיט איהר זעהען , איך וועל שוין מאכען מען זאל דיך צו איהר אריינלאזען ריכטיג אום פיהר אוהר נאך האלבען טאג זאלסט דוא קומען אין אסטראג מיט דיעזער קארטע וועט מען דיך פיהרען גלייך צו דער ארעסטאנטין אין צעללע .

מיין בעסטען איניגסטען דאנק פאר דער גנאדע ! — האט יודעלע אנגעשריא געטאהן אונ זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרערין .

ער האט צוגענומען דיא קארטע וואס דער סלעדאוואטעל האט איהם געגעבען אונ איז ארויס געלאפען העכסט פערגעניגט .

דער יונגער מאן איז וויא איך בעמערק פערליבט איבער דיא אהרען אין דער יונגער גרעפין — האט דער סלעדאוואטעל געזאגט אלס ער איז אליין געבליבען — ער ווייזט אויס ניט אזויא פערדארבען צו זיין וויא דיא גרעפין האט מיר ערצעהלט , אבער עס קאן אלעס מעגליך זיין , עס קאן זיין אז דיא גרעפין האט מיר דיא וואהרהייט געזאגט אונ וויא באלד דער זשידאק איז מיט איהר אגרויסער מחותן האט ער אויך פון דעם מארד ריכטיג געוואוסט, ווען זייא וועלען ביידע זיין אונטער פיער אויגען וועלען זייא געוויס וועגען דעם געגענשטאנד ריידען אונ דער מענש וואס וועט פון יענער זייט וואנד זייער געשפרעך הערען קאן גאר אהן מיהע אלעס ערפאהרען .

ה.

ביא דער גרעפין .

דיא ראכע וואס דיא גרעפין עליזאבעטהע טאבאלסקי האט ער-לעבט צו זעהען אז איהר פערהאסטער שטיעפטאכטער , האט אלע

איהרע וואונדען פערהיילט, זיא האט שוין פאסט אין נאַצען פערגעסען איהר קינד אונ האט יעצט געלעבט מיט דער האפנונג צו הערען קארמעליעס שרעקליכען אורטהייל. ביי איהר וואר קיין צווייפעל דאס מען וועט דער מערדערין פעראורטהיילען צו עוויגע קאטארגע.

זיא איז זעהער דאנקבאר געוועזען איהר געליעבטען קארניצקי דאפיר וואס ער האט איהר מיטגעהאלפען קארמעליען צו בעגראבען, דער צוקונפט האט זיך פאר איהר יעצט פארגעשטעלט אין פאללען פראכט, זיא איז יעצט דיא אונשטרייטבארע איינענטהימערין פון טאבאלסקים מיליאנען אונ זיא קאן אונגעשטערט הייראטען מיט איהר ליעבען יאהאנען.

מיר זעהען זייא יעצט ביידען זיטצענדיג אין דער גרעפינס סאלאן ביי אַרייכגעדעקטען טיש אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען אפאר פלאשען גוטע שאמפאניער, ביידע וואַרען העכסט מונטער אונ צו פריעדען.

דיא גרעפין האט איהר געליעבטען ערצעהלט פון דעם אונגליק וואס האט זייא געקאנט טרעפען דורך אגאפיא בארניצקאיא, וועלכע האט אין דיא הענד געהאט אזא שרעקליכען געפאהרפאלען דאקומענט, זיא האט זיך בעריהמט וויא מייסטערהאפט אונ קונסטפאלל זיא האט געארבייט ביז זיא האט בעקומען פון אגאפיעס הענד דעם דאקומענט.

דאס איז ווירקליך געוועזען אזא וואלקען וואס האט געקאנט אונזער הימעל פערדונקעלען — האט קארניצקי געענטפערט — אונ מיך פרייט זעהער וואס דיר מיינע טהייערע האט געלונגען דיעזען וואלקען צו פער־יאגען בעפאר לייט האבען איהם דער זעהען, אבער ביזט דוא האטש זיכער אז אגאפיע וועט קיינעם ערצעהלען פון דעם געשעפט וואס זיא האט מיט דיר געמאכט?

זיא וועט שווייגען — האט עליזאבעטהע פערזיכערט — דען וואס וועט איהר ארויסקומען פונ'ם ריידען, זיא איז יעצט גליקליך מיט דעם געלד וואס זיא האט ביי מיר גענומען, פאר איהר איז דאס אַנ'אונגעהייער גרויסער קאפיטאל, זיא איז אוועק געפאהרען צו איהר טאכטער אין דעם דארף יענקי אונ וועט שוין דארט זיטצען ביז צו איהר טויט.

איך גלויב אז מיר מאגען שוין טראכטען וועגען אונזער חתונה האט קארניצקי מיט אליעבליך שמייכעל געזאגט.

מיר האבען גאר ניט וואס צו טראכטען, באלד וויא קארמעליעס פראצעס וועט זיך ענדיגען וועלען מיר פאהרען נאך פאריז אונ דארט הייראטען, דא טאהרן מיר דאס ניט טאהן, דען שלעכטע צונגען וועלען האבען גענוג שטאף זיך לוסטיג צו מאכען אויף אונזער רעכנונג אונ דיא וועלט וועט אנהויבען צו פערשטעהען אז מיר זיינען שוין לאנג בעקאנט.

ווער ווייס אבער וויא לאנג דער פראצעס וועט זיך ציהען ?

ער וועט זיך ניט לאנג ציהען — האט דיא גרעפין פערזיכערט — דען דער סליעדאוואטעל אויך דער פראקוראר האבין מיר פערשפראכין צו מאכין וואס גיכער אנ׳ענדע מיט זייערע נאכפארשונגען אום דער פראצעס זאל זיך פאר אסוד פריסיאזשניק (געשווארענע) ערקלערין . איך האב שוין פערזארגט אז פאר דער מערדערין זאל זיך קיין רעכטער אדוואקאט אלס פערטהיידיגער אין געריכט שטעלין . וואס דיינקסט דוא מיין ליבער יאהאן וועגין דעם פסק וואס זיא וועט האבין ?

איך דיינקע דאס מען וועט זיא אויף עוויגע קאטארגע פערשיקען .

איך רעכין אויך אזו , שאדע וואס מען פערארטהיילט אין רוסלאנד קיין מערדער צום טויט , איך וואלט וועלין מיט מיינע אויגין זעהן וויא דער הענקער שניידט איהר דעם קאפף אב .

עס מאכט ניט אויס — האט קארניצקי געלאכט — עוויגע קאטארגע מאג מען איהר אויך פערגינען , דאס איז אויך ניט פון דיא לאקאמע שפייזען .

דער בעדינטער האט גימעלדעט דאס העלענא דאמבראוסקי איז דא אונ זיא ווינשט צו שפרעכין מיט דער גרעפין .

אהא ! — האט עליזאבעטהע אגעשרייא געטאן — קארמעליעס שוועסטער איז דא , זעהר גוט זאל זיא אריין קומען , איך האב יעצט דיא געלעגענהייט איהר בלוט צו צאפין דאפיר וואס זיא האט מיינע ערנסטע פריינדין אין איהר הויז אריין גענומען אונ האט זיא זא צערטליך בעהאנדילט .

ווער איז דיא פרויא דאמבראווסקי ? — האט יאהאן גיפרעגט .

דאס איז דיא פרויא וואס ביי איהר אין הויז האט זיך דיא מערדערין קארמעליע דיא גאנצע צייט בעהאלטין :

וויא איז איהר נאמען ?

דוא האסט דאך שוין גיהערט אז זיא הייסט העלענא דאמבראווסקי .

קארניצקי איז בלאס געווארין וויא דער טויט , ער האט שנעל זיין געזיכט אומגיווענדעט דיא גרעפין זאל ניט באמערקין וואס פאר א שרעק דער נאמען האט אויף איהם ארויף געווארפין . באלד האט ער זיך פון זיין ארט אויפגיהויבין אונ האט געזאגט : מיר איז שרעקליך הייס , איך מוז ארויס גיין אויף דער פרישער לופט , דוא וועסט מיך טרעפין אין גארטען .

אונ ניט ווארטענדיג אויף איהר אנטווארט איז ער שנעל ארויס געגאנגען דורך דער טיהר וואס פיהרט אין גארטען .

דיא גרעפין האט דיא מינדעסטע אויפמערקזאמקייט ניט געשיינקט איהר געליבטענס ארויס גאנג אונ האט מיט זעהר אנ׳ערינסטע מינע ערווארטעט דער מאדאם דאמבראווסקי וועלכע איז באלד אריין געקומען .

דוא ביזט געוויס געקומען זיך ערקונדיגען וועגען דיין ליבליג דיא פייגע ארדענטליכע קארמעליע .

אז מיין קארמעליע איז פיין אונ ארדענטליך דאס צווייפלע איך ניט — האט העלענא גיפטיג גיענטפערט — אונ ווען זאגאר דיא גאנצע וועלט וועט שרייען אין איין שטימע אז זיא איז אמערדערין וועל איך איינע זאגין אז זייא זיינען אלע דום , דען נאך אזא ארדענטליך קינד וויא זיא איז, איז אין דער גאנצער וועלט ניטא .

דוא ביזט געקומען וויא איך זעה זיך רייצען מיט מיר — האט עליזאבעטהע צארניג אגעשרייא געטאן .

דוא מאגסט זיין אין כעס גרעפין , דוא מאגסט מיך הייסען פון דיין הויז ארויס יאגין זאגאר שלאגין , אונ איך וועל דיר אפען זאגין אז דוא האסט זיך שטארק פערזינדיגט געגין גאט דאמיט וואס דוא פערפאלגסט אזו אונגערבארמליך אנ'עלענדע יתומה .

האב איך פילייכט ניט דאס רעכט דיא מערדערין פון מיין קינד צו פערפאלגין ? — האט דיא גרעפין וויטהענד געזאגט .

דאס איז אליגען — האט העלענא העכסט אויפגערעגט גיענטפערט — זא נאר וויא גאט לעבט אז דאס איז אליגען , אין דיין קינדס טויט איז קארמעליע ניט שולדיג , איך וויים אז זיא האט דיין קליינעם זאהן געליבט וויא אגוטע צערטליכע שוועסטער .

זיינען מיר אלע ליגנער אדער דומע מענשין נור דוא אליין ביזט ארדענטליך אונ קלוג , זיינען דען ניט פאראן לעבענדיגע פאקטען אז נור דיין פייגע ארדענטליכע קארמעליע האט מיין קינד ערמארדעט .

גרעפין ! — האט העלענא מיט פייער געזאגט — איך וויל ניט גלויבין אז אין דיר האבין זיך אלע מענשליכע געפיהלע אויס געלאשין , איך וויל בעסער גלויבין אז שלעכטע מענשין האבין דיר דיא אויגין פערבלענדעט דוא זאלסט ניט זעהן וויא דיא זאנגע שיינט , דארום בין איך געקומען זיך פרובין דיר דיינע אויגין צו עפינען דוא זאלסט זעהן אז דאמיט וואס דוא פערפאלגסט זא הערצלאז דער אונשולדיגער קארמעליע פערשמוטצט דוא אויף אימער אונ עוויג דיין נאמען מיט דיין זעעלע , מיר זיינען יעצט אונטער פיער אויגין דארום נעם איך דיא פרייהייט דיר צו זאגין , אז דוא ווייסט אזו גוט וויא איך דאס קארמעליע איז ניט שולדיג אין דעם וואס איהר פאטער האט זיא פלוצלונג פערהאסט אונ פון זיין הויז פעריאגט , שולדיג אין דעם ביזט דוא אליין .... אויך אין דעם וואס מען בעשולדיגט קארמעליען אין דיין קינדס טויט ביזט דוא אליין שולדיג , דען ווען דוא זאלסט זוכין דעם מערדער אויסער אבצושטעלין דיין פערדאכט אויף קארמעליען וואלסט דו אים געוויס געפינען , יעצט איז דאס ארמע מעדכען אין גרעסטין געפאהר , עס איז זעהר מעגליך דאס מען זאל זיא אלס שולדיג ערקלערין אונ זיא פעראורטהיילען , דען איין שוואכעס מעדכען

קאן ניט בעשטיין געגין הונדערטער געזונדע שטארקע פערפאלגער, נור וויסען זאלסט דוא דאס ווען מען וועט דער אונגליקליכער אין אבגרונד ווערפין וועט דאס דיר ניט נישיינקט ווערין, גאט שווייגט ניט ווען מען פערגיסט אונשולדיגע בלוט, דוא וועסט ענדליך בערייהען דאס גראסע אונפערצייליכע אונרעכט וואס דוא טוסט געגין קארמעליען אבער עס וועט שוין זיין צו שפעט.

אבער וויא זא וואגסט דוא מיר מאראל צו פרעדיגען — האט דיא גרעפין שטאלץ גיפרעגט — דוא פערגעסט דאס איך בין דיא גרעפין טאבאלסקי.

צום אונגליק האסט דוא זעלבסט פערגעסין דאס דוא ביזט דיא גרעפין טאבאלסקי ··· — האט העלענא אונערשראקין גיענטפערט — דען ווען דוא זאלסט דאס געדיינקען וואלט אלעס אנדערש גיוועזען, נור דוא מאגסט זיין ווער דוא ווילסט, איך בין ניט געקומען צו דיר גנאדע בעטין, איך בין נור גיקומען דיך ערינערין דאס ווערענד דוא בעשולדיגסט אנ'אונשולדיג קינד אין מערדערייא בעגעהסט דוא זעלבסט אנ'אונפערצייליכען מארד, איך האב ביז אהער פאר דיר דאס גרעסטע רעספעקט געהאט, יעצט אבער זאג איך דיר דיא וואהרהייט דאס איך האב דיא גאנצע אכטונג צו דיר פערלארין, איך וועל נעווים אלע מיינע קרעפטע אנווענדען קארמעליען צו רעטען דאמיט וואס איך וועל בעווייזין ווער איהרע פערפאלגער זיינען ··· איך ווייס אלעס, געדיינק מיינע ווארטען גרעפין.

אונ אהנע צו ווארטין אויף אנ'אנטווארט איז זיא ארויס געלאפין.

דאס איז אונפערשעמט! — האט עליזאבעטהע צארניג געזאגט אלס זיא איז אליין געבליבען — דאס הייסט פרעכהייט, איך הייב אן צו גלויבין דאס דיא בעטיע האט אויך אנטהייל גענומען אין מיין קינדס מארד, ווארט דוא קאנאליע, דוא וועסט ביא מיר געהן אהין וואו דיין ליבלינג קארמעליע זיטצט.

גרעפין! — האט דער בעדינטער געמעלדעט — דיא יודין מאליא ראזענהויז ווינשט מיט אייך צו שפרעכין.

איך קאן זיא יעצט ניט עמפפאנגען — האט דיא גרעפין אויפגערעגט גיענטפערט — מען דולט מיר שוין דעם קאפף צו פיעל.

דער בעדינטער האט זיך געוואלט ענטפערנען, נור דיא גרעפין האט איהם צוריק גערופין. „זאל זיא אריין קומען” האט זיא געזאגט, איך וויל וויססען וואס פערלאנגט זיא, דוכט זיך קיין געלד קומט איהר פון מיר ניט.

אין איינינע מינוטען ארום איז מאליא אריין געקומען.

זייא ווערדען מיר ענטשולדיגען גרעפין וואס איך שטער פיליכט אייער רוהע — האט דאס מעדכען מיט איהר פריינדליכען שמייכעל געזאגט — איך בין יעצט צו אייך געקומען וועגין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען.

וואס מיינט איהר מיט דיא ווארטען? — האט עליזאבעטהע נאייגיעריג גיפרעגט.

איך וויל אלס ציינין פיגורירען אין דעם פראצעס וועגין אייער קינדס שרעקליכען טויט .

אלס ציינין ווילט איהר פיגורירען ? ווייסט איהר דען עטוואס ?

איך האב מיך ערינערט דאס אין יענער צייט ווען דער מארד איז געשעהן וואר איך דא אין שלאס , איך בין דאמאלס געקומען מיט ארעכנונג צו אייך , אבער איך האב אייך צו הויזע ניט געטראפין , דארום האב איך געווארט ביז איהר וועט צוריק קומען , מיר איז געווארין זייער לאנגווייליג צו זיטצען אין צימער בין איך דארום אינ'ם גארטען אביין געקומען אונ האב אליין געזעהן וויא קארמעליע איז געלאפין זעהר ערשראקען דורך דעם גארטען .

אויף דעם זיינען שוין דא פיעלע צייגען .

דאס שאדעט ניט ווען עס וועט זיין נאך איינער .

זעהר שיין — האט דיא גרעפין פריינדליך געזאגט — איך וועל אייך דאפיר זעהר דאנקבאר זיין .

ו.

דער פערליימדער.

מען האט יודעלען ארויס גערופין אין מינסק צו אסלעדסטוווא .

דיא נייעס האט מען אין אלע הארידאקער הייזער ערצעהלט , אונ דער עולם האט אויף דעם גימאכט פערשידענע קאמענטאריומס (פירושים) , אייניגע האבין בעהויפטעט דאס ער איז אויך פערמישט אין דעם פראצעס אונ ער וועט געוויס זעהר מיאוס אבשניידען , אנדערע האבין געזאגט אז דיא גרעפין וויל בייא איהם נעמען דאס גאנצע געלד וואס דער גראף האט איהם גיגעבין , דאריבער האט מען איהם ארויס גערופין צום מינסקער געריכט ער זאל ערקלערין פאר וואס דער גראף האט איהם געלד געגעבין , ווידער אנדערע האבין זייער מיינונג געזאגט : דאס יודעלע איז גאר פשוט געפאהרין אין מינסק מיט זיין גוטען ווילען מיט דער האפנונג אז ער וועט זיך דארט זעהן מיט דער חצופה קארמעליע וועלכע ער האט זעהר ליב .

איהר וועט זעהן וואס פאר אשווארצין סוף דער עוכר ישראל וועט האבין האט געטענהט חאצקעל דער בעל טקסא אין בית מדרש , איך האב שוין לאנג נביאות געזאגט אז דער ימח שמו'ניק וועט מיט זיין טויט ניט שטארבין , עפעס אקליינינקייט אזא יונגער שקץ קריכט שוין אין אזעלכע הייכע פענסטער וויא למשל צו דעם גראף טאבאלסקי אין שלאס , ווארט איהר וועט זעהן וואס פאר אפינסטערין סוף ער וועט האבין .

אלע וואס האבין דיא ווארטין גיהערט האבין געגלייבט אז רבי חאצקעל

האט רעכט , דעם גרעסטין טהייל האט דאס שטארק הנאה געטאן וואס דער גליקליכער יודעלע וועט אונגליקליך ווערין , דיא איבעריגע האבין אבער מיטלייד געהאט מיט דעם טאלענטפאלען ארדענטליכען יונגען מאן .

ארחמנות געביך אויף איהם ! — האבין זייא צווישען זיך געטענהט — אונ נאך אגרעסערער רחמנות איז אויף דעם אלטען גרונם'ן אונ אויף אכתר'ן , וואס וועלין דיא עלענדע טאהן אן יודעלען וועלכער איז זייער איינציגע שטיצע אין זייער שרעקליכער לאגע .

איך רעכין אבער אז יודעלע וועט ניט פערפאלין ווערין — האט זיך איינער אבגערופין — איהר וועט זעהן אז ער וועט זיך פון דעם אונגליק אויסדרייען וויל ער האט אגרויסין צד אין טיש .

וואס איז דאס פאר אצד ? האבין איניגע גיפרעגט .

ער איז עפעס געווארין אגרויסער איינגייער צו שלמהקע ראזענהויז אין שטוב , שלמה אונ זיין גאנצע פאמיליע האבין יודעלען זייער ליב באקומען , נוא אונ איהר ווייסט דאך אז שלמהקע איז אגאנצער תקיף אומעדום , מסתמא וועט ער איהם ניט לאזין פאלין .

וואס וואס זאגסט דוא ? — האט חאצקעל וועלכער האט דיא ווערטער ערהערט גיפרעגט — יודעלע איז געווארין אנ'איינגייער צו שלמהקע ראזענהויז אין שטוב ? וויא קומט ער אהין ?

וויא ער קומט אהין ווייס איך ניט , נאר איך אליין האב איהם דארט געזעהן , איין מאהל האב איך איהם געטראפין זיטצענדיג מיט זייא ביים טיש אונ ער האט מיט זייא געגעסין מיטאג , אצווייטין מאהל האב איך איהם דארט געטראפין וויא ער איז גיזעסין בייא שלמהקען אין זאאל מיט מאליען , זייא האט פאר איהם געשפילט פיאנא אונ ער איז זיך גיזעסין וויא אגראף אויף אווייכין שטול אונ האט זיך איינגיהערט צו איהר שפילען .

האסט דוא דאס אליין געזעהן ?

זעהן זאל איך אזוי וועמען מיר איז ליב וויא איך האב דאס אלין אליין געזעהן .

איך זאג אייך יודען אז דער ימח שמו ניק איז ניט קיין מענש נור אשד — האט האצקעל צארניג אויס געשריען — וויא גיפעלט אייך דיא חוצפה וויא ער קריכט אומעדום אונ מאכט זיך אין אלע גרויסע הייזער הײמיש , נור ווארט איהר וועט זעהן וואס פאר אחתונה איך וועל איהם אויפשפילען , ער וועט שוין מעהר צו שלמהקע ראזענהויז ניט טארין אריין שמעקין .

אין דעם זעלבין טאג איז רבי חאצקעל אריין געקומען צו שלמהקע ראזענהויז אין קראם , מיט אנ'אויסרייד קויפין פאר זיין טאכטער וויא אויך פאר זיין קינפטיגען שוויגער זאהן חתונה קליידער .

אין קראם זיינען צו יענער צייט געזעסין דיא מאדאם דבורה ראזענהויז אונ איהר טאכטער מאליע .

חאצקעל (יוא"ג ח"ג)

חאצקעל הָאט זִיךְ גִיהֵייסִין נִייזִין פֶּערְשִׁידֶענֶע וַואארֶע , הָאט גִיפְּרֶעגְט זַייעֶר פְּרַייז , אוּנ הָאט פֶּערְשְׁפְּרָאכִין צוּ קוּמֶען מִיט זַיין טָאכְטֶער דִיא וַואארֶע צוּ קוֹיפִין ׃

וֶוען דַארְף דָאס זַיין אַייעֶר טָאכְטֶערְס הָאכְצַייט? הָאט דבורה גִיפְרֶעגְט ׃ נָאךְ אִין פִיער וָואכִין אַרוּם . קָאנְט אִיהר מַיין חָתָן ?

נֵיין אִיךְ הָאבּ נָאךְ דִיא עֶהרֶע נִיט גֶעהַאט — הָאט דִיא פְרוֹיא מִיט אַלַייכְטֶען שְׁמַייכֶעל גִיעֶנְטְפֶערְט — גֶעווִיס הָאט אִיהר פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען אַרֶעכְטִין בְּרוֹיטִיגַאם ׃

אֲרֶעכְטְס צוּ אַרֶעכְטְס אִיז נִיט גְלַייךְ — הָאט חאצקעל מִיט פַייעֶר גֶעזָאגְט — אִיךְ זָאג אַייךְ מַאדַאם אַז וֶוען אִיךְ זָאל מַיין טָאכְטֶער גֶעבִּין הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל נַדן וָואלְט אִיךְ קַיין בֶּעסֶערִין חָתָן נִיט גֶעפוּנֶען , עֶר אִיז אַמוּשְׁלָם בְּכָל הַמַעֲלוֹת , אוּנ וֶוענִין זַיין לוּמְדוּת אִיז גָאר נִיטָא וָואס צוּ רֵיידִין , בַּייא מִיר אִיז קַיין סָפֵק נִיט אַז עֶר וֶועט גַאנְץ גִיךְ וֶוערִין אַרַב אִין דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁטָאדְט , הַיינְט אִיז עֶר אַחָכָם , אִיךְ זָאג אַייךְ בְּנֶאֱמָנוּת אַז עֶר מָאג זַיין אַמִינִיסְטֶער , עֶר דֶערְקָאנְט אַמֶענְשִׁין מִיטִין עֶרְשְׁטִין קוּק , אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶער צֵיילִין אַקְלֵיינִיגְקֵייט וֶועט אִיהר דֶער פוּן פֶערְשְׁטֵיין וָואס פַאר אַחָכָם עֶר אִיז , דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל אַז עֶר הָאט דֶער זֶעהן יודעלע נרונם׳ס , נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַפֵיינֶעל דָאס אִיז , הָאט עֶר מִיר בַּאלְד גֶעזָאגְט ׃ מְחוּתָּן אִיהר זָאלְט ווִיסֶען אַז דֶער יוּנְג אִיז אַנִיפֶּעהְרְלִיכֶע זַאךְ , מֶען דַארְף זִיךְ פַאר אִיהם הִיטֶען ווִיא פַאר פַייעֶר , אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶענְסְמָאלְט אוֹיס גֶעלַאכְט פוּן אִיהם , וַוייל אִיךְ הָאבּ אִין יודעלען קַיין שְׁלֶעכְטְס נִיט גִיזֶעהן , צוּם סוֹף הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז מַיין חָתָן אִיז אַחָכָם ׃

אִיךְ זֶעה נָאךְ נִיט דִיא חָכְמָה — הָאט דבורה גִיעֶנְטְפֶערְט — וָואס פַאר שְׁלֶעכְטֶעס הָאט אִיהר דֶען אִין יודעלען בֶּעמֶערְקְט ?

וָואס פַאר שְׁלֶעכְטֶעס ? גָאט אִיז מִיט אַייךְ אִיהר זָאלְט דָאס פְרֶעגִין אִיז מִיר אַוואוּנְדֶער , ווייסְט אִיהר דֶען נִיט אַז אַזַא כָּלְבּוּנִיק אִיז גָאר אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט נִיטָא ׃

נֵיין אִיךְ ווייס נִיט , מִיר שַׁיינְט אִין גֶעגֶענְטְהֵייל אַז עֶר אִיז זֶעהר אַפֵיינֶער אָרְדֶענְטְלִיכֶער יוּנְגֶער מַאן ׃

חַא חַא חַא ! אַפֵיינֶער אָרְדֶענְטְלִיכֶער יוּנְגֶער מַאן ? גָאט זָאל מִיט זַיין כַּשְׁרֶה הַאנְד מִיךְ אוּנ אַייךְ אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל אַיינְהִיטֶען פוּן אַזֶעלְכֶע אָרְנְטְלִיכֶע יוּנְגֶע לַייט , גֶעווִיס הָאט אִיהר גֶעמוּזְט הֶערִין פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זַייעֶר אַשְׁטַארְקֶער אַיינְגֵייעֶר בַּייא דֶעם גראף טאבאלסקי אִין שְׁלָאס ׃

דָאס ווייס אִיךְ ׃

נוּא אוּנ בַּייא אַייךְ אִיז דָאס גָאר קַיין קַשְׁיָא נִיט גִיוֶוען , ווִיא קוּמְט אַזַא שְׁלֶעפֶּער צוּ דֶעם גראף טאבאלסקי ׃

אִיךְ ווייס אַז דֶער גְרַאף הָאט אִיהם פְּרָאטֶעזְשִׁירְט דֶער פַאר וָואס עֶר הָאט אִין אִיהם גֶעפוּנֶען אַגְרוֹיסִין טַאלֶענְט צוּ מָאלֶען ׃

וָואס מִיר מָאלֶען וֶוער מִיר מָאלֶען, וֶוער הָאט דָאס אַייךְ אַיינְגֶעשְׁמוּעֶסְט הָאט מִיר קֵיין פֶּערְאִיבֶּעל נִיט אַזַא נַארְעשְׁקַייט, אוּנ אַז מֶען קָאן שׁוֹין אוֹיס מָאלֶען אַצַאצְקֶע וָואס אִיז דָאס פַאר אַתּוֹרָה?

פַאר וָואס דֶען הָאט אִיהם דֶער גְרַאף אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט?

נִיט עֶר הָאט אִיהם לִיבּ גֶעהַאט נוּר זַיינֶע צָרוֹת, דֶער יוּנְגַאטְשׁ יודעלע הָאט זִיךְ צוּ גֶעשַׁדְכִינְט צוּ דֶעם גְרַאפְס טָאכְטֶער דִיא חֲצוּפָה קארמעלקע, אַשַׁיינֶער יוּנְגֶעל אִיז עֶר דָאס קָאן מֶען פוּן אִיהם נִיט אַוֶועק נֶעמֶען, נוּא הָאט זִיךְ דִיא חֲצוּפָה אִין אִים פֶערְלִיבְּט, זִיא הָאט זִיךְ גָאר נִיט גִישֶׁעמְט אוּנ הָאט אָפֶען גֶעזָאגְט אַז זִיא ווִיל נוּר חַאסְנֶעֶרֶע (חֲתוּנָה) הָאבִּין מִיט דֶעם הוּלְטַאי, זִיא הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶעאַרְבֶּעט בִּיז זִיא הָאט אוֹיס גֶעאַרְבֶּעט אַז דֶער גְרַאף הָאט מַסְכִּים גִיוֶועֶן זִיא זָאל זַיין יודעלעס וַוייבּ, נוּר בִּתְנַאי עֶר זָאל זִיךְ טוֹיפֶען, דֶער יְמַח שְׁמוֹנִיק הָאט אוֹיךְ בַּאלְד מַסְכִּים גִיוֶועֶן צוּ וֶוערִין אַקְרִיסְט אַבִּי עֶר זָאל וֶוערִין קארמעלקעס מַאן, אַט דָאס פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ אִיז דִיא אֶמֶת׳ע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארִין אַזַא אַיינְגַייעֶר צוּם גְרַאף אִין שְׁטוּבּ, דֶער גְרַאף פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ הָאט דָאס אוֹיךְ נִיט גֶעמַיינְט, עֶר הָאט נוּר גֶעוָואלְט יודעלע זָאל זִיךְ טוֹיפֶען, אָבֶּער זַיין טָאכְטֶער הָאט עֶר אִיהם גָאר נִיט גִיקְלֶערְט גֶעבִּין, קארמעלקע אָבֶּער הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַז דִיא חֲתוּנָה זָאל זַיין וָואס גִיכֶער, דֶער מִיט הָאט זִיא אִיהר טַאטֶען גָאר פוּן גֶעדוּלְד אַרוֹיס גֶעבְּרַאכְט אוּנ עֶר הָאט זִיא פַאר כַּעַס פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען, נוּא אִיצְט פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר שׁוֹין וֶוער דֶער יודעלע אִיז?

דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע הֶער אִיךְ עֶרְשְׁט, דָאס גְלוֹיבְּט זִיךְ מִיר אָבֶּער נִיט — הָאט דבורה גֶעזָאגְט.

אִיהר גְלוֹיבְּט דָאס נִיט? דוּכְט זִיךְ אֲפִילוּ אַקִינְד אִין ווִיג ווַייס פוּן דֶער מַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ דָאס גִיהֶערְט פוּן אַנְגֶעוִויסֶען מֶענְשִׁין וֶועלְכֶער אִיז טַאקֶע פוּן דֶעם גְרַאפְס בֶּעדִינְטֶע, נָאךְ אַנְגֶעוִויסֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז פוּן דֶער צַייט אָן וָואס קארמעליע הָאט גֶעהַרְגֶעט אִיהר קְלֵיינֶעם בְּרוּדֶער אוּנ מֶען הָאט זִיא אִין אַסְטְרָאג אַבִּין גֶעזֶעצְט גֶעהט יודעלע אַרוּם פָּשׁוּט אָן אַקָאפּ, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ גָאר קֵיין אָרְט נִיט, עֶס צִיהט אִיהם אַלְץ צוּ זַיין יְמַח שְׁמוֹנִיצְקֶע, עֶר לֵייגְט פָּשׁוּט אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועק זִיא רַאטֶעוֶוען, אָבֶּער אַזוֹי לַאנְג קְרֵיינְקְט עֶר ווִיא לַאנְג עֶר וֶועט גָאר נִיט אוֹיס פִיהְרֶען, זִיא אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַיינְגֶעזַאלְצֶען אַז קֵיין טַאטֶער וֶועט אִיהר אוֹיךְ נִיט הֶעלְפִין, נוּא וָואס זָאגְט אִיהר אִיצוּנְד דבורה לֶעבּ, ווִיא גִיפֶעהלְט אַייךְ דֶער תַּכְשִׁיט?

אוֹיבּ דָאס אִיז אַלֶעס וַואהר וָואס אִיהר הָאט מִיר דָא דֶערְצֵיילְט קָאן אִיךְ פוּן דֶער וַואהְרְהַייט נִיט אַוֶועק גֵיין אוּנ מוּז גֶעשְׁטֶעהן אַז עֶר אִיז אַיין אוֹיסְוואוּרְף דֶער נַאמוּר.

אוֹיבּ דָאס אִיז אֶמֶת — הָאט חאצקעל גֶעלַאכְט — ס׳הֵייסְט אַז בַּייא אַייךְ אִיז נָאךְ אַלְץ אַסָפֵק צוּ אִיז יודעלע אַנְ׳עֶהְרְלִיכֶער מַאן צוּ נִיין, וַוארְט

איהר וועט מיט אשטיקעל צייט עלטער ווערין וועט איהר שוין געוואהר ווערין אז חאצקעל זאגט קיין ליגענס ניט , איך זאג אייך דבורה קרוין אז מען דארף זיך פון דעם קלבוניק היטען וויא פאר אשד , ער האט נאך צו אלדע שווארצע יאהר אזא געשליפען צינגעלע אז בשעת ער רעדט מיט איטעצין מיינט יענער אז ער איז אנ׳אונשולדיגע פייגעלע , וועה איז אבער צו יענעם געסט וואס דיא פייגעלע קריכט אהין אביין , דען דאס איז ניט קיין פייגעלע נאר אבייזע שלאנג .

ניט דבורה , אויך ניט חאצקעל האבין בעמערקט וואס פאר אנ׳איינדריק דיא ווארטען האבין געמאכט אויף מאליען , זיא איז געזעסין בלאס אונ אלע איהרע גלידער האבין אין איהר געציטערט .

איז דאס מעגליך אז יודעלע איז פערליבט אין קארמעליען ? — האט זיא אין דער צייט געטראכט — אונ דאס וואס ער ארבייט אזוי אום איהר בעפרייאונג איז ניט אוים דאנקבארקייט אונ מענשין פריינדליכקייט וויא ער האט געזאגט , זאנדערין איינפאך אוים ליבע צו איהר ?

אוים ליבע צו איהר !

וויא אשרעקליכער דאנער האט דער געדאנק געטראפין דער שיינער מאליאן ....

ז.

אביטערע בעגעגנונג.

קיין מאהל האט זיך דער גליקליכער קארמעליע זאגאר אין טרוים פארגעשטעלט , דאס זיא וועט זיטצען אלס מערדערין איינגעשפארט צווישען זאלכע סובייעקטין וואס זיא האט פון זייא געוואוסט נור דורך דיא ראמאנען וואס זיא האט געלעזין , קיין מאהל איז איהר אין קאפף ניט געקומען דער שרעקליכער געדאנק דאס זיא וועט זיטצען איינגעשלאסין אין אפינסטער פערשטיקט צימער אבגעריסען פון דער ליכטיגער וועלט אונ ציטערין פאר נאך אגרעסערען אונגליק פערשיקט צו ווערין אלס פערארורטהיילטע אנערקאנטע מערדערין אויף עוויג נאך דער קאלטער סיבירען צו ארבייטין דארט קאטארגע ביז איהר סוף לעבין .

זיא דיא פאסט פערנאטערטע נרעפין וואס קיינער האט זיך בעדארפט וואגין נאהענט צו איהר צו געהן , זיא דיא רייכע איינציגע טאכטער פונ׳ם גראף טאבאלסקי וואס צעהנדליגער בעדינטע האבין איהר געקוקט אין דיא אויגען צו בעמערקין פיליכט פערלאנגט זיא עטוואס , זיא ליגט יעצט איינגעהילט אין אנ׳ארעסטאנסקען מאנטעל אויף אביסעל שטרויא אויף דער פייכטער ערד פון אקבר אונ זיא דארף הערין שענדליכע שימפפווארטען פון

אזא בערוישטער הערצלאזער בעסטיע וויא פריילין סקאטינאווא איז ·

דיא סקאטינאווא האט איהר אזו דאס לעבין פערביטערט דאס דיא אונגליקליכע גרעפין האט אויף זיך דעם טויט גיבעטין, זיא האט איהר וויא מיר האבין שוין ערצייהלט, געצוואונגען דיא שווערסטע ארבייט צו טאן, אונ האט זיא אויף שריט אונ טריט געזידעלט מיט זאלכע ווארטין וואס קארמעליע האט עס קיין מאל גיהערט, אויף דיא אלע שימפפעריען האט דיא עלענדע געשוויגען, דען זיא האט בעטראכט פאר דער גרעסטער בעליידיגונג אזא אונמענשליכע פרויא עטוואס צו ענטפערין, אונ איהר שוויינין האט דער סקאטינאווא נאך מעהר געקריינקט, זיא האט פערשטאנען אז זאנאר זיצענדיג אין אזא גיהנם האט קארמעליע איהר שטאלץ ניט פערלארין, דארום האט זיא געזוכט מיטעלען וויא זיא פון געדולד ארויס צו ברייננען, זיא פלעגט איהר צו דער צייט קיין עסין ניט געבין, אונ האט איהר מיט קיין אנדער נאמען גערופין נור מערדערין, זיא האט נאך אנגערייצט דיא איבעריגע פערברעכערינס וואס זיינען אין אסטראג געזעסין זייא זאלין קארמעליע פערצאפין דאס בלוט, זייא פלעגין אום דער פריילין סקאטינאווא אנעפאלין צו טאן קארמעליען אויס לאכין וויא פון אוואהנזיניגער ·

דאס איינציגע וואס דיא אונגליקליכע האט געטאן וואר דאס וואס אין דעם געגענווארט פון סקאטינאוואן אונ אלע פערברעכערינס האט זיא זיך געוויזען מונטער אונ פרעהליך, זיא האט גוט געוואוסט דאס ווען זיא וועט זייא ציינען דאס זיא קימערט זיך פון זייער אונמענשליכקייט וועלין זייא זיא נאך מעהר קוועלין, מיט איהר קאלטקייט גענין זייערע שימפפעריען האט זיא זייא געוויזען דאס זיא פעראכטעט זייא אונ בעטראכט זייא נור וויא בילענדע הינד ·

דער פאר אבער ווען זיא פלעגט זיטצען אליין אין איהר געפענקעניס, ווען זיא האט געוואוסט דאס קיינער בעלוישט זיא, האט איהר געזיכט אפערצווייפעלטע מינע אנגענומען אונ איהרע אויגען האבין דאן גערעגינט מיט הייסע ביטערע טרערין ·

זיא האט פערהאסט דאס לעבין אונ פעראכשייט דער גאנצער וועלט, איהר האט יעצט אויס גיזעהן דאס אין דער גאנצער וועלט איז איין רעכטער מענש ניטא, אז אלע פערזאנען וואס זיא האט גיקאנט ווארין נור טייפלען אין מענשין גישטאלטען ·

וואו זיינען אלע מיינע פריינדע? — פלעגט זיא פיעל מאהל זיך זעלבסט פרעגין — וואו זיינען דיא פיעלע אנבעטער וואס האבין מיך פערשאטען מיט קאמפלימענטע אונ האבין געזאגט דאס פאר מיר וועלין זייא זיך לאזען דיא העלזער שניידין, וואו זיינען זייא אלע, ווארום קימערט זיך יעצט קיינער וועגין מיר? קיינעם פון זייא פאלט גאר ניט איין מיר אין עטוואס צו העלפין,

אלע דרעהן זיך יעצט ארום דער פערפלוכטער עליזאבעטהען דר פאר וואס זיא איז רייך אונ בעזיטצט מיין פאטערס מיליאנען .

ווען זיא זאל דוכט זיך יעצט דער זעהן חאטש איינעם פון איהר פאטערס בעדינטע, חאטש איינעם פון איהר פאטערס יאגד הינד וויא גליקליך זיא וואלט זיך געשעצט .

ליידער אבער זעהט זיא קיין באקאנטעס געזיכט , נור דיא ווילדע געזיכטער פון דיא ארעסטאנטען וואס ארבייטען מיט איהר צוזאמען , נוא איז דאס ניט אבעוויז דאס אלע איהרע באקאנטע אונ פריינדע זיינען ניט בעסער פון דיא אלע פערברעכער וואס זיטצען דא אין געפיינקענים ?

איינגעהילט אין איהר ארעסטאנטסקן מאנטעל איז דיא הילפלאזע גרעפין געזעסין אין איהר געפיינקענים פערטיפט אין פינסטערע שרעקליכע גידאנקען אלס דיא טיהר פון איהר געפיינקענים האט זיך גיעפינט אונ פריילין סקאטיגאווא האט אריין געשטעקט איהר טייפלישעס געזיכט אין דער צעללע אונ האט אנגעשריא געטאן : 14 № *), מען האט ערלויבט איינגען מאן פון דיינע באקאנטע ער זאל דיך בעזוכין .

קארמעליע איז פון איהר ארט אויפגעשפרונגען , דער העפליכער טאן מיט וועלכין סקאטינאווא האט דאס ערשטע מאהל יעצט צו איהר גירעדט , אונ דיא נאכריכט דאס איינער פון איהרע באקאנטע איז גיקומען זיא בעזוכין , האט זיא אזו איבערראשט דאס זיא איז וויא צודולט געווארין , אונ בעפאר זיא איז צו זיך געקומען איז יודעלע אריין געקומען צו איהר אין דער שרעקליכער וויסטער צעללע .

פיינהערץ ! — האט זיא ניט מיט איהר שטימע אגעשריא געטאן , אונ איהר געזיכט האט אנגעהייבין צו שטראלין פאר פריידע .

יודעלע איז שטעהן געבליבען וויא אסטאטוע אונ האט זיך מיט קיין גליד גיקאנט ריהרען . דיא לאגע אין וועלכע דיא פארמאלס גליקליכע קארמעליע האט זיך יעצט געפונען , האט איהם זא צערשמעטערט דאס ער איז שיער אין אונמאכט געפאלען . מיט אטאדטעס בלאסעס געזיכט אונ מיט ווילדע בליקען האט ער איניגע מינוטען געקוקט אויף קארמעליען , ער האט ענדליך פערשטעלט דאס געזיכט מיט ביידע הענד אונ האט זיך פונאיינאנדער גיוויינט וויא אפיצעל קינד .

שוין לאנג האט קארמעליע ניט גיזעהן אהייסין פריינד וואס זאל אזו אנטהייל נעמען אין איהר לאגע , דארום האבין זיך אלע איהרע געפיהלע יעצט ערוועקט אונ איהרע טרערין האבין אנגעהייבין וויא פון אפליסענדער קוועלע צו פלייטצען .

קארמעליע

---

*) דיא ארעסטאנטען אין אסטראג הייסען נאך דעם ציפער פון דער צעללע אין וועלכער יעדער פון זייא זיטצט .

קארמעליע ! — האט יודעלע אנגעשריא געטאן מיט אציטערענדע שטימע זיא ביא דער האנד ערגרייפענד — אייך וועה איך אין אזא לאגע ? א מיין גאט ! וויא שרעקליך וויא שודערהאפט דא איז .

קארמעליע האט שוין ניט געקאנט ענטפערין , זיא האט יעצט פאר זיך געזעהן דעם איינציגען פריינד וואס וויינט קוקענדיג אויף איהר אונגליק , דעם איינציגען מענשין וואס איז געקומען זיא בעזוכין אין איהר גיהנם , זיא האט געוואלט איהם פאלין אום דעם האלדז , איהרע טרערין ביא זיין ברוסט אויס גיסען , אבער זיא האט ניט פערגעסין אז דער עדלער מאן איז אפרעמדער אונ זיא דארף ניט איבער האפען דיא מאאס , זיא האט דארום נור געשלוכצט אהנע צו קאנען איין ווארט אויס צו ריידען .

יודעלע האט איהר געלאזט זיך אויס וויינען , ער האט געוואוסט אז דאדורך וועט איהר עטוואס לייכטער ווערין , ענדליך אלס זיא איז רוהיגער געווארין האט ער געזאגט :

נור ניט פערצווייפעלט גרעפין . מיינט ניט אז איהר זייט שוין פערלארין , עס גיבט נאך אין דער וועלט גירעכטיגקייט , אייער אונשולד וועט געוויס בעוויזען ווערין .

א ניין — האט זיא געענטפערט — איך זעה פאר זיך קיין הילף ניט , דיא גאנצע וועלט האט זיך גענומען מיך אין אבגרונד צו שטירצען , וואס האט מען צו מיר ? וועמען האב איך שלעכטס געטאן ?

עבין דארום וויל איהר האט קיינעם קיין שלעכטס געטאן מוזט איהר גירעטעט ווערין , אין געריכט וועט זיך געוויס אלעס דייטליך ערקלערין אונ מען וועט זעהן דאס איהר זייט אונשולדיג .

מיר איז אוואונדער וואס איהר איינער רעדט זא פעסט פון מיין אונשולד , וויא קומט דאס וואס איהר צווייפעלט אין מיין ארדענטליכקייט ניט ?

וויא קומט דאס ? קאן מען דען בעשולדיגען אזאנפטען גוטען ענגעל אין בלוט פערגיסונג ? א ניין ! פערפלוכט טויזענד מאהל פערפלוכט זאלען ווערין יענע אונמענשין וואס וואגען זיך אייך אין אזא טהאט צו בעשולדיגען . ערצעהלט דאך מיר גרעפין וויא איז דאמאלס צוגעגאנגען אינ'ם גארטען אלס איהר זייט דארט גיוועזן .

וויא זאל עס צוגעהן , איך האב מיך אריין געגנבט אינ'ם שלאס מיין געשטארבענעם פאטער צו זעהן , וויל דיא פערפלוכטע עליזאבעטהע האט בעפוילען מען זאל מיך ניט אריין לאזען , דער גוטער בערנארד האט מיך צו מיין פאטער אריין געפיהרט , איך האב דארט מיין ביטער הערץ אויס גיגאסין , אונ אויס פורכט מען זאל מיך דארט ניט טרעפין אונ מיט שאנדע פונ'ם שלאס ארויס פיהרען בין איך וואס גיכער אוועק געגאנגען . דורך גייענדיג דעם גארטען האב איך דער זעהן מיין קליינעם ברודער קאליא זיטצענדיג אליין אין

זיין ווענגלע , איך האב דאס קינד זעהער געליעבט אונ בין דארום צו געגאנגען צו איהם האב איהם אנגעקושט אונ געליקקאזעט , דער קליינער יונגע האט זיך מיט מיר אויך ערפרייעט אונ האט מיך אנגעהאפט ביא דיא שלייפען פון מיין קלייד וויא ער זאל וועלען מיך צו האלטען איך זאל פון איהם ניט אוועק געהן , ער האט אזא שטארקען ציא געטאהן דאס ער האט זייא אבגעריסען , אין דער מינוט האב איך ערהערט אגערייש פון טריט ניט וויט פון דעם ארט וואס איך בין געשטאנען , איך האב געמיינט אז דאס איז מיינע שרעקליכע שטיפמוטער דארום בין איך געשווינד פארטגעלאפען , וואס ווייטער איז געוועזען ווייס איך ניט , איך פערשטעה אז נור דער מענש וואס איך האב זיינע טריט געהערט דער האט דאס קינד ערמארדעט .

האט איהר דיא ווארטען איבער געגעבען דעם סליעדאוואטעל ?

יא איך האב דאס איהם אלעם ערצעהלט , ער האט אבער אויף מיר געקוקט מיסטרואיש אונ אין זיין געזיכט האב איך געלעזען דיא ווארטען : דאס איז אליגען , נור דוא אליין ביזט דיא מערדערין .

איהר האט אין יענער צייט אין גארטען קיינעם בעמערקט ?

איך האב נור בעגעגענט דעם וועכטערס פינף יעהריגע טאכטער וועלכע האט געטראגען אקארב מיט פרוכט .

וואו האט איהר זיא בעגעגענט ?

אונגעפעהר צוואנציג שריטע וייט פון דעם ארט וואו דאס קינד איז געוועזען .

האט איהר דאס דעם סליעדאוואטעל ערצעהלט ?

ניין , ער האט מיך ניט געפרעגט אונ איך האב גאר וועגען דעם ניט געדענקט איהם דאס צו ערצעהלען .

איהר מוזט דאס דעם סליעדאוואטעל ערצעהלען , גראדע פון אזא אונבעדייטענדע בעגעגניס קאן מען ערפאהרען פיעל מעהר אלס מען ערווארטעט .

איהר קומט אמאהל אריין אינ'ם שלאס ?

ניין , זייט איהר זייט געפאנגען געווארען וועיך איך פון דעם שלאס , איך קאן זאגאר ניט הערען דעם נאמען פון אייער טיראנישער שטיפמוטער .

טוהען עטוואס מיינע פריינדע פאר מיר ? בעמיהען זייא זיך מיין אונשולד צו בעווייזען ? — האט קארמעליע געפרעגט אוים ווישענדיג איהרע אויגען .

ליידער וויים איך ניט פון איינעם וואס טוהט עטוואס פאר איך .

איך האב דאס פערשטאנען , דאס הערץ האט מיר געזאגט אז עליזאבעטהע האט איבער גענומען אלע מיינע פריינד אין איהר זייט ,

א שלעכטע מענשען זייא האבע מיך נור געשעצט און געעהרט ווען איך וואר איינע רייכע ערבין, יעצט אז איך בין אונגליקליך וויל זיך קיינער פאר מיר אינטערעסירען, זאגט דאך מיר מיין איינציגער פריינד וויא האט איך געלונגען אהער אריינצוקומען?

דער סליעדאוואטעל וואר זא פריינדליך דאס ער האט מיר דאס גליק געשענקט אייך צו בעזוכען.

וויא קומט איהר צום סליעדאוואטעל?

מיך האט מען אויך אלס צייגע ארויס געפאדערט אין אייער פראצעס ווייל איך וואר אנ'איינגעהער צו אייער פאטער אין הויז, איך בין דאמיט זעהער צופריעדען, דען אבוואהל איך קאן ניט הערונטערגעהמען דיא געהיימניספאללע מאסקע וואס ליעגט אויף דעם שענדליכען מארדטהאט אין וועלכען איהר זענט בעשולדיגט, ווענינגסטענס האב איך געקאנט זאגען דאס וואס איך ווייס, איך קאן אייך פערשפרעכען אונגליקליכע גרעפין אז דאמיט אליין וועט זיך מיין מיהע ווענען אייך ניט בעשרענקען, איך וועל אלעס מעגליכעס טאהן אום אויס צו געפינען ווער דער ווירקליכער מערדער איז.

עדלע זעלע! גוטעס הערץ! — האט קארמעליע געריהרט געזאגט דריקענד זיין האנד — איך זעה יעצט אז דיא מענשהייט איז נאך ניט גענצליך פערדארבען ווען אין איהר געפינט זיך אזא פערזאן וויא איהר זייט, אך וויא גליקליך איך וועל זיין ווען איך וועל נאך אמאהל אין שטאנדע זיין אייך צו בעלאהנען פאר אייער וואהרע פריינדשאפט צו מיר.

מיין גרעסטער בעסטער לאהן וועט זיין ווען איך וועל אייך פרייא זעהען — האט יודעלע גיענטפערט מיט טרעהנענדע אויגען.

ווער ווייס וויא לאנג דיא צווייא יונגע לייט וואלטען נאך פערבראכט ווען סקאטינאווא וואלט זיך ניט אריינגעמישט מיט איהר געשרייא עס איז שוין צייט איהר זאלט ארויס געהען פון דאנען יונגער מאן, מעהר וויא איין פירטעל שטונדע איז ניט ערלויבט אפרעמדען דא צו זיטצען.

ריהרענד וואר יודעלעס אבשיעד פון דער אונגליקליכער, ביידע האבען ניט געקאנט רעדען, נור זייערע שטומע טרעהנענדע בליקע האבען פיעל זעהער פיעל גירעדט.

ער האט נאך אמאהל הערצליך געדריקט קארמעליעס האנד און איז ארויס געגאנגען מיט אצובראכען פערביטערט הערץ.

עדלע זעלע! גוטעס הערץ! — האט קארמעליע אונאויפהערליך ווידערהאלט

וויעדערהאלט אלס זיא איז אבערמאלס אליין געבליעבען , אין דער גאנצער וועלט איז נור דא איין מענש אונ דער ביזט דוא ......

ח.

זיא איז פערליעבט .

וואס איז דאס געווארען מיט אונזער מאליען ? — האט שלמה ראזענהויז געפרעגט זיינער פרויא — שוין פון אשטיקעל צייט בעמערק איך דאס זיא האט איהר גאנצע מונטערקייט פערלארען , בעשטענדיג זיטצט זיא אונמוטהיג פאסט מעלאנכאליש אונ רעדט גאר ניט מיט קיינעם , וואס זאל דאס בעדייטען ?

מיר איז דאס אויך אויפפאלענד געוועזען — האט דבורה גיענטפערט — איך האב זיא שוין וועגען דעם איינינע מאהל געפרעגט אבער פון איהרע אנטווארטען קאן איך גאר ניכטס ערפאהרען , איך האב זיא זאגאר איינינע מאל געטראפען וויינענדיג אונ אלס איך האב זיא געפרעגט ווארום זיא וויינט האט זיא מיר גיענטפערט : דאס זיא איז ניט געזונד . דאס איז אבער אליגען , זיא איז געזונד , נור מיט איהר האט עפעס געמוזט זאנדער־בארעס טרעפען , מיר מוזען ערפאהרען וואס דאס בעדייט .

דיא ווירקליכע אורזאכע וואס מאליא איז אזויא פערענדערט געווארען האט קיינער געקאנט ערפאהרען ווייל זיא האט דאס קיינעם געקאנט ארויס געבען , זיא האט דאס געמוזט האלטען פערשלאסען טיעף אין הערצען , דען וויא האט זיא געקאנט ערצעהלען דאס זיא ליעבט שטערבליך יודעלע גרונם׳ס־?

יא זיא האט איהם געליעבט מיט דעם גאנצען פייער פון דער ערשטער ליעבע , דאס האט זיא געפיהלט נאך דיא ערשטע עטליכע מאהל וואס זיא האט מיט איהם גירעדט .

זייט זיא האט איהם פערשפראכען דאס זיא וועט איהם מיט־העלפען אין קארמעליעס בעפרייאונג איז ער פאסט יעדען טאג צו איהר געקומען , איהרע עלטערן האבען אנפאננס ניט געוואלט ליידען וואס זיא איז אזויא בעפריינדעט געווארען מיט דעם ארמען בחור , אלס אבער זייא האבען זיך מיט איהם פונאיינאנדער גירעדט אונ האבען דער זעהן דאס דער איינפאכער בחור איז אמאן מיט געפיהל אונ טאלענט , האבען זייא איהם אויך ליעב בעקומען אונ האבען איהם געבעטען ער זאל בייא זייא זיין אנ׳אפטער גאסט .

דיא פריינדשאפט וואס ער האט געוויזען צו מאליען , האט דעם מעדכען גענעבען אורזאכע צו גלויבען אז ער איז צו איהר ניט גלייכגילטיג ,

זיא האט פערגעניגען געהאט דאפאן וואס אזא יונגער מאן ליעבט זיא אבער איהם צו ענטגעגענען ליעבע דאס האט זיא ניט געדענקט, זיא האט ניט געקאנט פערגעסען אז זיא איז שלמהקע ראזענהויזס טאכטער אונ ער איז גרונם'ס אנ'עניקעל, זיא האט זיך געפיהלט צו איהם צו געבונדען נור אליין פריינדין אונ איז פערטיג געוועזן צוליעב איהם אנצווענדען אלע קרעפטע קארמעליען צו בעפרייען, זיא האט דאס אויך גירעבינט פאר אוואהלטהאט זיך אנצונעהמען פאר דער עלענדער אין דער צייט ווען אלע איהרע פריינדע ווילען פון איהר ניט וויסען.

וועהער קאלט האט זיא אויסגעהערט דעם בעריכט וואס ער האט איהר געבראכט, דאס מען רופט איהם ארויס אין מינסק אויף אסליעדסטוויא אונ ער פאהרט אהין אלס עדות, זיא האט איהם געוואונשען אגליקליכע רייזע אונ האט איהם דאביא געמאכט אקאמפלימענט דאס איהר וועט שוין זיין אונמוטהיג אהן איהם.

אונ איהר איז ווירקליך געוועזן אונמוטהיג אהן איהם, זיא איז שוין געוואהנט געווארען ער זאל יעדען אבענד צו איהר קומען, זיא זאל פאר איהם שפיעלען פיאנא אדער מיט איהם פלוידערן פון פערשיעדענע געגענשטענדע, אבער מען האט דאס אן איהר ניט בעמערקט, זיא האט זייער לייכט געקאנט ערטראגען דיא בענגונג נאך איהם.

ערשט דאן אלס חאצקעל דער בעל טקסא האט ערצעהלט פון יודעלעס ליעבע צו קארמעליען, האט זיך אין איהר ערוועקט אזאנדערבארער געפיהל, אין וועלכען זיא האט זיך זעלבסט קיין רעכנונג געקאנט אבגעבען. איהר האט שרעקליך געקריינקט וואס יודעלע איז פערליעבט אין קארמעליען, זיא האט דאס בעטראכט פון זיינער זייט וויא אשרעקליכע זינד געגען איהר אבוואהל זיא האט ניט געוואוסט אז ער האט געגען איהר ניט געזינדיגט, זיא וואר שטארק צארניג אויף איהם דאפיר וואס ער האט זיא בעוועגט אנטהייל צו נעהמען אין קארמעליעס זיין געליעבטערס אנגעלעגענהייטען.

ער איז אפאלשער יונג, אבעטריגער — האט זיא צארניג אויס געשריען אלס זיא איז אליין בייא זיך אין צימער געוועזן — אום צו בעפרייען זיין קארמעליען וועלכע האט ערמארדעט איהר אייגענעם ברודער האט ער אויך מיך אריינגעשלעפט איך זאל שפיאנירען עליזאבעטהען וועלכע איז ווירקליך אפיינע פרויא.

זיא האט זעהר געוואלט יעצט גלויבען אז קארמעליא האט ווירקליך דעם מארד בעגאנגען אונ זיא האט פערדינט דיא גרעסטע שטראפע, זיא האט זיך פעסט בעשלאסען ניט מעהר זיך צו מישען אין קארמעליעס

אנגעלעגענהייטען, אין געגענטהייל העלפען זיא צו בעגראבען וויא זיא האט פערדינט.

דעם אונפערשעמטען תאראקטערלאזען יודעלע וועל איך אויך אזא לעקציאן געבען דאס ער וועט מעהר ניט וואגען פאר מיינע אויגען צו קומען — האט זיא זיך פעסט בעשלאסען — איך וועל איהם ווייזען אז איך בין ניט זיין גלייכען, גענוג עהרע האט ער געהאט וואס איך האב מיך ביז אהער צו איהם אזויא פריינדליך געציינט.

אבער וואו איז ער שוין? וואו איז דער אונפערשעמטער יודעלע? ווארום זיצט ער אזויא לאנג אין מינסק?

זיא האט זעהער געוואלט ער זאל וואס גיכער קומען אום איהם זיין לעקציאן אבצוגעבען.

פיעלייכט איז ער אויך פערשטריקט געווארען אין דעם פראצעס אונ מען האט איהם דארט פערהאפטעט? איז איהר אגעדאנק אין קאפף געקומען.

אונ מערקווירדיג, אבוואהל זיא האט איהם פאסט געהאסט דער פאר וואס ער האט זיא גענארט, האט זיא דאך ניט געקאנט איינרוהען ביי דעם געדאנק, אלע גליעדער האבען אין איהר געשווידערט אלס זיא האט זיך פארגעשטעלט פיעלייכט זיצט יעצט יודעלע איינגעשפארט אין געפענגעניס אונ עס איז זאנאר ניטא ווער עס זאל פאר איהם עטוואס טאהן.

זיא איז פערטיג געווען איהם צו פערציהען אלע זיינע זינדע אבי ער זאל צוריק קומען געזונד אונ פרייא, זיא האט ניט געקאנט עסען אונ שלאפען, איהר איז אלץ פאר דיא אויגען געשטאנען דאס שרעקליכע בילד וויא יודעלע זיצט אין געפענגעניס געשלאסען אין קעטען.

מען קאן זיך לייכט פארשטעלען איהר איבערראשונג, אלס איין מאהל פאר נאכט אום זעכס אוהר האט זיך דיא טיהר פון דעם צימער וואו זיא איז געזעסען גיעפינט אונ יודעלע איז אריינגעקומען.

אלע פארבען האבען זיך אין איהר געזיכט געביטען אלס זיא האט איהם דער זעהען, זיא איז פון ארט אויפגעשפרונגען אום איהם ענט־געגענצולויפען אבער זיא האט זיך באלד דער מאהנט אן זיין גיעדער־טרעכטיגקייט אונ איז אויף איהר ארט געבליבען זיטצען.

וואס מאכט איהר פריילין ראזענהויז? — האט יודעלע זעהער פריינדליך געזאגט איהר דיא האנד רייכענד.

זיא האט איהם אבער איהר האנד ניט געגעבען אונ האט גיענטפערט קאלט: איך בין גאט זייא דאנק געזונד.

יודעלע האט פערשטאנען אז דאס פריילין ראזענהויז איז צו איהם

ניט וויא פריהער, ער האט זיך געפונען שטארק בעליידיגט וואס זיא האט איהם איהר האנד ניט גערייכט, נור ער האט זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג די בעליידיגונג אונ האט געזאגט: איהר שיינט זעהער מיעד צו זיין פריילין ראזענהויז, דארום וועל איך איצט מיט מיין בעזוך ניט בעלעסטיגען אונ וועל קומען אנ׳אנדערש מאהל, דער ווייל אדיע.

ער האט זיך אומגעווענדעט אונ האט זיך געלאזט געהען צום טיהר, אבער מאליא האט איהם אבגעהאלטען:

איהר ווילט מיר גאר ניט ערצעהלען וואס מיט אייך איז געווען אין מינסק? האט זיא איהם געפרעגט.

איך האב אייך יא געוואלט ערצעהלען — האט ער געענטפערט בלייבענד שטעהען — אבער מיר האט אויס געזעהן אז אייך אינטערעסירט דאס גאר ניט צו וויסען דאס אלעס.

קיין גרויסע אינטערעסע האב איך אין דעם ניט, אבער אז איהר וועט דאס מיר ערצעהלען וועל איך הערען.

וואצו זאל איך אייך בעלעסטיגען מיט פוסטע זאכען וואס האבען פאר אייך קיין אינטערעסע — האט ער שמייכלענד געענטפערט — מיר איז אבער אוואונדער וויא קומט דאס וואס איהר האט זיך פלוצלונג אויף געהערט צו אינטערעסירען אין אזעלכע זאכען וואס איהר האט ערשט מיט איינגע טעג צוריק מיט דער גרעסטער אינטערעסע אנטהייל גענומען.

דאס איז דער פאר וואס איך האב מיך איבערצייגט אז די גאנצע זאך האט ניט די ווערטה מען זאל וועגען דעם ריידען.

ווארום?

ווייל וויא איך האב געהערט איז קארמעליע ווירקליך אנ׳אויסוואורף דער נאטור אונ זיא פערדינט ניט ארדענטליכע מענשען זאלן וועגען איהר דענקען.

גראדע יעצט האט איהר דאס געהערט — האט יודעלע מיט אפער־דרוססאפאללען טאן געזאגט — מיר שיינט אז מיא רעדט שוין דאפאן אהיבשע צייט, אלע שרייען אין איין שטימע אז זיא איז אמערדערין.

נוא ווארשיינליך ווען אלע שרייען מערדערין דארף מען זייא בעסער גלויבען אלס אייך איינעם.

איהר האט פאלעס רעכט מיר ניט צו גלויבען, איך ווענינס־טענס בין פעסט איבערצייגט אז זיא איז ריין אונ אונשולדיג וויא אנ׳ענגעל.

ווארום זייט איהר אזויא איבערצייגט?

דאס איז אזאנדערבארע פראגע, איך גלויב דאס יעדען שטעהט פרייא ביא אזא געשיכטע צו האבען זיין איבערצייגונג, ווען מען זאל ווירקליך זעהען קארמעליען וויא זיא האט אריינגעווארפען דאס קינד אין טייך מוז יעדער זאגען אז זיא איז שולדיג, דא האט דאך אבער קיינער געזעהען אז זיא האט דאס געטאהן, אלזא האט נאך מיינער מיינונג יעדער איינציגער דאס רעכט צו זאגען אז זיא איז אונשולדיג.

איך האב אבער געהערט אז ניט דער פאר וואס איהר זייט איבערצייגט אין איהר אונשולד פערטהיידיגט איהר זיא אזויא, זאנדערן נאר פאר אנ'אנדער זאך.

וואס פאר אזאך? — האט יודעלע פערוואונדערט געפרעגט.

גאר נישט — האט מאליא פערשעמט גיענטפערט — וואס האבען מיר צו ריידען וועגען אזעלכע זאכען, איך וועל זאגען וויא איהר זאגט אז יעדער מענש האט דאס רעכט צו דענקען וויא אונ וואס ער וויל.

איהר האט אבער אנגעהויבען צו ריידען פון אנ'אנדער זאך, אלזא ווארום זאלט איהר ניט ענדיגען, זאגט פאר וואס וויל איך קארמעליען פערטהיידיגען?

מאליא האט שוין חרטה געהאט וואס זיא האט אויף אזא געשפרעך אנגעפיהרט, זיא האט ביא זיך ניט געקאנט רעכט מאכען צו זאגען יודעלען אז זיא ווייס שוין דאפאן דאס ער איז אין קארמעליען פערליעבט אונ אום אנ'ענדע צו מאכען צו דיעזען געשפרעך איז זיא אויף געשטאנען פון איהר ארט אונ האט געזאגט: ניט יעצט, מיר וועלען דאס אבלייגען אויף אנ'אנדער צייט, איך האב מיך דערמאהנט אז איך ברויך נאך זעהער אנעטהיגען גאנג צו געהען.

יודעלע האט ניט געוואגט זיא מעהר צו בעלעסטיגען מיט זיינע פראגען, ער האט זיך פערנייגט אונ איז אוועק געגאנגען.

דא האט יעמאנד מיך פערשמוצט אין מאליעס אויגען — האט יודעלע צו זיך אליין געזאגט אלס ער איז פון שלמה'ס הויז ארויס געגאנגען — איינער פון מיינע פיעלע פיינדע האט מיך וויא איך זעה שטארק פערליימדעט, מיר איז אשאדע וואס איך האב פערלארען מאליעס פריינדשאפט אונ פערטרויען, דען זיא איז זעהער אנ'עדעל אונ אגוטעס קינד, נור וויא באלד זיא איז אזויא לייכטזיניג אונ גלויבט פערליימדערשע צונגען האט זיא ניט דעם ווערטה מען זאל מיט איהר ריידען: אסוף! מעהר קום איך צו איהר ניט.

ט.

צווייא בריעף.

אכט טאג זיינען איבערגעלאפען פון יענעם טאג וואס יודעלע האט זיך צווערטעלט מיט מאליאן.

ער איז אין דיא אכט טאג אהאלבער מענש געווארען, ער האט זיך זעהער עלענד געפיהלט אין דיעזען שטעדטעל, דען ער האט פאסט ניט געהאט מיט וועמען אווארט אויס צו ריידען, דעם גראפס פריילינער שלאס אין וועלכען ער האט זא פיעלע גליקליכע טעג געגאסען האט יעצט אויף איהם נור אשרעק געווארפען, ער האט אין זיינע אויגען אויס געזעהען וויא איינער פון יענע פוסטע שלעסער וואס אין איהם האלטען זיך אויף שדים און ניט גוטע, זיין הייסעסטער וואונש דער אונגליקליכער קארמעליען צו בעפרייען איז געבליבען ערפאלגלאז, דיא עלענדע איז נאך אלין געזעסען אין מינסקער געפענגעניס און עס וואר קיין אויסזיכט זיא זאל פון דארט ארויס, דען עליזאבעטהע מיט קארניצקין האבען ניט געשפארט קיין געלד און קיין מיהע אום איהר קבר טיעפער צו גראבען. זיין איינציגער פריינד זוססעלע דארף איז שוין זייט פינף וואכען אוועק געפאהרען און פון איהם איז נאך קיין בריעף געוועזען, אין שטאדט האט מען אנגעהויבען צו ריידען אז דיא שיף אויף וועלכער אהרן דארף מיט זיין פאמיליע זיינען אוועק געפאהרן האט זיך ערטרונקען.

דיא אלע זאכען האבען אויף יודעלען זעהער אשלעכטען איינדרוק געמאכט און האבען זיין גאנצען מוטה פון איהם גערויבט, זיין איינציג שטיקעל גליק איז נאך געוועזען וואס ער האט עטוואס פערגעניגען געפונען אין מאלען, דיא בעשעפטיגונג האט איהם נאך געהאלטען אויף דיא פים, ער האט יעצט געמאלט צווייא בילדער, דער איינער וואר קארמעליעס חיא זיא האט אויס געזעהען צעטנדיג אין געפענגעניס געקליידעט אין איהר ארעסטאנטסקען מאנטעל, און דער צווייטער וואר מאליע ראזענהויזם.

ווארום האט ער געמאלט מאליעס בילד דאס האט ער זיך אליין איינע מאהל געפרעגט און האט דאס פערענטפערט דאמיט וואס נאך זיין מיינונג וועט איהר בילד ארויס קומען פראכטפאל שיין, ווייל אלע איהרע געזיכטסציגע זיינען פראכטפאל פון דער נאטור געפארמט.

יודעלע! איך האב דיר געבראכט אבריעף, — האט איין מאהל נמוע דער פריעפטרעגער אנגעשריא געטאהן אלם יודעלע איז געזעסען פערטיעפט איבער מאליעס בילד וועלכער האט שוין געהאלטען ביים ענדע.

אבריעף (יוא"ג ח"ג)

אבריעף ? — האט יודעל געפרעגט וויא פון אשטארקען שלאף זיך ערוואכענד — פון וועמען איז דאס אבריעף ?

פון אמעריקא .

פון אמעריקא ? — האט ידעלע ערפרייעט אגעשרייא געטאהן אחאפ טאהנדיג דעם בריעף — דאס איז געוויס פון זיססעלען .

איך האב נאך אבריעף — האט נטע שמייכלענד געזאגט .

וואס נאך פאר אבריעף ?

וואס דער נייער דאקטאר האט איבערגעגעבען אויף דער פאצט , אויב דוא וועסט מיר געבען 10 רובעל וועסט דוא איהם בעקומען .

איך קאן ניט נטע — האט זיך יודעל בייא איהם געבעטען — איך קאן דיר נור געבען דרייא רובעל , דוא ווייסט דאך אז קיין געלד פערדין איך שוין היינט ניט , ווילסט דיא דרייא רובעל גיעב איך דיר .

וואס זאל איך מיט דיר מאכען , גיעב אהער דיא דרייא רובעל .

יודעל האט איהם געגעבען דאס געלד און נטע האט איהם איבער געגעבען ריכטיג אזא בריעף וויא דער ערשטער וואר , אויך אדרעסירט אויף דעם נאמען פעטער סלאווין אין פאריז .

דער בריעפטרעגער האט פון דער זייט אקוק געטאהן אויף מאליעס בילד וואס יודעלע האט געמאלט , אטייפלישער שמייכעל האט זיך אויף זיינע ליפען געוויזען , ער האט געזאגט אגוטען טאג און איז ארויס געגאנגען .

גייאגיעריג האט יודעלע גיעפינט דעם דאקטארס בריעף און האט אין איהם געלעזען פאלגענדע ווארטען :

ליעבער סלאווין !

אויף מיין ערשטען בריעף האסט דוא מיר ניט גיענטפערט , איך פערשטעה גאר ניט וואס מיט דיר איז געווארין , ביזט דוא דאס אזויא בעשעפטיגט וואס דוא האסט קיין צייט מיר איינינע ווארטען צו ענטפערין אדער דוא ביזט איינפאך פויל געווארען און ווילסט זיך דיא מיהע ניט געבען עטוואס צו שרייבען , וויא דיא זאך איז , פון דיר איז דאס אגרויסע אונרעכט און אויב דוא וועסט מיר באלד אויך אויף דעם בריעף ניט ענטפערין וועל איך דיר שוין אויך מעהר ניט שרייבען .

געוויס האסט דוא פון מיין ערשטען בריעף פערשטאנען וואס פאר פארשריטטע איך האב דא געמאכט , דער גראף טאבאלסקי ליעגט שוין טיעף אין דער ערד , עליזאבעטהע איז יעצט מיינע , דוא פערשטעהסט ווערטער ? זיא איז מיינע אין פאללעז זיננע דעם ווארטעס .... זיא איז יעצט דיא איינציגע איינענטהימערין פון איהר מאנס גאנצעס קאפיטאל ,

נוא זעלבסט פערשטענדליך אז וויא באלד זיא איז מיינע איז איהר קאפיטאל אויך מיינער.

מיין מעדיצין וויא איך האב דיר אינ׳ם ערשטען בריעף געשריעבען האט זעהער גוט געווירקט, דאס יונגערע קינד איז שוין פאללקאממען געזונד.... דאס עלטערע וועט אויך באלד פאללקאממען געזונד ווערען....

דוא האסט מיר פיעל מאהל געזאגט דאס דוא האסט שטארק אפעטיט צו יענעם טאליסמאן וועלכער האט אין זיך אזא טהייערן בריליאנט, דעם טאליסמאן האלט איך נור פאר דיר אום דיר צו צייגען אז איך בין אגוטער ברודער.

זייא זשע דוא אויך אגוטער ברודער און שרייב מיר באלד וואס עס הערט זיך אין פאריז, אין גיכען וועלען מיר זיך זעהען.

איך פערבלייב דיין פריינד.

יאהן

דער ערשטער האלבער בריעף איז פון גראסער וויכטיגקייט — האט יודעלע זיך געטראכט — אבער וואס שטעקט דא אין דער צווייטער העלפט, וואס מיינט ער מיט דיא קינדער וואס ער האט דערמאהנט, און וואס איז דאס פאר אטאליסמאן (קמיע), אלענפאלס איז דער בריעף פאר מיר אגאנצער שאטץ און איך וועל איהם היטען וויא מיינע אויגען אין קאפף.

ער האט דעם בריעף זארגפעלטיג פערשלאסען אין קאמאדע און האט גיעפינט דעם צווייטען בריעף.

יא דאס איז פון זיססעלען — האט ער פרייליך אגעשרייא גע־טאהן — אהא ער האט שוין יעצט קיינע חארטען געשפארט, דער בריעף איז לאנג וויא יודישער גלות.

ער האט אין איהם געלעזען פאלגענדעווארטען:

נויארק דען 16 סעפטעמבער ...188

ליבער יודעלע!

דוא ווילסט דאך געוויס וויסען צו בין איך בשלום אריבער געפאהרען דעם גרויסען ים, נוא קאן איך דיך ערפרייען מיט דער גוטער נאכריכט אז איך בין שוין אין אמעריקא, אין דער גרויסער שטאדט נויארק.

בעשרייבען דיר אונזער גאנצע רייזע איז אונמעגליך, דאס דארף מען שרייבען און שרייבען און קיין מאהל צו קיין סוף קומען, נור אום דוא זאלסט אשטיקעלע בעגריעף האבען וואס הייסט פאר איידען אויסוואנדערן נאך אמעריקא וועל איך דיר אונזער רייזע זעהער קורץ בעשרייבען.

דוא ווייסט דאך אז איין שיפסאגענט פון ווילנא האט זיך אונטער

גענומען אונז צו שטעלען גלייך אין נויארק פאר 75 רובעל פון יעדען פערזאן, מיר האבען געמיינט אז מיר דארפען שוין גאר ניט זארגען, מיא וועט אונז גאר אהן עגמת נפש אריבער פיהרען דיא לאנגע וועג אונ מיר וועלען קומען אין אמעריקא מיט רוהיגע פריילינע הערצער, דאס איז אבער געווען נור געמיינט.

דיא ערשטע שמערצען האבען מיר דערפיהלט אלס מיר האבען באדארפט דיא גרענעץ גנבנן.

קומענדיג אין דער סטאנציע ווערזשבאלאווא, האבען מיר זיך געווענדעט צו אגעוויסען בעל אכסניא צו וועלכען אונזער אגענט האט אונז אבריעף געגעבען ער זאל אונז דיא גרענעץ אריבער פיהרען, דער בעל אכסניא האט אונז צו אלעם ערשטען אבגעהאלטען אין זיין אכסניא צוויא טעג מיט דעם אויסרייד אז מיא קאן נאך דיא גרענעץ ניט אריבער געהען, דער וויל האבען מיר געמוזט פאר דיא צוויא טעג גוט בעצאהלען פאר נאכטלעגער אונ פאר עסען, אבער טאקע גוט וואס גוט הייסט, אויפען דריטען טאג אין דער פריא אום זייגער ניין אלס וויר ווארען שוין פערטיג אונזער געהיימען גאנג צו מאכען איז פלוצלונג אריינגעקומען אזשאנדאר אונ האט אונז געפרעגט ווער מיר זיינען אונ וואוהין מיר פאהרען, זעלבסט פערשטענדליך אז אין אונז זיינען קיין נשמות ניט געבליבען פאר שרעק, אונזער בעל אכסניא האט מיין טאטען אבגערופען אן אזייט אונ האט איהם פערטרויעט אסוד אז ער מוז געבען פינף רובעל אום צו פערשטאפען דעם זשאנדאר דאס מויל, מיין טאטע געבעך האט געמוזט געבען חאטש ער האט פערשטאנען אז מיט דיא פינף רובעל וועט דער ליעבער בעל אכסניא מאכען יחץ מיט דעם זשאנדאר.

נאכהער אז מיר זיינען שוין דעם שטרענגען זשאנדאר פטור געווארען, האט דער בעל אכסניא אריינגערופען דריא מוזשיקעס אונ האט אונז געזאגט אז דיא מוזשיקעס וועלען אונז דיא גרענעץ אריבער פיהרען, מיר האבען גענומען אונזערע קלומקעס אויף דיא פלייצעס אונ צוזאמען מיט נאך צוואנציג פערזאנען אויסוואנדערער, מענער, פרויען אונ קינדער אלע מיט קלומקעס אין דיא הענד זיינען מיר נאכגעגאנגען דיא דריא מוזשיקעס.

דאס וואר פארנאכט, דיא זאנע האט שוין געהאלטען ביים אונטער געהען, אקיהלער ווינד האט געבלאזען אונז גלייך אין דיא געזיכטער אונ אונזער גאנצע געזעלשאפט זיינען מעהר געלאפען אלס געגאנגען איבער פעלדער בערגליך אונ טאהלען, קיינער האט אווארט גירעדט וויא מיא זאל מורא האבען פעליכט וועלען דיא וועכטער פונ'ם גרענעץ דערהערען דיא רייד, אין יעדען האט דאס הערץ שטארק געקלאפט אויס שרעק, בעזאנדערס האב איך ניט געקאנט צוקוקען דעם צער

פון

פון דיא מוטערס וואס האבען געטראגען קליינע זייגעדיגע קינדער אויף דיא הענד אונ ביא זייערע פארטוכער האבען זיך געהאלטען קליינע פיף, זעכסיעהריגע קינדערלאך, ביא דעם מינדעסטען גערויש האבען מיר געמיינט אז מיא יאגט אונז אונ מיא וועט אונז אלעמען דערשיסען, מיר זיינען ענדליך געקומען צו אטייכעל.

דיא טייכעל מוזט איהר איבערגעהען זענט איהר שוין אויף יענער זייט גרענעץ — האט איינער פון דיא מוזשיקעס געזאגט.

עס איז אונז אפילו זעהער אונאנגענעהם געוועזען צו קריכען אין אטייך, נור וואס קאן מען העלפען? אונזערע פיהרער הייסען אזויא מוז מען דאך זייא פאלגען.

מיט פעקליך אונ מיט קינדער אויף דיא הענד, דיא הייזען מיט דיא פאלעס פערקאטשעט גאנץ הייך, האבען מיר אנגעהויבען צו קריכען אין טייך.

שטעל זיך אבער פאר וואס פאר אטויט שרעק אויף אונז איז אנגעפאלען אלס מיר האבען אריינשטעלענדיג דיא פיס אינ'ם וואסער פונ'ם טייכעל ערהערט אליארם פון מענשען, אונ בעפאהר מיר האבען זיך נאך אומגעקוקט זיינען נעבען אונז געשטאנען דרייא זשאנדארען אויף פערד.

צוריק! צוריק! אדער מיר שיסען — האבען אונזערע פערפאלגער צארניג געשריען.

נוא נוא, וואס ווילסטו ברודער יודעלע, איז דאס געוואָרען אגעוויין אונ אַיאמער צווישען אונז, איך שווער דיר ביא מיין לעבען אז בשעת מען האט דיא פערטריעבענע יודען נאך דעם חורבן געפיהרט איבער דיא טייכען פון בבל האט קיין גרעסערע פערצווייפלונג ניט געקאנט געבען, מיר האבען געמיינט אז עס איז געקומען אסוף צו אונזער לעבען אונ באלד באלד וועט מען אונז וויא דיא עופות אלעמען אויס שטיקען אונ אויסקוילען.

מיר זיינען צוריק פונ'ם טייך ארויס אונ זיינען געשטאנען וויא אסטאדע שאף וואס מען פיהרט צו דער שחיטה.

איינער פון דיא מוזשיקעס האט אבגערופען דיא זשאנדארן אן אזייט אונ האט מיט זייא אהיבשע צייט געטענהט, נאכהער איז ער צוריק צו אונז צוגעגאנגען אונ האט געזאגט אז ער האט אויסגעפיהרט ביא דיא זשאנדארען זייא זאלען נעהמען צו איין רובעל פאר יעדען מענשען אונ זאלען אונז לאזען פרייא געהען אונזער וועג.

עס איז געוואָרען אשמחה, אגדולה, אקליינגקייט אזא ישועה פאר איין רובעל קאן יעדער זיך פון טויט אויסקויפען, נוא נוא, האסט דוא בעדארפט זעהען וויא יעדער איינציגער האט געבעך גענומען צרויס

שלעפען פון קעשענע דיא לעצטע עטליכע קאפיקעס וואס ער האט גע-
האט אונ האט דאס אבגעגעבען דיא זשאנדארען .

מיין טאטען האט דיא צווייטע חתונה געקאסט זיעבען רובעל דען
מיר זיינען דאך געוועזען זיעבען פערזאן , ער האט זייא אבגעגעבען מיט
דער גרעסטער שמחה אונ האט געדאנקט גאט וואס ער האט איהם
אזא נס געטאהן אונ האט איהם מיט זיין ווייב אונ קינדער מציל געוועזען
פון אזא נויט .

מיר האבען ערשט שפעטער ערפאהרען אז דיא גאנצע געשיכטע
פון דיא זשאנדארען איז געוועזען נור אשפיעל אום פון אונז געלד צו ציהען
פאר אונזערע ליעבע אגענטען וואס האבען זיך אונטער גענומען אונז צו
ברייגגען גאר אהן עגמת נפש אין דער נייער וועלט .

מיר זיינען דעם טייך בשלום אריבער געגאנגען אונ האבען פרייער
אויפגעאטהמעט אלס מיר זיינען שוין געשטאנען אויף יענער זייט , אויף
דעם דייטשעסען באדען , יעצט האבען מיר זיך געקלערט זיינען מיר שוין
בעפרייעט געווארען פון אלע צרות , מיר וועלען שוין אהן היגדערניסע
אונזער וועג פאהרען .

איך בין געוועזען אזויא מונטער אונ צופריעדען פון דעם וואס מיר
זיינען שוין אנגעקומען אין דייטשלאנד דאס איך האב געמאכט אנ'אבשיעדס-
ליעד צו מיין פאטערלאנד , ווילסט זיא הערען ? דאס איז זיא :

מוטער רוססלאנד זייא געזונד !
דיינס אקינד מוז פון דיר געהן
צום קיססען רייכט ער דיר זיין מונד
ער וועט דיך שוין ניט מעהר זעהן .
לעב וואהל מוטער לעבע וואהל .
איך זעה דיך יעצט דאס לעצטע מאל .

מוטער רוססלאנד איך ליעבע דיך
איך ליעבע דיך וויא אקינד
חאטש דוא האסט אונ פערפאלגט מיך
דיין האס האב איך ניט פערדינט .
אויך אין עק וועלט גלויב זשע מיר
וועט מיך ציהען שטארק צו דיר .

דאס ליעד האב איך אנגעשריעבען אין דער אכסניא וואו איין יודעל ,
וועלכער האט אונז ביי'ם גרענעץ בעגעגענט , האט אונז אהין געבראכט !
דאס יודעל האט אויך געהערט צו דער קאמפאניע אגענטען וואס טראנס-
פארטירען איבער דיא אויסוואנדערער פון רוסלאנד נאך אמעריקא .

(יוא"ג ח"ג)

אין

אין דער נייער אכסניא האבין מיר זיך אויס גערוהט פון דער שווערער געפאהרפאלער וועג וואס מיר האבין צופוס דורך געמאכט, אונזער נייער בעל טובה האט אונז איינגערעדט מיר זאלין דא נעכטיגען אונ פאהרען מיט דעם צוג וואס געהט אב מארגין נאך האלבין טאג דירעקט אין האמבורג.

דאס האט דער בעל טובה ניט אזוי געמיינט אונזער טובה וויא זיין אייגענע, ער האט פשוט געוואלט ארויס רייסען פון דיא ארמע אויסוואנדערער זייער לעצט ביסעל געלד פאר קווארטיר אונ עסין, עס זיינען אבער גיוועזן זאלכע ארמע לייט וואס האבין שוין אין קאפיקע ביי זיך ניט געהאט, האבין דאס דיא אונגליקליכע געביך געהאט צרות, איך זאג דיר יודעלע אז מען האט זייערע יסורים גאר ניט גיקאנט צו זעהן, דער בעל טובה האט זייא געשראקען אז ער וועט זייא איבער געבין צו דיא רוססישע בעאמטע פונ'ם גרענעץ מען זאל זייא צוריק נאך רוסלאנד אבשיקען, דיא אונגליקליכע האבין דער פאר שטארק מורא געהאט אונ האבין ביי דעם טיראן איבער געלאזט קליידער אדער קישענס פאר דעם געלד וואס ער מאנט פון זייא, אונ מיר האבין ווייטער אלע גאט געדאנקט אלס אויף מארגין נאך האלבין טאג האט מען אונז אריין געזעצט אין דיא וואגאנען פונ'ם פערטין קלאס וועלכע האבין אונז בעדארפט פיהרען נאך האמבורג.

דוא האסט בעדארפט אנקוקען וואגאנען, קיין בייגק צום זיטצען איז אין זייא ניטא, אונ אלע פאססאזשירען האבין געמוזט זיטצען אויף דער ערד, יעדער וואגאן וואר אנגעפאקט מיט לויטער אויסוואנדערער, דען פאר דיא אונגליקליכע האט מען אין דער הומאנישער דייטשלאנד אבגעגעבין בעזונדערע וואגאנען אום קיין אנדער מענש זאל זיך חלילה צו זייא ניט צו ריהרען, איך האב געזעהן דאס מען בעטראכט אין דייטשלאנד דיא רוססישע יודען ניט אלס מענשין זאנדערין אלס פיא, ריכטיג וויא דיא גענז וואס מען פיהרט ביי אונז ארויס אין מארק פערקויפען פאקט מען דא אן וואגאנען מיט רוססישע אויסוואנדערער זא דאס זייא זיטצען קאפף אויף קאפף, מען קאן זיך איינפאך קיין ריהר ניט טאן, זעלבסט פערשטענדליך אז דיא לופט וואס עס זיטצען אזוי פיעל מענשין איז אזוי פערשטיקט דאס מען קאן איינפאך ניט אטהמען.

נאך מעהר, מען לאזט דיא אונגליקליכע אין דיא וואקזאלען ניט אריין. ריכטיג וויא זייא זאלין זיין פערפעסטעטע מענשין, פאר זייא איז געמאכט געוואריין בעזאנדערע ערטער וואו זייא האבין דאס רעכט ארונטער צו שטייגען, דיא ערטער זיינען איינפאכע פייכטע קעלערין, דייטשעסע סאלדאטען גיבען גוט אכטונג אז ניט איינער פון דיא רייזענדער זאל אריין געהן אין אוואקזאל.

וויא גיפעלט דיר דיא מענשין פריינדליכקייט פון דיא דייטשען? ביי אונז אין רוסלאנד מיינט מען אז דיא דייטשען זיינען העכסט געבילדעטע, אונ דארום אויך מענשען פריינדליכע מענשין, אך וואס פאר אטעות דאס איז,

(יוא״ג ח״ג) איך

איך וועל ניט פערבייטען דיא עהרליכקייט וואס עס ליגט בייא דעם אונגעבילדעסטין-קאצאפ אין פיאטע אויף דעם גאנצען יושר וואס ליגט בייא אלע דייטשען אין דיא קעפ.

דיא שטיקעל רייזע פון פרייסישען גרענעץ ביז האמבורג האט אונזערע אויסוואנדערער פיל געזונד גיקאסט, אונ מיר האבין ווידער אמאל נאט גערדאנקט אלס מיר זיינען אנגעקומען אין האמבורג.

איך מיט מיין גאנצע פאמיליע האבין געהאט שיפסקארטען פון דער פירמא „קלוגע יארמולקע", אונזער אגענט האט אונז אנגעזאגט דאס ווען מיר וועלין קומען אין האמבורג זאלין מיר ארויס געהן אויף דער פלאטפארמע אונ שרייען „קלוגע יארמולקע" וועט שוין אבעדינטער פון דעם קאנטאר צו אונז צו געהן אונ וועט אונז ברייגגען אין אנ'ארדענטליכען האטעל וואו מען וועט אונז ניט בערייסין אונ מען וועט אונז בעהאנדלען וויא איינענע מענשין ביז מיר וועלין זיך זעטצין אויפין שיף.

מיר האבין אזו געטאן, מיר האבין געשריען „קלוגע יארמולקע" ביז אמאן איז צו אונז צוגעגאנגען אונ האט אונז איינגעלאדין מיר זאלין מיט איהם געהן, ער האט אונז צוגעפיהרט צו אוואגין וואס האט אויס גיזעהן וויא אשאנדוואגין וואס אויף איהם פיהרט מען גנבים אדער פערארטהיילטע מערדער צום עשאפאט, אויף דעם וואגין האט ער געהייסין אונז זיך זעטצין, אברירה האבין מיר געהאט, מיר האבין זיך געזעצט אויף דעם שאנדוואגין אונ האבין זיך געשלעפט געוויסע צווייא שטונדען ביז מיר זיינען געקומען צו אגרויס הויז, אונ דא האט מען אונז געהייסין ארונטער שטייגען אונ אריין געהן איינווענדיג.

מען האט אונז ארויף געפיהרט אויף אדריטען שטאק אונ אנגעוויזען אצימער וועלכער וואר עהנליך צו אשטאיג וואו מען פערשפארט היגער, אין דעם קליינעם צימער וואס האט געהאט נור איין קליינעם פענסטער אין הויף זיינען געשטאנען דרייא בעטין איינע געבין דער אנדערער זא געדיכט דאס מען האט זיך פאסט ניט גיקאנט אויס דרייען אין דעם צימער.

מיין פאטער האט גיבעטין מען זאל אונז געבין אגרעסערין צימער.

קאנט איהר צאלען זיבען מארק אנאכט — האט דער ווירטה פון דעם גאסטהויז שמייכלענד גיענטפערט — וועל איך אייך געבין אגרעסערין צימער.

זיבען מארק אנאכט? — האט מיין פאטער ערשראקין גיפרעגט.

יא יא — האט דער ווירטה קאלט גיענטפערט — אין אגרעסערין צימער צאהלט מען איין מארק פאר יעדען פערזאן אונ אין אזא צימער וויא דער איז וועט איהר צאלען בלויז אהאלבען מארק פון יעדין מענשין.

אבער אום נאטעס ווילען פאר וואס קומט דאס אזו פיעל געלד פאר אזא שטאיג?

 לאהנט

לאהנט אייך ניט וויא איהר ווילט אייך.

איך וויל טאקי ניט — האט מיין פאטער מיט כעס גיענטפערט — איך וועל מיר געהן זוכען אנ'אנדער קוואַרטיר.

געהט אייך געזונטער הייד אבער מיר וועט איהר בעצאהלען צו האלב מארק פון יעדען מענשין דער פאר וואס איהר האט שוין אייערע זאכין אהער אריין געטראגין.

עס האט ניט געהאלפין קיין תחנונים אויך קיין שטרענגע ווארטין מיר האבין געמוזט געהמען אנדערעסערין צימער און צאהלען זיבען בלוטיגע מארק פאר אנאכט, מיר האבין גירעכינט אז מארגין וועלין מיר שוין זיין אויף דער שיף וועלין מיר נור פאר איין נאכט דארפין בעצאהלען.

עס האט זיך אבער אנדערש אויסגילאזט, דיא פירמע „קלוגע יארמולקע" האט אונז אבגעלייגט פון טאג צו טאג און מיר זיינען זיך אזו אבגעזעסין אין האמבורג גאנצע אכט טאג.

דוא קאנסט זיך לייכט פארשטעלין אונזער לאגע, זיטצען אין האמבורג אכט טאג, צאהלען זיבען מארק אנאכט פאר קווארטיר און פאר יעדין מאהלצייט האט מען ביי אונז געריסען געלד אן רחמנות, צום גליק האט נאך דער טאטע געהאט געננג געלד צו בעצאהלען פאר דיא אלע זאכין, איך האב אבער גיזעהן אזעלכע אויסוואנדערער וואס האבין נעביך ניט געהאט זא פיעל געלד אום זאלכע אונערטרעגליכע הוצאות צו דעקין, דיא האבין איינפאך פון זיך דיא העמדער פערקויפט אום זייא זאלין אין שטאנד זיין זיך פון האמבורג ארויס צו רייסען.

איך קאן דיר גאר ניט אויס שרייבין וויא אזו דיא פירמעס פון דיא שיפסקארטען בעשווינדלען דיא ארמע אויסוואנדערער, מען זייגט פון זייא זייער בלוט אויס ביז עס פעהלט זייא דאס נעטהיגע געלד צו בעצאהלען פאר דער שיפסקארטע, דאן נעהמען זייא ביי דיא אונגליקליכע צו אלעס וואס זייא האבין פון ווערטה זאכין און קליידער און לייען זיי כלומערסט אויס עטליכע מארק אלס גמילות חסד.

קורץ און גוט אויף דעם ניינטען טאג האט מען אונז אנגעזאגט אז מיר קאנען שוין פאהרען אויף דעם ענגלישען דאמפפער „לאנדאן".

יודעלע! וואו דוא וועסט מיט דיינע אויגען ניט זעהן אדאמפפער וואס פיהרט פאססאזשירען פון אייראפא נאך אמעריקא קאנסט דוא זיך קיין בעגריף מאכין וואס דאס איז פאר אמין חיה.

אדאמפפער איז אפיהרשטאקיגעס וואסער הויז, נאר אונטען ליגען אלע פראדוקטען וואס מען פיהרט מיט זיך אויף דער וויטער רייזע, אינ'ם צווייטען שטאק זיטצען דיא צווישענדעק פאססאזשירען, אין דעם דריטען וואהנען דיא קאיוטען פאססאזשירע דיא וואס פאהרען ערשטע און צווייטע קלאססע,

און נאר אויבען זיצט דער קאפיטאן מיט אלע געסטע וואס ווילען געניססען די פרישע לופט .

די פאססאזשירען פון דער ערשטער קלאססע די לעבין וויא מען זאגט אגוטען טאג , זייא פעהלט ניט פון פייגעל מילך , זייא זייגען פערזארגט מיט אלע טהייערסטע שפייזין מיט ווייבע בעטין אונ מיט בעדער , זייא פעהלט זאגאר אויך אנ׳ארקעסטער מוזיק ניט וואס שפילט יעדין טאג אויבען , אום די רייכע געסטע צו ערהייטערין אונ זייא זים מאכין די רייזע . די צווייטע קלאססע פאססאזשירען איז אויך ניט שלעכט . וועה איז אבער דעם צווישענדעק פאססאזשיר, ער ליגט פערשפארט אין אלאך מיט נאך צוואנציג פערזאן , אלע שלאפין אין דעם איינעם פינסטערין פערשטיקטען צימער , אונ ווען יעמאנד האט די זעע קראנקייט ברעכט ער, אויף די פארשוינען וואס ליגען אונטער איהם , דען אין די קלעטקעס ליגען די פאססאזשירען אויף פאליצעס איינע איבער די אנדערע .

דאס עססין וואס מען גיט זייא אונטער דער גאנצער צייט איז קוים צו פערדייהען , מען קאכט פאר זייא אפ אגרויסען קעסיל מיט זופ אונ אשטיקעל פלייש וואס האט קיין טעם אונ קיין ריח ניט , אויף אלע קלאגען פון די ארמע מענשין וויל גאר קיינער ניט ענטפערין , דען מיא האלט זייא ניט פאר מענשין זאנדערין פאר ווילדע חיות .

דאס איינציגע שטיקעל פערגעניגען וואס די צווישענדעק פאססאזשירען האבין אויפין שיף איז דאס וואס זייא נעהן ארויס אויפין פארדעק וואו זייא קענען ווענינגסטענס פרישע לופט געניסען , דא זיטצען אונ ליגען זייא געדיכט איינער נעבין אנדערין אויף דער טרוקענער פאדלאגע פונ׳ם פארדעק .

עס איז זעהר שרעקליך צו זיטצען אויף דעם פארדעק אונ צוקוקען וויא די גרויסע שיף וויגט זיך אין די שטורמישע וואסער פונ׳ם אקעאן , מיא זעהט פאר זיך ניט מעהר וויא הימעל אונ וואסער , זעהר אפט זעהט מען אויך גרויסע פיש וואס הייסין ים הינד זיך נאכיאגען נאך דער שיף .

ווען דער הימעל איז לויטער אונ די זאננע אדער דער מאנד שיינען העל איז נאך וויא עס איז צו ערטראגין , חאטש די שיף הערט זיך ניט אויף צו ווארפין זאגאר אין דער רוהיגסטער פאגאדע , ווען אבער דער הימעל ווערט פערוואלקינט אונ עס פאנגט אן צו שטורמען , דאן ווייזט אויס אז די גאנצע שיף מיט אלע איהרע מענשין מוזען באלד צו גרונדע געהן , די שטירמישע וועלען הייבין זיך אויף אזו הויך דאס זייא פערגיסען זאגאר דעם פירטען שטאק , די שיף בייגט זיך אויף איין זייט אונ יעדען דוכט זיך אויס אז אט אט קעהרט זיא זיך איבער , דורך דער שטארקער בעוועגונג ווערט יעדין ניט גוט , דער קאפף דרעהט זיך בייא איהם וויא בייא אשכורן אונ ער פאנגט אן צו ברעכין מיט גרין אונ גאל , עס איז איהם אזו איבעל דאס ער דענקט אז ער וועט שוין פון דאנען לעבענדיג ניט ארויס קומען .

נאך שרעקליכער איז ווען עס ווערט אנעבעל .

דער נעבעל אויפן ים איז אזו געדיכט דאס מען זעהט פאר זיך קיין זאך ניט אוים דיא שיף וויא איינגעטונקט אין רויך , אין אזא צייט ציטערין דיא קאפיטענע זייא זאלין זיך ניט בעגעגנען מיט נאך אשיף אונ דאן קאנען זייא זיך ביידע אזוי צוקושען אז זייא זאלען צוזאמען צערשמעטערט ווערין אונ אין אבגרונד זענקען , דער לאקאמאטיף הערט דאמאלס ניט אויף צו פייפען אלס סיגנאל צו דיא נאהענטע שיפען זייא זאלין ניט קומען ענטגעגען , דיא פייפערייען אליין ווארפען אשרעקליכע מרה שחורה אויף יעדין איינציגען , עס ווייזט אוים אז דארט קומט אן אשיף אונ זיא גיט זיך אשטוים אן אונזערער אונ קאפוט ....

בעזאנדערס זייגען נור דיא ערשטע עטליכע טעג שווער דיא רייזע צו ערטראגין , נאכהער ווערט מען שוין אביסעל געוואהנט מיט דעם לעבין אונ עס ווערט פרייליכער , דיא פילע מעדכענס וואס פאהרין אויפין שיף בעקומען באלד באקאנטע אונ פריינדע , עס שפילען זיך אב אויפין שיף גאנצע ראמאנען אונ געהיימע ליבעס , איבערהויפט פערשטעהן דיא מאטראזען וויא זיך צו שמייכלען צו דיא מיידלאך וואס פאהרין אין צווישענדעק , אלס עכטע קאוואליערען טראגען זייא דיזע מעדכין צו פערשידענע ערפרישונגען אונ דער פאר קויפען זייא לייכט זייער ליבע ...

שפעטער האט זיך געפונען צווישען אונזערע פאססאזשירען אמאן וואס האט געשפילט אויף אגערמאניע אונ פאר דעם קלאנג פון זיינע טענער זייגען געגאנגען היבש עטליכע פארליך טאנצען , דיא פאססאזשירען פון ערשטער אונ צווייטער קלאססע האבין פון אויבען שטאלץ אראפ געקוקט אויף דעם טאנץ פון דיא קליינע מענשין אונ האבין געפאטשט בראווא .

פאהרענדיג עטליכע טעג אויפין ים גלויבט זיך גאר ניט אז מען וועט אמאל דיא יבשה בעטרעטין , אך וואס פאר אחשק מען האט דאמאלס צו האבין אונטער זיך דיא הארטע ערד , דיא ערד אויף וועלכער מיר געהן אימער ארום אונ פיהלען גאר ניט איהר ווערטה , דיא זעלבע ערד ווערט זיטצענדיג אויפין שיף ביא אונז זייער טייער אונ יעדער ווינשט וואס גיכער אויף איהר צו קומען .

דאס איז וואהר וואס מען זאגט :
אז מיר שטאמען פון דער ערד ,
דען ווען מיר זייגען ווייט פון איהר ,
פיהלען מיר איהר גרויסען ווערטה ,
דער גרויסער ים וואס ער שיינט ,
פאר דער זאנגע אזוי שיין ,
קאן ניט האבין פון דער ערד ,
ביא אונז מענשין דעם זעלבין חן .
(יוא"ג ח"ג)

איך האב געדולדיג דיא אלע קוואלען פון דעם לאנגען וועג איבער געטראגין, איך האב מיך זאגאר געפיהלט העכסט פערגעניגט און מונטער, דער געדאנק אז נאך אין עטליכע טעג וועל איך זיין אין אמעריקא, אין יענער אמעריקא פון וועלכער מען ערצעהלט אזו פיל שיינע זאכין, וויא דארט קאן מען איבער איין נאכט אמיליאנער ווערין, דארט קאן יעדער איינציגער ווען ער האט נור גוטע פעהיגקייט זאגאר אפרעזידענט ווערין.

עס קאן זעהר זיין — האב איך זיך געטראכט — דאס איך וועל מיט דער צייט אויך איינער פון דיא גרעסטע מענער אין אמעריקא ווערין.

אויף דעם שיף בין איך באקאנט געווארין מיט פיעלע פרישע פערזאנען מיט וועלכע איך האב מיך זעהר פריינדליך אונטערהאלטין און דיא צייט פערבראכט, בעזאנדערס האט מיר פיל פערגעניגען פערשאפט דיא באקאנטשאפט מיט אפריילין אוים חארקאוו זיא הייסט בערטהא שטאלץ, דער נאמען פאסט איהר טאקי, דען זיא איז בייא זיך שטאלץ וויא איינע קייזערין ווייל זיא איז זעהר שיין און העכסט געבילדעט, זיא פאהרט צו איהרען אברודער וועלכער וואהנט שוין לאנג אין אמעריקא און איז דארט אגרויסער גביר.

דאס מעדכען האט מיט קיינעם פון איהרע מיטרייזענדע געווירדיגט מיט איהר קאנטשאפט, מיט מיר האט זיא אויך ניט געוואלט ריידען, ביז עס האט זיך געמאכט אצופאל דורך וועלכען זיא האט געמוזט מיט מיר ריידען, דען איהר איז איין מאהל זעהר ניט גוט געווארין און איך וואר דער איינציגער וואס האב איהר אונטער געטראגין פערשידענע ערפרישונגען און האב זיא דאדורך אויפגעמונטערט, פון יענער צייט אן איז זיא מיט מיר אזו בעפריינדעט געווארין דאס זיא האט מיך פון זיך איינפאך ניט אבגעלאזט, איך בין מיך מודה פאר דיר ליבער פריינד דאס ווען איך זאל ניט געוועזען האבין אין זינען מיין געליבטער ראזע גלאנץ, וואלט איך מיך אין דער בערטהא שטאלץ שטערבליך פערליבט, זיא איז אזא מעדכען וואס מען דארף זוכען צווישען מיליאנען, וויא מיר שיינט טראגט זיא עפעס אשווערע זארג אין הערצין, דען זיא זיצט אימער טרויעריג פערטראכט, און מאנכעס מאל זיפצט זיא זייער ביטער, איך האב פאר קיין פאל ניט געקאנט ערפאהרען אין וואס איהר זארג בעשטעהט, דאס מוז זיין אזא געהיימנים וואס ניט אלע דארפין פון דעם וויסען.

אויפין עלפטין טאג האט מען אנגעשריא געטאן אמעריקא! לאנד! אלע פאססאזשירען זיינען ארויף געלאפין אויף דעם פארדעק און האבין ווירקליך צו זייער גראססער פריידע פון ווייטען דער זעהן ערד.

דאס איז געוועזען אשמחה, דער געדאנק אז באלד וועלין מיר אבערמאלס שטעהן אויף דער הארטער ערד האט אלעמען ערקוויקט און אנייא לעבין אריין געגעבין, מיר האבין זיך זאט ניט געקאנט אבקוקען פון דער ערד וואס

האט

האט צו אונז פון ווייטען וויא צו געוואונקען מיר זאלין וואס גיכער צו איהר קומען, מיר האבין אויך באלד דער זעהן קליינע פישער שיפען אונ אנדערע דאמפפער וואס זיינען אונז אנטגעגין געקומען פון נויארק, קורץ גירעדט: מיר האבין נייע צייכענס פון לעבין דער זעהן אונ אונזערע הערצער זיינען פאל געווארין מיט פריידע אונ האפנונג.

ביא נאכט האבין מיר פאר זיך דערזעהן דעם האפען פון האבאקען, דאס איז איינע פון נויארקער פארשטעדט, פאר אונז האט זיך פארגישטעלט אפראכטפאללע פאנאראמע, דער גאנצער האפען ווארוויא אילוימענירט וויא בעוואסין מיט אזאנפטעס פייער.

וויר זיינען שוין אין אמעריקא! וויר האבין שוין גיענדיגט דיא מיהזעלע זעע רייזע, אך וואס פאר אגליק!

עס האט אונז אלעמען אוים געוויזען דאס דער האפען איז אילוימענירט נור לכבוד אונז, ביים ברעג זיינען געשטאנען זעהר פיל מענער אונ פרויען אונ האבין אונז בעגריסט מיט זייערע טאשענטיכער וועלכע זייא האבין געשווונגען אין דער הייך.

דיא אלע מענשין זיינען געשטאנען בערייט צו עמפפאנגען זייערע באקאנטע אונ פערוואנדעטע וואס זיינען אנגעקומען פון אייראפא מיט דעם דאמפפער.

איך האב פאר פריידע געוויינט, לידער אבער האב איך באלד ערפאהרין אז מיר זיינען נאך צו אונזער ציעל ניט געקומען, דען אין האבאקען לאזט מען נור אראפ דיא קאיוטען פאססאזשירע פון ערשטין אונ צווייטין קלאס, אונז צווישענדעק פאססאזשירע האט מען זאגאר פון שיף ניט אראפ געלאזט, ערשט נאכדעם אלס דיא קאיוטען פאססאזשירע זיינען מיט זייער געפעק הערונטער גיגאנגען האט מען אונז געזעצט אויף אנ'אנדער שיף גאר אקליינע אונ מען האט אונז געפיהרט אריין פון איניגע שטונדען ביז קאסטעל גארדען, דער פלאטץ וואו מען לאזט אראפ דיא צווישענדעק פאססאזשירע.

דער האפען פון נויארק, דיא גרויסע הייזער וועלכע וויר האבין גיזעהן פון ווייטען האבין אונז אזו איבערראשט דאס מיר האבין געמיינט אז מיר פארין אריין אין אגן עדן, קיין פעדער איז ניט אין שטאנד צו בעשרייבין דעם פראכט וואס ליגט אויף דער שטאדט קוקענדיג אויף איהר פון ווייטען.

קאסטעל גארדען איז אגראסעס ריעזענהויכעס הויז וואס ווייזט אוים וויא אטהורעם, אין איהם זיינען דא זייער גרויסע אונ ברייטע זאאלען וואו דיא פאססאזשירען ווארטען ביז מען קומט זייא אבנעהמען.

יעדער פון אונזערע רייזענדע האט געמוזט צוגעהן צו דער ביורא וואו עס איז געזעסין אשרייבער אונ האט איינגעשריבען אין אבוך יעדענס נאמען אונ פראפעסיאן, דער מאן האט אויך יעדין גיפרעגט צו האט ער מיט זיך

געלד, דען אין אמעריקא לאזט מען ניט אריין קיינע קבצנים, אויך ניט קאליעקעס וואס קאנען קיין געלד פערדינען, וויא אויך ניט גאנץ אלטע לייט.

דאך קוקט מען דא אויף דיא אלע זאכין וויא דורך דיא פינגער, קוים געפינט זיך איינער וואס קומט דעם פאססאזשיר אבנעהמען לאזט מען איהם דורך, ער מאג זיין ארעם אדער אלט.

מיר זיינען בשלום דיא רעוויזיאן דורך גיגאנגען אונ מען האט אונז אריין געלאזט אין דעם זאאל וואו מען דארף ווארטין אויף דיא פריינדע וואס דארפין קומען זייערע געסט אבנעהמען.

מיר האבין געגעבין אטעלעגראמע צו דעם טאטענס יוגענד פריינד זלמן גאלד, וועלכער וואהנט שוין אין אמעריקא זייט צעהן יאהר, אונ דיזער מאן איז גלייך געקומען אונז אבנעהמען.

ער האט אונז מיט אונזער בעגאזש פערנומען אין אוואגען אונ האט אונז אין שטאדט אריין געפיהרט.

דעם איינדרוק וואס דיא נויארקער גאסין האבין אויף מיר געמאכט בין איך ניט אין שטאנד דיר פארצושטעלין, איך האב פאר זיך דער זעהן אשטאדט אין יעדין פון איהרע הייזער וואהנען אזו פיעל מענשין וויפיל עס געפינען זיך אין גאנץ הארידאק, דיא גרויסע גאסין זיינען אנגעפילט מיט מענשין, אין מיטען דיא גאסין פאהרין פערד באהנען וואס פיהרען טויזענדער מענשין אין דיא ווייטע ערטער וואוהין עס איז שווער געהן צו פוס, אונ אין דער הייך איבער דיא גאסין פליהען אייזענבאהנען מיט וואגאנען, זא דאס איך בין שיער טויב געווארין פון דעם גערויש וואס דא איז, דוא פערשטעהסט וואס דא טוהט זיך, נויארק איז אצווייענדיגע שטאדט, דעם גאראד איז דא וועניג דיא ערד, האבין זייא געפונען אמיטעל וויא צו בענוטצען דיא לופט אויך.

מיט פריילין בערטהא שטאלץ האב איך מיך אין קאסטעל גארדען געזעגנעט, זיא האט מיר איהר אדרעססע געגעבין אונ איך האב איהר פערשפראכין זיא צו בעזוכין.

ערשט היינטע בין איך מיט מיינע עלטערין אונ גאנצע פאמיליע דעם ערשטין טאג אין נויארק, איך האב שוין געהאפט אשטיין אין קאפ אויך פאהרענדיג פון קאסטעל גארדען צו זלמן גאלד אהיים, דען ווען דיא היגע גאססעניונגען (דא הייסען זייא לויפער) דער זעהן אנ׳אייראפייאישען מענשין וועלכער געהט נאך אין זיין אלטהיימישער קליידונג בעווארפין זייא איהם מיט שטיינער.

איך בין מיעד פונ׳ם וועג, דארום שרייב איך דיר נור פון מיין קומען אהער, אינ׳ם צווייטען בריף וועל איך דיר שרייבין פון אלעס וואס איך וועל פערשטעהן אז דיר קאן דאס אינטערעסירען.

איך האף אז גאנץ גיך וועסט דוא פון מיר הערין אז איך האב אסך

אבער טאקי נאר אסך געלד, דען וויא איך פערשטעה קאן מען דא אנקלייבין עשירות.

דער וויל אדיע, איך פערבלייב דיין בעסטער פריינד

זיססעל דארף.

י.

אפראיעקט פון גנבים.

דורך יודעלען איז קארמעליען שוין פיעל בעסער געווארין, דען ערשטינס האט ער דעם סלעדעוואטעל אויפגיעפינט דיא אויגען ער זאל זעהן אז קארמעליע איז ארום גערינגעלט מיט שרעקליכע פיינדע וועלכע זיינען אויף דער העכסטער שטופע פערדארבין, דער סלעדעוואטעל האט נאכפארשונגען געמאכט אונ האט ערפאהרען אז דער דאקטאר קארניצקי האט ווירקליך קיין מאהל געטארט אריין קומען אין דעם גראפס שלאס וויל טאבאלסקי האט איהם זעהר געהאסט. צווייטענס האט מען דאס גאנצע גישפרעך וואס יודעלע האט געפיהרט מיט קארמעליען בייא איהר אין געפענגעניס זיך גוט אונטערגיהערט אונ מען האט דער פון פערשטאנען אז עס איז נאך אגרויסער צווייפעל צו איז זיא ווירקליך דיא מערדערין פון איהר ברודער.

נאך אין יענעם אווינד האט מען זיא איבערגעפיהרט אין אבעסערער צעלע אונ צווישען זאלכע ארעסטאנטען וואס זיטצען פאר געוואהנליכע זינדע וויא פאר גנבה, פאלשען, אונ זא ווייטער. זיא האט שוין איבער זיך ניט געהאט אזא שטרענגע געביטערין וויא פריילין סקאטינאווא איז, איבער איהר האט געהערשט אמאן אונ גראדע אמענש מיט אשטיקעל עדעלקייט, דיעזער מענש האט שטארק מיטלייד געהאט מיט דער שיינער בלום וואס זיטצט דא צווישען אזעלכע דארנען, אונ ער האט זיך בעמיהט איהר ביטערע לאגע עטוואס זיסער צו מאכין, זיא האט ערהאלטען בעסערע שפייזען אונ מען האט זיא ניט געצוואונגען שווער צו ארבייטען.

זיא האט פערשטאנען אז דאס אלעס האט זיא צו פערדאנקען דעם ארמען יודעלען, אונ זיא איז איהם דאפיר העכסט דאנקבאר גיוועזען, זיא האט פאסט יעדין טאג פאר איהם גאט געבעטין ער זאל איהם בעלאהנען וויא ער האט פערדינט.

אבער נאך דיא אלע גליקען איז איהר לאגע דאך שרעקליך גיוועזען, פאר אגעוואהנליכען מענשין איז אויך זעהר אונאנגענעהם צו זיטצען אין געפענגעניס צווישען זאלכע סובייעקטין וואס האבין לאנג פערלארין דיא מענשליכע געפיהלע, בעזאנדערס פאר אזא גוט ערצאגענעס קינד וויא קארמעליע וואר, פאר איהר וואר דאס זיטצען אין דיזע ארט אונערטרעגליך. אויסער דאס

ביטערע אונאנגענעהמע לעבין אין געפענגענים האט זיא ניט גיקאנט ערטראגין דיא שענדליכע ווארטען פון דיא ארעסטאנטען מיט וועלכע זיא האט זיך געמוזט בעגעגנען אין דעם גרויסין הויף פונ׳ם אסטראג, דען אין אגעוויסער שטונדע האט מען אלע ארעסטאנטען ארוים געלאזט אין דעם הויף זייא זאלין עטוואס פרישע לופט געניסען, אונ בייא אזא פאל האבין זיך פיעלע פון דיא ארעסטאנטען געוואגט אנקניפפען מיט דר שיינער ארעסטאנטין אפריינדשאפט, זיא האט בייא זייא באקומען דעם נאמען „דיא ווייסע טויב" אונ יעדער פון דיא באנדיטען האט שטארק חשק געהאט דיא ווייסע טויב צו פאנגען, עס האבין גיט געהאלפין איהרע פראטעסטע אונ איהרע ביטען, דיא אונמענשין האבין גרוים פערגעניגען געהאט פון דעם וואס זיא ערגערט זיך.

איהר שוטצמאן וועלכער וואר צו איהר זעהר גינעדיג האט שוין אייניגע מאל בעשטראפט אפאר ארעסטאנטין דערפאר וואס זייא האבין דער ווייסער טויב בעלעסטיגט, אבער דאס האט נאך מער אויפגערייצט דעם צארין פון דיא איבעריגע אונ זייא האבין זיא נאך מעהר בעלעסטיגט מיט זייערע גראבע ווערטער.

צווייא פון אלע ארעסטאנטין האבין דער אונגליקליכער מעהר פערפאלגט אלס אלע איבעריגע.

איינער וואר איונגער מאן פון אונגעפעהר צוואנציג יאהר, מיט געלע האאר אונ ווייסע אויגען, אן זיינע שולטערין האט מען גיקאנט ערקאנען דאס ער בעזיטצט אמערקווירדיגע קראפט. דער צווייטער וואר מיט פינף יאהר עלטער, דאס איז גיוועז אריעזענהויכער מאן פעסט געבויט מיט אווילדעס פרעכעס געזיכט, פאר דיאביידע פערברעכער האבין אלע ארעסטאנטען געציטערט.

זשוליק אונ לאפניק אזו האבין דיא ביידע באנדיטען געהייסין, דאס ווארין צווייא בעוואוסטע גנבים וואס זיינען איבערגעזעסין אין דיא גרעסטע אסטראגין, דא אין דיזען מינסקער אסטראג זיינען זייא צוזאמען געקומען, אונ איינער האט אינ׳ם צווייטען ערקאנט אגוטען ברודער, דארום זיינען זייא זייער בעפריינדעט געווארין אונ האבין געווארפין אמורא אויף אלע איבעריגע ארעסטאנטען.

איך מוז דער ווייסער טויב בעקומען — האט איין מאהל לאפניק פערטרויט זיין פריינד זשוליקן.

וואס הייסט דוא מוזט? וויא אזו וועסט דוא דאס אויספיהרען? — האט זשוליק געפרעגט.

גאר איינפאך, איך וועל מיט איהר פון דאנען אנטלייפען.

ערשטענס וויא אזו וועסט דוא אנטלייפען? צווייטענס איז דאך דיא פראגע צו וועט זיא וועלין מיט דיר אנטלייפען?

צו זיא וועט וועלין? געוויס וועט זיא וועלין, איז איהר דען אנגענעהם

דא צו זיטצען ? ווען איך וועל איהר נור פערשפרעכען אז איך וועל זיא פון דאנען בעפרייען ועט זיא מיט לייב אונ לעבען איינוויליגען מיינע צו זיין .

נוא אונ דוא האסט אמיטעל וויא אזו פון דאנען צו אנטלייפען ? — האט זשוליק געפרעגט .

יא, איך האב שוין ווענין דעם מיט דיר געוואלט איבער ריידען , עס איז גאר קיין פלאן ניט דא אזו לאנג צו זיטצען .

אז דאס איז קיין פלאן ניט ווייס איך אהן דיר , אבער וויא אזו וועסט דוא זיך ארויס רייסען פון דעם קבר ?

דער צו איז דא אנ'איינפאך מיטעל , איך וועל דא טאהן דאס זעלבע וואס איך האב געטאן אין מאסקאווער אסטראג אלס איך בין דארט געזעסען מיט מיין שותף שמוּנקע פארך , ער האט דאס מיר דיא עצה געגעבין מיר זאלין אונטערצינדין דעם אסטראג , אונ אלס עס וועט ווערין אגרויסע מהומה זאלין מיר זיך ארויס רוקען פון אסטראג , מיר האבין אזו געטאן אונ מיר זיינען טאקי ביידע אנטלאפען פון געפענגעניס .

איך פערשטעה אבער אלס ניט וויא אזו אייך האט געלונגען צו אנטלייפען , מיר שיינט אז ווען עס זאל דא זיין דער גרעסטער פייער וועט מען גוט אכטונג געבין קיינער זאל אנטלייפען .

דוא ביזט נאך גאר אונפראקטיש וויא איך זעה , ווען מיר זאלין ניוועז ארויס גיין געקליידעט אין ארעסטאנטסקע קליידער וואלט מען אונז געוויס פערהאלטין , מיר האבין אבער שכל געהאט פריהער אנצוגרייטען סאלדאטסקע קליידער , נוא געוואהנליך אין אזא מהומה קוקט מען זיך ניט איין אין יעדין סאלדאט צו איז ער ניט פון דיא ארעסטאנטען אונ מען קאן פראנק אונ פרייא ארויס געהן .

דאס איז גראדע אגוטער פלאן , אבער וואו וועסט דוא נעהמען סאלדאטסקע קליידער ?

האב איך ניט רעכט געהאט וואס איך האב געזאגט אז דוא ביזט נאך גאר אונפראקטיש ? „אונמעגליכעס איז אין ראסייא ניטא" איז דא אנ'אלטער שפריך ווארט , איך קאן דיר דא באקומען קליידער זאגאר פאר אגאנצען פולק סאלדאטען .

וויא אזו ?

איך ווייס וואו דער מאגאזין איז וואו עס ליגען זעהר פיל סאלדאטסקע קליידער . דער מאגאזין איז אין דער לינקער זייט הויף , ער איז געוואהנליך יעצט פערשלאסין , נור אז עס וועט אויס ברעכין אפייער וועט מיר זיין זעהר לייכט דעם שלאס אויפצוברעכין אונ ארויס האפען פון דארטען זא פיל קליידער וויפיל איך וויל .

בראווא (יוא"ג ח"ג)

בראווא, דאס איז זעהר אגוטער פלאן, מיר מוזען זיך מיט איהם וואס פריהער בענוטצען.

ווארט ברודער וואס מעהר דוא וועסט מיט מיר זיין וועסט דוא אלס פראקטישער ווערען, איך האב שוין אין מיין לעבען פיעל דורכגעמאכט איך האב פון יעדער געלעגענהייט גילערינט עפעס נייעס, בעזאנדערס האט מיך מיין שותף שמעונקע גנב זעהער פיעל אויס גילערינט, שאדע אזא קלוגען גוטען ברודער וועל איך שוין ניט האבען.

וואו איז ער היינט?

איך ווייס אויך ניט וואו ער איז, מיא האט אונז מיט אהאלב יאהר צוריק ביידען דערטאפט ביים איין גנבה, מיך האט מען געחאפט אונ ער איז אנטלאפען געווארען, איך זאג דיר אז ער איז ניט קיין מענש נאר אמלאך, אלסדינג קאן ער אונ אלס ווייס ער, ער קאן אריין קומען אין דער פיינסטער געזעלשאפט אונ זא מאכען דאס אלע זאלען איהם עהרען פאר זיין געלעהרזאמקייט, קיינעם קאן גאר ניט איינפאלען אז ער איז איינער פון דיא בעריהמטע גנבים.

פון וואנען איז ער אליין?

דאס ווייס איך אויך ניט, ער האט דאס מיר קיין מאהל געוואלט ערצעהלען, נור איך פערשטעה אז ער איז אזאהן פון פרומע יודען, דען ער איז קלאר אין אלע יודישע זאכען אזויא וויא איך בין קלאר אין אלע גנבישע רעגעלען, ווען ער ווארפט אנ׳אויג אויף עטוואס קאן ער זיך ארום דעם דרייען עטליכע חדשים ביז ער עררייכט זיין ציעל.

אלזא בלייבט דאס אז מיר צינדען אונטער דעם אסטראג?

יא איך בין דאצו פעסט בעשלאסען.

ווען זאל דאס זיין?

דיעזע נאכט. נאר פריהער מוז איך איבער ריידען מיט דער ווייסער טויב, זיא זאל מיט מיר צוזאמען אין דער צייט פונ׳ם בראנד אנטלייפען, אוועק פליהען פון דאנען.

דוא פערשפארסט מיט איהר וועגען דעם צו ריידען, אונ דוא טאהרסט דאס ניט טאהן, דען אויב זיא וועט דאצו ניט איינוויליגען קאן זיא ערצעהלען דעם סמאטריטעל פון אסטראג דיין גאנצען פלאן אונ דאן וועסט דוא זינקען נאך טיעפער אין דער ערד, דוא ווארט בעסער ביז דער בראנד וועט אויסברעכען דאן וועסט דוא צו לויפען צו דער ווייסער טויב וועסט זיא איינהילען אין אסאלדאטסקען מאנטעל אונ אויב זיא וועט וועלען וועט זיא מיט דיר פליהען, אויב ניט וועלען מיר אהן איהר אנטלייפען.

דאס האסט דוא אויך רעכט — האט לאפניק גיענטפערט — איך וועל דיך פאלגען ;

יא.

דיא גליקליכע אגאפיע.

אויסער יודעלען האט זיך נאך איין מענש שטארק אינטערעסירט אין קארמעליעס שיקזאל אונ האט ניט געקאנט רוהען בייא דעם געדאנק דאס דיא יונגע אונשולדיגע גרעפין זאל אזויא פערזונגליקט ווערען .

דאס וואר אונזער בעקאנטע העלענא דאמבראווסקי .

פון יענער צייט אן וואס מען האט קארמעליען פון איהר הויז צו גענומען איז דיא גוטע פרויא עלטער געווארען מיט צוואנציג יאהר , איהרע האאר זיינען וויים געווארען , איהרע אויגען האבען ניט אויפגעהערט צו פערגיעסען בלוטיגע טרערען .

זיא איז פערטיג געווען איהר גאנצעס לעבען אבצוגעבען אבי נור קארמעליעס אונשולד צו בעווייזען אונ ראכע נעהמען פון דער פערפלוכטער עליזאבעטהען .

אבער וויא אזויא דערווייזט מען דאס ? דיא גוטע פרויא האט ניט גערוהט , זיא האט מיט דער גרעסטער ענערגיע נאכפארשונגען געמאכט בייא אלע בעדינטע פונ'ם שלאס , פיעלייכט וועט זיא ערפאהרען אזא זאך וואס וועט קאנען קארמעליען נוטצען בריינגען , ליידער אבער האט זיא זיך באלד איבערצייגט דאס אלע בעדינטע זיינען איבער געקויפטע אונ זייא זוכען נאר דער אונגליקליכער מעהר שאדען צו טאהן .

נור דער אלטער בערנארד האט געוואלט מיט לייב אונ לעבען טאהן קארמעליען א טובה , ער וואר דער איינציגער פון אלע שלאס בעדינטע וואס האט געהאלטען אין קארמעליעס זייט , אבער ער האט דא אויך גאר ניכטס געקאנט העלפען , קיינע פאקטען וויא צו בעווייזען איהר אונשולד האט ער ניט געהאט .

פונ'ם שלאס האט איהם עליזאבעטהע ארויס געיאגט באלד נאך יענער פרעכהייט וואס ער האט בעוויזען דאמיט וואס ער האט פאר דעם סליעדאוואטעל געזאגט אז קארמעליע איז אונשולדיג, ער האט זיך אריין געצויגען אין הארידאק צו זיינע אשוועסטער וועלכע וואר אוועשין אונ איז אין אלע הארידאקער הייזער בעקאנט געווען אונטער דעם נאמען „מאריאנא דיא וועשין" .

אויך מיט איהם האט זיך העלענא געזעהען , ביידע האבען בע-

דווערט זייער ליעבלינג קארמעליען, דער אלטער בערנארד האט מיט ביטערע טרערען געוויינט ביידענדיג פון דעם געפאלענעם ענגעל, אבער ער האט אויך גאר ניכטס געטאהן פון איהרט וועגען.

דיא ביידע, העלענא מיט בערנארדן, האבען צווישען זיך אב געמאכט אז וואס יעדער פון זייא וועט הערען עפעס נייעס וואס אנ־ בעלאנגט צו דער גרעפין עליזאבעטהע אדער קארמעליען זאל ער דאס באלד בעגאבריכטען דעם צווייטען.

וויא געפעלט דיר בערנארד דיא געשיכטע — האט איין מאהל זיין שוועסטער מאריאנא אגעשרייא געטאהן אריינקומענדיג פון דער גאס אין איהר שטוב מיט אפאק גרעט אויף דיא פלייצעס.

וואס איז דאס פאר אגעשיכטע? — האט בערנארד נייאגיעריג געפרעגט.

דוא קאנסט דאך דער שכורטע אנאפיע בארניצקאיא.

אפראגע צו איך קאן זיא, איך אליין האב דאך זיא רעקאמאנדירט צו דער גרעפין עליזאבעטהע אלס וועכטערין צו דעם קראנקען גראף טאבאלסקי.

נוא ווייסט דוא דאך וואס פאר אקבצנטע זיא איז געוועזען.

יא איך ווייס.

וועסט דוא דאס גלויבען אז דיא קבצנטע איז געווארען אמיליאנ־ שציכע?

אמיליאנשציכע? — האט בערנארד געלאכט — וויא קומען צו איהר מיליאנען?

הערסטו! דאס איז דאך טאקע דער וואונדער וויא קומען צו אזא שכורע קבצנטע מיליאנען?

אבער ווער האט דיר איינגעבילדעט אזא דומהייט אז דיא אנאפיע האט מיליאנען?

ווער? אין גאנץ שטאדט וויים מען דאס, זיא האט נעכטען אוים געגעבען ביי שלמקה עדעלהויז אין טוך קראם 500 רובעל אויף סחורה, ביי ליבקע דעם גאלדהענדלער האט זיא געקויפט אפאר איירינגליך מיט פינגערליך פאר זעכס הונדערט רובעל, נוא איז דאס ניט אבעווייז אז זיא האט מיליאנען?

דאס איז ווירקליך אמערקווירדיגע זאך — האט בערנארד נאכדענקענד געזאגט — ווייסט דוא געוויס אז דאס איז ריכטיג?

צו איך ווייס געוויס? געה אריין צו שלמהקן אין קראם וועט מען דאס דיר ערצעהלען, איך האב ערשט דארט גענומען דעם פאק גרעט האב איך דאס געהערט דארט דערציילענדיג, נוא וויא געפעלט דיר

דיא מַעֲשֶׂה? וואו הָאט דָאס דיא שְׁכוּרְטֶע גֶעקָאנְט דֶערְטַאפְּען אַזוֹיא פִּיעל גָאלְד?

עֶס קָאן זַיין אַז זִיטְצֶענְדִיג בַּייא דֶעם קְרַאנְקֶען גְרַאף אִין צִימֶער הָאט זִיא דֶערְטַאפְּט אַפֶּעקֶעל סִינְגַאטְשֶׁעס.

יָא דָאס קָאן זַייעֶר זַיין אוּנ עֶס אִיז אַוֹשֶׁר מִיא זָאל דָאס נִיט שְׁווַייגֶען, פַאר וָואס קוּמְט דָאס דֶער שְׁכוּרְטֶע אַזוֹיא פִּיעל גֶעלְד אוּנ אִיךְ זָאל מִיךְ מוּזֶען אַרוּם טְרַאגֶען מִיט אַזֶעלְכֶע פֶּעק גְרֶעט?

וָואס קָאן מֶען אִיהר טָאהן?,

מִיא דַארְף אַרַיין שְׁרַייבֶּען אַבְּרִיעף צוּ דֶער גְרֶעפִין עליזאבעטהע אִיהר בֶּענַאכְרִיכְטֶען פוּן דֶער גֶעשִׁיכְטֶע, דִיא גְרֶעפִין וֶועט גֶעוִויס נִיט שְׁווַייגֶען אוּנ וֶועט אִיהר שׁוֹין אָנְלֶערְנֶען.

צוּ וָואס טוֹיג דָאס דִיר מאריאנא, דוּא ווִילְסְט דֶער פֶּערְפְלוּכְטֶער גְרֶעפִין נָאךְ רַייכֶער מַאכֶען, מִיךְ וֶועט בֶּעסֶער פְרֵייעֶן וֶוען דִיא אַרְמֶע אנאפיע וֶועט הָאבֶּען דָאס גֶעלְד אַלְס דִיא הֶערְצְלָאזֶע גְרֶעפִין וָואס הָאט בֶּערוֹיבְּט דֶער שֵׁיינֶער קארמעליע אוּנ הָאט זִיא אִין אַזַא אוּנְגְלִיק גֶעשְׁלֵיידֶערְט.

אוּנ אִיךְ וֶועל דָאס גֶעווִיס נִיט שְׁווַייגֶען — הָאט מאריאנא צָארְנִיג גֶעשְׁרִיעֶן — וֶוען זִיא הָאט שׁוֹין יָא דֶערְטַאפְּט אַזוֹיא פִּיעל גָאלְד ווִיל אִיךְ זִיא זָאל מִיר גֶעבֶּען חֵלֶק.

וָואס זְשֶׁע שְׁרֵייסְט דוּא אוֹיף מִיר, פָאהר אַרִיבֶּער צוּ אנאפיען אוּנ זָאג דָאס אִיהר, פִּיעלַייכְט וֶועט זִיא דִיר גֶעבֶּען, דוּא וֵויסְט דָאךְ וואו זִיא וָואהנְט, אִין דֶעם דָארְף יענקי בַּייא אִיהר טָאכְטֶער בארבארא בייטשיק.

אִיךְ וֶועל טַאקֶע אַזוֹיא טָאהן — הָאט מאריאנא גֶיעֶנְטְפֶערְט—נָאךְ הַיינְט פָאהר אִיךְ צוּ אִיהר אוּנ וֶועל נִיט אָבְטְרֶעטֶען זִיא זָאל מִיר גֶעבֶּען וֶועגִיגְסְטֶענְס צֶעהן טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל.

זָאל זִיא דִיר גֶעבֶּען אַפַּאר הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל וֶועט אוֹיךְ נוּט זַיין.

גֵיין בערנארד, פַאר אַזַא קְלֵיינִיגְקֵייט לָאז אִיךְ נִיט, וֶוען זִיא הָאט אָנְגֶעגַנְבֶעט מִילְיָאנֶען מָאג זִיא מִיר גֶעבֶּען חָאטְשׁ צֶעהן טוֹיזֶענְדֶער אוּנ אוֹיב נִיט פָאהר אִיךְ אַלֵיין אַרַיין צוּ דֶער גְרֶעפִין עליזאבעטהע אוּנ עֶרְצֶעהל אִיהר אַז אנאפיע הָאט אִיהר בְּדַלוּת גֶעשְׁטֶעלְט.

טוּה ווִיא דוּא ווִילְסְט — הָאט בערנארד קַאלְט גֶיעֶנְטְפֶערְט.

מאריאנא הָאט וָוארְט גֶעהַאלְטֶען, נָאךְ אִין דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג אִיז זִיא אַוֶועק גֶעפָאהרֶען אִין דֶעם דָארְף יענקי, הָאט גְלֵייךְ עֶרְפַאהרֶען וואו בארבארא בייטשיק וָואהנְט אוּנ אִיז אַהִין אַרַיין גֶעקוּמֶען.

זִיא הָאט דָארְט גֶעטְרָאפֶען אנאפיען גֶעבֶּען טִישׁ אוֹיף ווֶעלְכֶען עֶס

איז געשטאנען אנייער גרויסער סאמאוואר מיט אנייעם טשאניק און שיינע גלעזער.

מאריאנא מיט אנאפיען האבען זיך זעהער גוט געקאנט, זייא ווארען יוגענד פריינדינען, פיעלע מאהל האט אנאפיע איהר אויס געהאלפען וואשען וועש און מאריאנא האט זיא דער פאר בעפריעדיגט.

יעצט האט אנאפיא אלס זיא האט דער זעהן איהר יוגענד פריינדין זיך געוויזען זעהער קאלט נעגען איהר, מיט אשטאלצער מינע האט זיא געפרעגט: וויא קומסט דוא אהער מאריאנא?

איך בין געקומען טאקע צו דיר ליעבע אנאפיא — האט מאריאנא פריינדליך געענטפערט זיך זעטצענד געבען דער נייער גבירה.

אנאפיען האט שטארק פערדראסען וואס דיא קבצנטע האט פאר איהר קיין רעספעקט און האט זיך געבען איהר געזעצט, זיא האט איהר שטוהל אביסעל אבגערוקט און האט מיט אפערדריסליכען טאן געפרעגט: וועגען וואס ביזטו געקומען צו מיר?

איך האב געהערט אז גאט האט דיר געהאלפען און דוא ביזט אגרויסע גבירה געווארען, בין איך צו דיר געקומען אלס צו מיין יוגענד פריינדין דיך בעטען דוא זאלסט מיין לעבען אביסעל גרינגער מאכען.

וויא אזויא זאל איך דיין לעבען גרינגער מאכען?

נאר איינפאך דוא זאלסט מיר געבען גענוג געלד איך זאל מיך פערשפארען צו קוועלען מיט וואשען וועש.

איך זאל דיר געבען געלד? ביזט דוא בייא דיין קלארען פערשטאנד?

דוא זעהסט דאך אז איך בין בייא מיין קלארען פערשטאנד, אז איך האב שכל געהאט צו דיר קומען בעטען געלד......

ווען דוא זאלסט ניט זיין מאריאנא וואלט איך דיר אנדערש געענטפערט — האט אנאפיע שטרענג געזאגט — נור ווייל דוא ביזט דאך פארט מאריאנא גיעב איך דיר אנ'עצה דוא זאלסט זיך געהן געזונדערהייט און זאלסט מיך ניט אריין ברייננען אין כעס.

איך וועל דיר אויך דאס זעלבע זאגען, ווייל דוא ביזט אנאפיע גיעב איך דיר אנ'עצה דוא זאלסט מיר וואס גיכער געבען געלד און זאלסט מיך ניט אריין ברייננען אין כעס.

און אז איך וועל דיך יא אריין ברייננען אין כעס וואס וועט זיין?

וועל איך גלייך פון דיר אוועק געהען צו דער גרעפין טאבאלסקי.

וואס זשע וועט דאן זיין?

וואס דענצמאלט וועט זיין דארפסט דוא אליין פערשטעהן, דיא גרעפין וועט שוין פערשטעהען פון וואנען צו דיר האט זיך גענומען אזויא

פיעל

פיעל געלד אונ אז זיא וועט פערשטעהן פערשטעהסטו דאך אז דיר וועט זיין ווינד אונ וועה .

חע חע חע! — האט זיך אנאפיע פונאיינאנדער געלאכט — אזויא גאר? דוא ווילסט מיך פערשמוטצען ביא דער גרעפין טאבאלסקי זיא זאל מיינען אז איך בין אנגבעטע? נוא געה זשע געזונדערהייט צו איהר אונ ערצעהל איהר אלעס וואס דוא ווייסט .

איך וועל געהן אנאפיע — האט מאריאנא אויפגערעגט געזאגט — ברייננג מיך פון געדולד ניט ארויס, דען וויא דוא זעהסט לויף איך שוין צו איהר אונ דוא חאפסט נאך היינט אשווארצען סוף .

געה געה אבער וואס גיכער — האט זיך אנאפיע מיט איהר גע-רייצט — דוא וועסט זיין ביא דער גרעפין זייער אגוטער גאסט .

גיבסטו מיר מאקע קיין געלד ניט?

איך וועל דיר ניט געבען איין האלבע קאפייקע .

גוט! דוא וועסט שוין זעהן וואס פאר אחתונה איך וועל דיר היינט אויפשפיעלען — האט מאריאנא העכסט צארניג אגעשרייא געטאהן אויפשפרינגענד פון איהר ארט — איך לויף שוין צו דער גרעפין .

זיא איז וויטהענד ארויס געלאפען, האט זיך געזעצט אויף איהר וואגען אונ האט געהייסען פאהרען וואס גיכער צו דעם גראף טאבאלסקים שלאס .

חע חע חע!— האט זיך אנאפיע פונאיינאנדער געלאכט אלס זיא איז אליין געבליעבען — מיט אשיינעם נאז וועט זיא ארויס געהען פון דער גרעפין אלס זיא וועט איהר ערצעהלען אז איך האב זיא בעגנבעט .

אונ מאריאנא איז מיט אווילדען צארען געפלויגען צו טאבאלסקים שלאס, זיא איז אין אקורצער צייט אהין אנגעקומען אונ האט געהייסען מעלדען דער גרעפין דאס זיא האט איהר זעהער וויכטיגעס מיט צו טהיילען .

דיא גרעפין וועלכע האט געמיינט אז מען האט איהר געבראכט עפעס וויכטיגע בייעס וועגען זאלבע זאכען וואס בעלאנגען צו קארמעליעס פראצעס האט זיא גלייך געהייסען אריינלאזען .

וואס פערלאנגסט דוא? — האט זיא שטאלץ געפרעגט מאריאנאן אלס זיא איז אריין געקומען אונ האט זיך זעהער דעמוטהיג פערבייגט .

גרעפין! — האט דיא וועשין געענטפערט — איך בין דיר געקומען פערטרויען זעהער אוויכטיגע זאך .

וואס איז דאס פאר אזאך?

מען האט דיך בעגנבעט, בערויבט, מיא האט ביא דיר צו גענומען אפשר אמיליאן רובעל .

ווער האט דאס מיך בערויבט ?

דיא וועכטערין אנאפיע וועלכע איז ביי דיר געוועז אין שלאס אלס דיין מאן איז קראנק געוועזן.

פון וואנען ווייסט דוא דאס ?

ניט נור איך אליין, אלע ווייסען דאס, פאהר אביין אין הארידאק וועט מען דיר ערצעהלען אז זיא האט געכטען אוים געגעבען אויף קליידער אונ אויף ציערונג עלף הונדערט רובעל :

נוא איז וואס ?

דוא פרעגסט נאך ? איז דאס ניט אבעוויז אז זיא האט דיך בערויבט אונ בעגנבעט ?

ניין, אנאפיע איז זעהער אבראפע ארדענטליכע פרויא — האט דיא גרעפין גיענטפערט — זיא האט מיך ניט בעשטאלען אויך ניט בערויבט, דאס געלד וואס זיא האט האב איך איהר אליין געגעבען אלס פריזענט דאפיר וואס זיא האט מיך מיט מיין ליעבען מאן געטריא געדינט.

מאריאנא איז ווירקליך מיט אלאנגער נאז ארוים געגאנגען פון דער גרעפין, מיט אצובראכען הערץ האט זיא געבעך געמוזט צוריק אהיים פאהרען מיט לעדיגע הענד.

נוא וואס איז דארט געוואר׳ען ? — האט בערנארד נייאגיעריג געפרעגט אלס ער האט זיא דער זעהען.

מאריאנא האט איהם מיט טרעהענדע אויגען ערצעהלט אלעס וואס מיט איהר האט פאסירט.

דער קלוגער בערנארד האט אויפמערקזאם איהרע ווארטען אוים געהערט אונ האט זיך שטארק פערטראכט.

דיא גרעפין זאל פלוצלונג ווערען אזא דימאנט אונ זאל שענקען אנאפיען אזויא פיעל געלד דאס איז ניט אומזאנסט — האט ער זיך געטראכט — וואהרשיינליך מוז דא עפעס אגעהיימניס שטעקען. וויא איך קאן דער האראקטערלאזער עליזאבעטהען, ווייס איך אז זיא איז ניט אין שטאנד דאס הייסט זיא האט ניט אזא גוט הערץ צו פער־שיטען איהרע בעדינטע מיט טויזענדער רובעל, דא ליעגט געוויס פער־שטעקט אגעהיימניס אונ איך מוז ערפאהרען וואס דאס איז, עס שאדעט אויך ניט אז העלענא זאל דער פון וויסען ווער ווייס צו וועט דאס אונז ניט פיהרען צום שליסעל וועלכער וועט פאר אונז עפענען פיעלע פער־שלאסענע טיהרען....

(יוא״ג ח״ג) דער

יב.

דער פערפעהלטער ציעל.

אשרעקליכער קאמפף האט געוויטהעט ביא מאליע ראזענהויז אין הערצען, דיא ליעבע צו יודעלען האט שטארק געקאמפט מיט דער פער־אכטונג וואס זיא האט צו איהם געפיהלט, זיא האט פיעל מאהל ביא זיך בעשלאסען ניט מעהר וועגען איהם צו דענקען ווייל ער האט ניט פערדינט מען זאל איהם אין זינען האבען, אבער צור זעלבער צייט האט זיא וויא מיט אמאגנעט געצויגען צו יודעלען, טראטץ איהר פעראכטונג צו איהם האט זיך אימער זיין בילד פאר איהר געמאלט אין דיא פיינסטע פארבען, זיא וואר מאנכעס מאהל אויף זיך זעלבסט צארניג, דערפאר וואס זיא טראכט וועגין אזא יונגען מאן וועלכער גיהערט גאר צו אנ'אנדער קלאסע, זיינע עלטערין זיינען ניט גלייך צו איהרע אונ ער אליין איז אויך ניט מעהר וויא אנ'איינפאכער יודישער בחור וואס האט אין זיך קיין בילדונג נור אשטיקעל טאלענט צו מאלען, דאצו איז ער נאך אזו קאראקטערלאז וואס ער ליבט אקריסטליך מעדכען וועלכע האט אנאמען פון אמערדערין.

גיין! — האט זיא זיך ענדליך בעשלאסין — מעהר וועל איך שוין וועגין איהם ניט דיינקען, מיך פרייעט זייער וואס ער האט אויפגיהערט געהן צו אונז, איך בערייהע דיא צייט וואס איך האב מיך צו איהם אזו פריינדליך געוויזען.

אויך דיא פעראכטונג וואס איהרע עלטערין האבין בעוויזען צו יודעלען האט אסך מיטגעווירקט זיא זאל איהם מעהר אין זינען ניט האבין, פון יענער צייט אן וואס חאצקעל האט יודעלען פערליימדעט פאר איהר מוטער האט דבורה דער טאכטער אשארפען פארוואורף געמאכט דאפיר וואס זיא איז בעפריינדעט מיט אזא אונמענשין וויא יודעלע איז.

אגוטער מארגין אייך פריילין ראזענהויז — האט אין אשיינעם פריא מארגין צו איהר געזאגט חיימקע שלאק אלס זיא איז אליין געזעסין אין טויך גישעפט אונ האט זיך פערטיפט אין אנ'אינטערעסאנטען ראמאן.

מאליא האט אויף איהם אקוק געטאן אונ האט איהם אקאלטען „גוט יאהר" גיענטפערט.

גוט וואס איך האב אייך דא אליין געטראפין פריילין ראזענהויז — האט ער געזאגט זיך אומקוקענד אין אלע זייטען — איך דארף אייך זעהר וויכטיגע זייעם ערציילען.

מאליא האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט, זיא האט דעם חיימקען גוט גיקאנט, זיא האט געוואוסט אז ער איז פון דיא מענשין וואס פאר געלד זיינען זייא פערטיג זייערע נשמות צו פערקויפען, זיא האט מיט דעם סוביעקט

קיין מאהל גירעדט, אונ יעצט רעדט ער צו איהר אזו פערטרויליך וויא צו אנ'אלטער באקאנטע.

איהר קוקט מיך פערוואונדערט אן — האט חיימקע שמייכלענד גיזאגט — איהר וואונדערט זיך וויא קום איך אייך צו ערצעהלען סודות, דאס איז אבער גאר קיין וואונדער ניט, איהר דארפט וויסען אז כאטש איך בין אין אייער שטוב קיין איינגייער ניט, פון דעסט וועגין בין איך אייער טאטען מאמען אונ אייך דער בעסטער גוטער פריינד, פאר אייך וואלט איך פשוט זיך געלאזט אין שטיקער צו שניידין, אונ אז איך האב דער זעהן וויא איינער וויל אייך אומגליקליך מאכין האב איך מיך ניט גיקאנט איינהאלטען אונ בין צו אייך געקומען דאס אייך דערציילין, כדי איהר זאלט וויסען וויא זיך צו היטען.

מיך וויל איינער אונגליקליך מאכין?

יא טאקי אייך אליין, איך שווער אייך וויא איך בין איוד אז אין מיר איז פשוט קיין נשמה ניט געבליבען אז איך האב דאס ערפאהרען.

אבער רעדט ווערטער, ווער וויל דאס מיך אונגליקליך מאכין?

איך וויים ניט אויב איהר קאנט איהם — האט חיימקע מיט אגיפטיו שמייכעל גיענטפערט — ווייל ער איז אזא מענש וואס קיינער וויל זיך מיט איהם ניט בעגעגנען, אלע ווייסין אז ער איז אהפקר יונג.

וועמען מיינט איהר?

איך זאג דאך אייך אז איך וויים ניט צו איהר קאנט איהם, דען וויא קומט איהר צו אזא שארלאטאן, זיין נאמען איז יודעלע.

יודעלע פיינהערץ? — האט מאליא אגעשרייא געטאן אונ איז בלאס געווארין וויא דיא ווייסע טוך וואס זיא האט אין דער האנד געהאלטין.

יא מיר שיינט אז זיין פאמיליע איז פיינהערץ, איהר קאנט איהם דען?

יודעלע וויל מיך אונגליקליך מאכין?

יא יא, דער שארלאטאן וויל אייך מאכין אז איהר זאלט אין דער גאס ניט קאנען ארויס געהן, דאס איז נאך אגליק וואס איך האב מיך דער פון דער וואוסט, איהר קאנט דאס נאך פערהאפען אונ זיך איינהיטען פון אונגליק.

אבער וואס פאר שלעכטעס וויל ער מיר דען טאן?

איא אייך גלויבט זיך גאר ניט אז דיא מילב זאל אייך עפעס קאנען טאן? דען מישטיינס געזאגט ווער איז ער אין גאנצען, איונגעל אפוסטעפאסניק וואס האט זיך געוואלט ניט לאנג טויפען, אבער איהר מוזט געוויס וויסען דאס גלייך ווערטיל וואס מען זאגט אז אקאטץ קאן אויך קאליע מאכין, שלעכטס טאן קאן אמאהל אקאטץ אויך.

א'ערע בייאשפילע וויל איך ניט הערין, דערציילט מיר בעסער וואס פאר שלעכטס וויל יודעלע מיר טאן?

איך װעל אײַך דערצײלין . מיט אַקורצער צײַט צוריק בין איך גיװעזן בײַא נרונם׳ן אין שטוב האָב איך גיזעהן װיא יודעלע זיצט איבער אַגרױסען פּאַפּיר אונ פּאַטשקעט עפּעס , איך האָב פריער גאָר ניט געװאָלט אַקוק טאָן װאָס ער שרײַבט , דען װאָס געהט דאָס מיך אָן װאָס דער מופקר טוט , נאָר עפּעס ניט װילענדיג האָב איך פּאָרט אויף דעם פּאַפּיר אַקוק געטאָן אונ האָב דערזעהן ....

װאָס האָט איהר דערזעהן ?

איך האָב דערזעהן אײַער פּנים , אָבער אַזוי ריכטיג אַז איך האָב פּשוט געמײנט אַז איהר אַלײן ליגט אויף דעם טיש .

האָט ער מײַן בילד געמאָלט ? — האָט מאַליע אַגעשרײַא געטאָן אונ איהר געזיכט האָט אָנגעהײבין פאַר פרײדע צו שטראַהלען .

יאַ , װיא איך בין אַיוד אַז אײַער בילד האָט ער געמאָלט , איך װעל אײַך גיין שװערין אין טלית אונ אין קיטעל אַז ער האָט געמאָלט אײַער פּנים .

נוּא ?

װאָס װילט איהר נאָך ? דאָס איז פאַר אײַך װעניג ? עפּעס שבי׳לט איהר זיך מיט דעם ? ער מאָלט אײַער פּאָטרעט , נוּא שטעלט אײַך פאָר װאָס װעט מען זאָגין אַז מען װעט בײַא אַזאַ פּושע ישׂראל זעהן אײַער בילד ? מען קאָן דאָך נאָך חלילה זאָגין אַז איהר האָט מיט איהם מיאוסע גישעפטין .

װער קאָן דאָס זאָגין נור אַזעלכע פּאַקטאָרין , אַזעלכע אונמענשין װיא איהר זײַט — האָט מאַליא צאָרניג אַגעשרײַא געטאָן — יודעלע האָט קײן זינד בעגאַנגען דאַמיט װאָס ער מאָלט מײַן בילד , יעדער מאָלער האָט דאָס רעכט צו מאָלען װאָס פאַר אַבילד ער װיל , אײַך בעט איך אַז איהר זאָלט מיר װײַטער אַזאַ נוטער פרײַנד ניט זײַן אונ זאָלט מיר אַזעלכע פּאַק שטען ניט ברײַנגען , איך האָב אײַך ביז אַהער ניט גיקאָנט אונ װיל אײַך װײַטער אויך ניט קענען .

איהר זײַט גאָר אין כּעס ? איך האָב גירעכינט פערקעהרט אַז איהר װעט מיר דאַנקען פאַר מײַן פרײַנדשאַפט .

איך װיל אײַך ניט האָבין פאַר אַפרײַנד — האָט זיא שטרײַנג גיענטפערט — פון אַזעלכע מענשין װיא איהר זײַט דאַרף מען אַנטלױפען , געהט אײַך געזונטער הײד .

איך װעל גיין , נור איך זאָג אײַך נאָך אַמאָהל איהר זאָלט דאָס ניט האַלטין פאַר גרינג , דער מופקר װעט אײַער שײנעם נאָמען אַזױ פערפלעקין אַז איהר װעט זיך שעמען אויף דער גאַס אַרױס גיין .

זעהר שײן , װאָס מיך אָנבעלאַנגט װעל איך שוין װיסען װאָס צו טאָן . אָבער איהר זאָלט מיר קײן ראַטה מעהר געבין װאָס צו טאָן .

 אז

אַז איהר ווילט ניט דאַרף מען ניט — האָט חיים מיט אַנ'אונצופרידענער מינע גיענטפערט און איז אַוועק גיגאַנגען .

טפויא אויף דיין קאָפּף ! — האָט חיימקע צאָרניג געזאָגט אויסשפּייענדיג אַלס ער איז אין דער גאַס אַרויס געגאַנגען — אַחצופה בלייבט אַחצופה , איך בין איהר געקומען אַיינהיטען פון חרפה און זיא האָט מיר גאָר פשוט פון שטוב אַרויס געטריבען , דאָס איז אַסימן אַז זיא איז ניט בעסער פון איהם אונ ער פון איהר , נור וויא גיפעלט אַייך דאָס מזל פון דעם קבצן וויא אַלע שיינע מיידלאַך האָבין איהם ליב , אַפינסטערער אַוויסטער חלום אויף זיין קאָפּף . ניין איך וועל דאָס ניט שווייגען , ווען ער וועט דיא כפרה ווערין וועל איך איהם ניט שיינקען , איך מוז איהם בעגראָבען ניין איילען אין דער ערד .

דיא נאַכריכט דאָס יודעלע מאָלט איהר בילד האָט מאַליען אַזוי איבער־ראַשט דאָס זיא איז דיא ערשטע עטליכע מינוטען נאָך חיימקעס אַוועק געהן וויא פערדולט געבליבען זיטצען אויף איהר אָרט .

ער מאָלט מיין בילד — האָט זיא זיך געטראַכט — דאָס איז דאָך אַדייטליכער בעוויז אַז ער ליבט מיך , ניט וויא איך האָב געמיינט אַז ער צייגט מיר נור פאַלשע פריינדשאַפט , אַלזאָ האָב איך דאָך אין איהם אַגרויסין אירטהום געהאַט .

איך מוז מיט איהם פרידען שליסען — האָט זיא זיך בעשלאָסין — ער איז פאָרט דער פיינסטער יונגער מאַן פון דיא אַלע וואָס איך קאָן , וויא איך זעה האָט ער פילע פיינדע וואָס פערגינען איהם דאָס לעבין ניט , טראָטץ זייער ווילען איהם איבעראַל צו פערשמוטצען מוז איך אַלעמען צייגען אַז איך אַכטע איהם .

נור וואָס איז דיא אורזאַכע וואָס ער לייגט אַזוי אַוועק דאָס לעבין פאַר קאַרמעליען ? — האָט זיא זיך ווייטער גיפרעגט — זאָל דאָס טאַקי זיין נור אויס לויטער מענשין פריינדשאַפט ? דאָס גלויבט זיך שווערליך , אַזאַ יונגער מאַן זאָל אָן זיך זעלבסט פערגעסין צוליב אַצווייטען , אַזאַ זאַך איז שוין צופיל , דאָס הייסט איבער געהאַפט דיא מאָס .

און פילייכט ליבט ער טאַקי קאַרמעליען און דאָס וואָס ער מאָלט מיין בילד איז דאָס ניט מעהר וויא אויס ליבע צו דער קונסט , אָדער ער וויל איינפאַך פערדינען עטליכע רובעל , וויל ער דיינקט אַז מיין פאָטער וועט איהם פאַר מיינם אַבילד גוט בעצאָלין .

דיא לעצטע געדאַנקען האָבין זיא שטאַרק בעאונרוהיגט , זיא האָט אָנגעהייבין אַרום צו געהן הין און צוריק איבער דער קראָם מיט אונרוהיגע שריטטע .

אָבער וואָצו זאָל איך קלערין איבעריגע זאַכין ? — האָט זיא ענדליך לויט געזאָגט — ער מאָלט מיין בילד איז דאָס אַבעוויז אַז ער האָט מיך אין

זינגען אונ דאס איז פאר מיר גענוג, איך מוז מיך מיט איהם זעהן, איך מוז מיט איהם ריידען, איך וועל שוין אן איהם ערקלערען וואס זיין הערץ פיהלט צו מיר.

אבער וויא קומט מען צו איהם? וויא אזוי מאכט מען ער זאל אבערמאלס אנהייבין צו געהן אהער? ער איז דאמאלס פון דאנען אוועק גיגאנגען צארניג, ביי אים, וויא איך פערשטייא שפילט גאר ניט אזא גרויסע ראליע וואס איך בין שלמהקע ראזענהויזס טאכטער, אונ ווען איך וועל איהם שיקען רופין וועט ער געווים ניט געהן, זאל איך? ... יא אזוי בלייבט דאס איך מוז איהם ציינען אז אויב ער מיינט דאס איך בין ביי זיך שטאלץ דאמיט וואס איך בין שלמהקעס טאכטער האט ער אגרויסין אירטהום.

יג.

ניט קיין שלעכטער פלאן.

מיט פערוויינטע אויגען העכסט בעטריבט איז געזעסין העלענא דאמבראווסקי אין איהר צימער.

דיא גוטע פרויא האט זיך שוין ניט גיקאנט בעשעפטיגען מיט דער ווירטשאפט וויא פריער, איהרע הענד האבין זיך גאר ניט געהייבין צו טאן עטוואס אין איהר ווירטשאפט, מען האט אויף איהר געזיכט קיין פריילינע מינע אין דער נאנצער צייט גיזעהן, דאס הערץ האט אין איהר געקלאגט אויף קארמעליעס שיקזאל.

דער אלטער בערנארד וויל מיט אייך ריידין — האט איהר דיא דינסט געמעלדעט אלס זיא איז געזעסין איינזאם אונ פערצווייפעלט, פערטיפט אין איהרע פינסטערע שרעקליכע געדאנקען.

העלענא איז פונ'ם ארט אויפגעשפרונגען. אז בערנארד איז דא וואהרשיינליך האט ער געבראכט וויכטיגע נייעס.

דא איז איהם ענטגעגין געלאפין אונ האט מיט נייגיעריגע בליקען אויף איהם געקוקט וויא זיא זאל וועלין פון זיין געזיכט ערקאנען צו האט ער איהר אגוטע אדער אשלעכטע נאכריכט געבראכט.

איך האב אייך געבראכט אזא נייעס וואס וויא מיר שיינט קאן דאס אונז אויפען גלייכען וועג פיהרען — האט ער געזאגט בעמערקענד איהרע נייגיעריגע בליקען.

זיא האט איהם אריין געפיהרט אין אבעזונדער צימער אונ האט געזאגט: א'עדט געשווינד ליבער בערנארד, איך ערווארטע מיט אונגעדולד אייער נאכריכט.

ווייסט

נייסט איהר ניט דיא אורזאכע וואס דיא גרעפין טאבאלסקי איז אזו בעפריינדעט געווארין מיט אנאפיע בארניצקאיא ?

איך הער דאס ערשט אז זיא איז מיט איהר אזו בעפריינדעט געווארין .

נוא אויב איהר הערט דאס ערשט וועל איך אייך ערציילין אז זייער פריינדשאפט איז אזו היים אונ גרויס, דאס דיא גרעפין האט איהר אסך טויזענדער געגעבין .

איז דאס מעגליך ?

דאס איז ריכטיג וויא איך זאג אייך, געפינט איהר ניט מאדאם דאמבראווסקי דיא פריינדשאפט אלס זעהר פערדעכטיג ?

וואס מיינט איהר דאמיט ?

איך מיין אז וויא באלד דיא גרעפין איז צו אנאפיען אזו גוט אונ פרייגעביג געווארין, וואהרשיינליך איז דאס ניט אומזאנסט, עס איז זעהר לייכט צו גלויבען דאס מיט דיא טויזענדער האט זיא אנאפיען דאס מויל פערשטאפט זיא זאל ניט אויס זאגין דאס וואס זיא וויים ...

איהר האט זעהר רעכט ליבער בערנארד, דאס איז ווירקליך גוט בעטראכט .

אלזא מאדאם דאמבראווסקי — האט בערנארד ווייטער געזאגט — וויא באלד אז אנאפיע וויים אזא געהיימניס פאר וועלכער מען צאלט טויזענדער, מוזען מיר דאס ערפאהרען, דען עס מוז פאן גראסער וויכטיגקייט זיין .

יא, אבער דיא פראגע איז וויא אזו זאל מען דאס ערפאהרען, ווען אנאפיע בעקומט דערפאר טויזענדער וועט זיא דאס אונז געוויס ניט ענטדעקין .

עס איז אבער דא אמיטעל וויא אזו מען זאל דיא געהיימניס פון איהר ארוים קוועטשין .

וואס איז דאס פאר אמיטעל ?

איך וויים אז דיא אנאפיע, אבוואהל זיא איז שוין אנ'עלטערע פרויא, פון דעסט וועגין וואלט זיא גיוועץ שטארק צופרידען ווען צו איהר זאל זיך שדכנען עפעם ארעכטער מאנספערזאן, איך זאג ארעכטער מאנספערזאן ווייל פריהער בעפאר זיא האט געהאט דיא טויזענדער וואלט זיא צופרידען גיוועץ מיט אבי וועמע, נור יעצט וועט זיא געוויס אויסקלייבין . אלזא מוז מען אזא מאן אויסזוכען וואס זאל פערשטעהן וויא זיך מיט איהר צו בעגיין, ער זאל קאנען דאס נעטהיגע געהיימניס פון איהר אויס נארין .

דער פלאן איז זייער גוט, וואו זשע געהמט מען אזא קלוגען מענשין וואס זאל זיך וועלין נעבין דיא מיהע דיא ראליע צו שפילען .

ווען אייער מאן זאל וועלין דיא ראליע שפילען וואלט דאס גיוועץ אויסגעצייכינט, דען אויף איהם קאן מען זיך פערלאזין .

ער וועט געוויס וועלין, ער וועט מוזען וועלין — האט העלענא גיענטפערט — קיין זאך וועט איהם ניט צו שווער זיין צו טאן פאר דער ארמער אונגליקליכער קארמעליע.

אויב אזו איז שוין גוט — האט בערנארד צופרידען געזאגט — דען אייער מאן וועט איהר געוויס געפעלין, ער דארף זיא נור איינבילדען אז ער איז אין איהר פערליבט וועט ער פון איהר אלעס אויס פארשען, ער מוז דאס אבער אונגעזאמט טאן, דען דיא צייט איז קורץ, וויא איך האב גיהערט דארף נאך אין אכט טעג זיין קארמעליעס פראצעס פאר דעם געריכט פון דיא געשווארענע.

ער וועט נאך היינטע אריין פאהרען אין דעם דארף יענקי און וועט זיך זעהן מיט אנאפיען.

געדיינקט זשע ער זאל אונבעדינגט נור היינטע פאהרען, דען וויא איך האב אייך געזאגט יעדער טאג איז אשאדע ווען ער אוועק געהט נוטצלאז פאר אונז.

איהם וועט אפילו זעהר אונאנגענעהם זיין צו פאהרען אין דעם דארף יענקי, אבער ער וועט דאך פאהרען.

ווארום וועט איהם אונאנגענעהם זיין אהין צו פאהרען?

ווייל מיר ביידע האבין מיט איאהר צוריק אין ווארשויא ביא געוואהנט אשרעקליכע סצענע וואס האט געטראפין דעם נוטסבעזיטצער פונ׳ם דארף יענקי דעם פאן גראזינסקי.

אשרעקליכע סצענע?

יא, זעהר אשרעקליכע סצענע, געוויס האט איהר אויך דאפאן גיהערט וואס פאר אנ׳אונגליק דעם הערין גראזינסקיס ווייב האט געטראפין.

איהר מיינט געוויס דאס וואס זיא איז געשטארבין פון אקינדבעט.

יא, דיא וועלט מיינט אז זיא איז געשטארבין פון אקינדבעט, דאס איז אבער אנ׳אירטהום, דעם קלאנג אז זיא איז אלס קינדבעטערין געשטארבין האט גראזינסקי אליין פערברייטעט אום זיין שאנדע צו פערדעקין.

איך בין זעהר נאייגעריג צו וויסען וואס דאס איז גיוועזען פאר אגעשיכטע — האט בערנארד געזאגט.

דיא געשיכטע איז אזו גיוועזען, איהר ווייסט דאך אז דיא מאדאם גראזינסקי איז גיוועזען זעהר שיין, ער האט זיא געליבט מיט לייב און זעלע, פאר איהר איז איהם קיין זאך ניט צו טייער און ניט צו שווער גיוועזען, מיט איין יאהר צוריק האט זיא זיך געקלאגט אז זיא איז עפעס ניט געזונד, דארום איז גראזינסקי מיט איהר אוועק געפאהרען נאך ווארשויא זיך בעראטהען מיט דיא געריהמטע ערצטע וועגין איהר קריינק, זייא האבין אין ווארשויא קוואַרטירט אינ׳ם האטעל איראפא.

גראדע בין איך מיט מיין מאן אויך אין יענער צייט גיוועזען אין ווארשויא

וועגין געשעפטס זאכין, איך בין מיט יאהאנא גראזינסקי פון מיין פריהעסטער יוגענד אן זעהר בעפריינדעט גיוועזן, דארום פלעג איך צו איהר זעהר אפט אריינקומען, איך האב ביי איהר אימער געטראפין איוננען מאן מיט דעם נאמען יאהאן דע פראשקאט אפראנצאזע.

יאהאנא האט איהם פאר מיר פארגישטעלט אלס איהרען אנ׳ארצט וואס בעהאנדילט אונ קורירט זיא, גראזינסקי אליין האט אין יענער צייט געמוזט צוריק פאהרען אין זיין דארף יענקי, אונ יאהאנא איז אליין געבליבען אין ווארשויא, מיך האט זעהר געוואונדערט וואס זיא זיצט אימער אין דער געזעלשאפט פון דעם פראנצאזע, אבער איך האב קיין שלעכטס געטראכט, דען דארט וואו אנ׳ארצט זיצט צוזאמען מיט זיין פאציענט דארף מען קיינע פראגע מאכין, איך האב זיא אויך צו גוטען בערעכינט אלס איך האב זייא ביידין געטראפין הינטער פערשלאסענע טיהרן, דען ער איז דאך אנ׳ארצט אונ זיא איז זיין פאציענטין.

דאס האב איך געוואוסט, ווענינגסטענס האט מיר יאהאנא אזוי ערצעהלט אז זיא איז מיט דעם ארצט באקאנט געווארין טאקי אין ווארשויא ווייל ער האט אויך קוואַרטירט אינ׳ם זעלבין האטעל.

איין מאהל אלס איך בין געקומען וויא געוועהנליך בעזוכין מיין פריינדין יאהאנא האב איך ביי איהר אין צימער געטראפין אנ׳אונגעוועהנליכע סצענע, איהר מאן וועלכער איז אין דיזען טאג צוריק געקומען פונ׳ם דארף איז געשטאנען צו היטצט, אונ קלאפענדיג מיט דיא פויסטען אין טיש האט ער געשריען: וואו איז דיינע צירונג? איך וויל וויסען וואו דוא האסט זייא אהינ־געטאן. יאהאנא איז געזעסין אויף אשטול בלאס וויא דער טויט אונ האט אויס שרעק ניט גיקאנט ענטפערין.

אלס גראזינסקי האט מיך דערזעהן איז ער שטיל געווארין, פאר מיר האט ער זיך געשעמט צו שרייען, איך האב זיך געמאכט וויא איך האב גאר ניט גיהערט אונ האב אנגעהייבין צו ריידין פון אנדערע זאכין. גראזינסקי איז ארויס געגאנגען, אונ אלס איך בין געבליבען מיט יאהאנען אליין איז זיא מיר געפאלין אויף דעם האלדז האט מיך אנגעהייבין צו האלזען אונ קושען, דאביי האט זיא מיר מיט טרערין ערצעהלט דאס דער ארצט יאהאן האט ביי איהר דאס גאנצע צירונג צוגענומען אונ איהר מאן האט דאס דערשמעקט אונ פארדערט זיא זאל איהם דיא שמוק צושטעלין.

יעצט האב איך פערשטאנען וואס דא טוהט זיך, איך האב שוין דייטליך געזעהן דאס צווישען יאהאנען מיט דעם פראנצאזע וואר אליבעס פערהעלטניס, אהנע צו ריידין אוואָרט בין איך ארויין געגאנגען צו דעם העררלאזען ארצט אין צימער, האב איהם ערצעהלט וואס פאר שמערצען דיא ארמע יאהאנא האט, אונ האב איהם פאסט מיט טרערין געבעטין ער זאל איהר דיא שמוק צוריק אבגעבין, דער אונמענש האט זיך אבער פון מיר אויסגעלאכט אונ

האט

האט קאלט גיענטפערט דאס אלטע ווערטעל „ווען אנאר גיבט דארף אקלוגער נעהמען”. עס האט ניט געהאלפין מיין בעטין אויך ניט מיינע שטרענגע ווארטין, ער האט דיא צירונג יאהאנאן ניט אבגעגעבין, אונ אלס גראזינסקי האט זיא ניט אויפגיהערט צו קוועלען מיט זיינע פארווירפע אונ שימפפעריען האט זיא זיך זעלבסט דאס לעבין גענומען, זיא האט זיך פערגיפטעט אונ איז ביא מיר אויף דיא הענד געשטארבין.

דאס איז ווירקליך אשרעקליכע געשיכטע — האט בערנארד געזאגט — נוא אונ וואס איז געווארין מיט דעם פראנצאזע?

ער איז פערשוואונדין געווארין אונ מען וויים ניט וואו ער איז — האט העלענא זיפצענד גיענטפערט — דער אונמענש האט דער ארמער יאהאנא אין גראב געטריבען אונ ער מוז יעצט פראנק אונ פרייא אין דער וועלט ארום געהן, יעצט פערשטעהט איהר שאן ליבער בערנארד וויא מיין מאן וועט שווער זיין זיך צו בעגעגנען מיט גראזינסקין, דען אונז איז זעהר שווער קוקען גלייך אין דיא אויגען יענעם מענשין וואס וויים פון אונזער שאנדע.

אנגענעהם איז דאס געוויס ניט, אבער דא העלפט קיין זאך ניט, אייער מאן דארף יעצט איין זאך אין זינען האבין אויספארשען פון אנאפיען דיא געהיימנים פאר וועלכע זיא נעהמט אזו פיעל געלד, ביא מיר איז קיין צווייפעל דאס דיא געהיימנים בעלאנגט צו קארמעליען, עס איז זעהר מעגליך דאס ווען מיר וועלין זיא וויסען קאן זיא דאדורך גירעטעט ווערין פונ'ם גרעסטין אונגליק.

איהר האט נאר ניט וואס צו קלערין, מיין סאווין וועט נאך היינטע זיין ביא אנאפיען אונ וועט אלע קרעפטע אנווענדין זיין ציעל צו ערבייכען.

יד.

דער בראנד.

עס רוישט, עס ברויזט, עס שטורעמט!

פון אלע זייטען פליהען ערשראקענע מענשין מיט געשרייא: פייער מענער אין זייערע נאכט קאסטיומע, פרויען אין הוילע ספאדניצעס, מוטערס מיט קליינע קינדער אויף דיא הענד לייפען אהן אנ'ארדענונג, פערווירט אונ זעהר צושראקען, דער הימעל איז גיוועזען אזו רויט דאס ער האט אויס גיזעהן וויא בעגאסין מיט פייער, שרעקליכע זיילען רויך פערמישט מיט העלישע פלאמען האבין מיט אנ'אונגעהייערין גערויש זיך געשפארט צום הימעל, וויא זייא זאלין וועלין איהם אין גאנצען אין פייער אומוואנדלען.

עס איז גיוועזען האלבע נאכט, אונ דאך וואר אין דער שטראסע וואו

דֶער מינסקער אַסְטְרָאג איז גֶעשְׁטַאנֶען לִיבְּטִיג וִויא אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג .

דֶער גַאנְצֶער אַסְטְרָאג וַואר וִויא אַיינְגֶעטוּנְקְט אִין פַייֶער , פוּן אַלֶע זַייטִין הָאט עֶר גִיבְּרֶענְט .

וִויא דִיא מָאדֶע אִיז אִין דֶעם גְרֶעסְטִין טְהֵייל פוּן דִיא רוּסִישֶׁע שְׁטֶעדְט וואוּ קֵיין טֶעלֶעפָאן אִיז פַארַאן , קוּמֶען דִיא פַייֶער לַייטֶע מִיט זַייעֶרֶע לֶעשׁ אִינְסְטְרוּמֶענְטִין אָן שׁוֹין נָאךְ אַלֶעמֶען וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין נִיטָא וָואס צוּ לֶעשִׁין , הָאבִּין זִיךְ דָאס מָאהל דִיא פַייֶער קֶעמְפְּפֶער אוֹיךְ פֶערְשְׁפֶּעטִיגְט אוּנ דִיא הֶעלִישֶׁע פְלַאמֶען הָאבִּין דֶערְוַוייל גֶענוּג צַייט גֶעהַאט צוּ אַרְבַּייטֶען נָאךְ זַייעֶר ווּאוּנְשׁ .

פוּן אַסְטְרָאג הָאט מֶען גִיהֶערְט הֶערְצְרַייסֶענְדֶע קוֹלוֹת אוּנ גְוַואלְדִין פוּן דִיא אַרֶעסְטַאנְטִין וָואס זִיטְצֶען פֶערְשְׁפַּארְט אִין זַייעֶרֶע צֶעלֶען , דֶער אוֹיפְזֶעהֶר פוּנֶ׳ם אַסְטְרָאג אִיז אָנְפַאנְגְס אַרוּם גֶעלָאפִין וִויא אַפֶערְכַאמְטֶע מוֹיז , עֶר הָאט זִיךְ קֵיין בַּאטְה גִיקָאנְט גֶעבִּין וָואס צוּ טָאן , עֶנְדְלִיךְ אַלְס דִיא פְלַאמֶען הָאבִּין זִיךְ צוּשְׁפִּילְט מִיט זַייעֶר גַאנְצֶער קְרַאפְט , אוּנ עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דָאס אַלֶע אַרֶעסְטַאנְטִין מוּזִין פֶערְבְּרֶענְט וֶוערִין , הָאט עֶר אַבֶּעפֶעהל גִיגֶעבִּין מֶען זָאל עֶפֶענֶען אַלֶע צֶעלֶען אוּנ דִיא אַרֶעסְטַאנְטִין לָאזִין אַרוֹיס גֶעהְן פוּן זַייעֶרֶע לֶעכֶער .

סָאלְדַאטֶען זַיינֶען יַא בַּאלְד אָנְגֶעלָאפִין מִיט זַייעֶרִין אַנְ׳אָפִיצִיר , דֶער סְמַאטְרִיטֶעל הָאט דֶעם אָפִיצִיר גִיבֶּעטִין עֶר זָאל אַלֶע אַרֶעסְטַאנְטֶען צוּ נֶעהמֶען אוּנ זַייא אַוֶועק פִיהְרֶען אִין אַזֶעלְכֶערִין פְּלַאטְץ וואוּ זַייא זָאלִין זִיטְצֶען בִּיז מֶען וֶועט פַאר זַייא אוֹיסְגֶעפִינֶען אַנְ׳אַנְדֶער גֶעפֶענְגֶענִים׳ , דֶער אָפִיצִיר הָאט אַזוֹי גֶעטָאן אוּנ הָאט שְׁטְרֵיינְג בֶּעפָאהלִין מֶען זָאל זָאנַאר אֵיין אַרֶעסְטַאנְט נִיט לָאזִין פְּרַייא לַייפֶען , אָבֶער אִין דֶער פֶערְווירוּנְג וָואס דָא אִיז גִיוֶועזֶען הָאבִּין דִיא סָאלְדַאטִין נִיט גִיקָאנְט גוּט בֶּעאָבַּאכְטֶען אוֹיף דִיא אַרֶעסְטַאנְטִין אוּנ דִיא אַרֶעסְטַאנְטִין הָאבִּין נִיט נִיקוּקְט אוֹיף דֶער שְׁטְרֶענְגֶער דִיסְצִיפְּלִינֶע , דָאךְ הָאט דֶעם מוּטְהִיגֶען אָפִיצִיר מִיט דֶעם סְמַאטְרִיטֶעל פוּנֶ׳ם אַסְטְרָאג גֶעלוּנְגֶען דֶעם גְרֶעסְטִין טְהֵייל אַרֶעסְטַאנְטִין פֶעסְט צוּ נֶעהמֶען אִין זַייעֶרֶע הֶענְד , אוּנ נָאר אַקְלֵיינֶעם טְהֵייל פוּן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע הָאט עֶס גֶעגְלִיקְט צוּ אַנְטְלֵייפֶען .

עֶנְדְלִיךְ זַיינֶען דִיא פַייֶער לַייטֶע גֶעקוּמֶען , מֶען הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין עֶנֶערְגִישׁ צוּ קַאמְפְּפֶען גֶעגִין דֶעם הֵייסֶען עֶלֶעמֶענְט , אוּנ נָאךְ שְׁוֶוערֶער מִיהֶע הָאט מֶען דָאס פַייֶער אַיינְגֶעלָאשִׁין , דִיא זַיילֶען רוֹיךְ מִיט דִיא פֶערְהֶעעֶרֶענְדֶע פְלַאמֶען זַיינֶען פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארִין , נוּר דִיא אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע פֶערְקָאהלְטֶע שְׁטִיקֶער וֶוענְד הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גֶעסְמַאלֶעט אוּנ הָאבִּין מִיט שְׁוַוארְצֶע גֶעזִיכְטֶער גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם חוּרְבָּן וָואס אַרוּם זַייא אִיז גֶעוָוארִין .

אוֹיף מָארְגִין אִיז דֶער סְמַאטְרִיטֶעל צוּגֶעטְרָאטֶען צוּ אַיינֶער רֶעווִיזְיָאן ,

ער האט איבער געציילט אלע ארעסטאנטין און האט זיך איבערצייגט אז עס פעהלען צעהן פערזאן פון זייא, אכט מענער און צוויא פרויען.

מען האט זיך גענומען דורך זוכען דעם רואיגירטען אסטראג און מען האט געפונען פינף פערברענטע צו קאהל פערוואנדעלטע מענשין.

פון אלע בעאמטע און וועכטער פונ׳ם אסטראג האט קיינער געפעהלט, אלזא ווארען דיא פינף פערברענטע ארעסטאנטען.

יעצט האט מען אנגעהייבין נאכצופארשען ווער דיא פערברענטע ארעסטאנטין זיינען.

צווישען דיא פערשוואונדענע ארעסטאנטין האט מען אויך געציילט אונזערע באקאנטע, זשוליק, ליאפטשיק און קארמעליע.

צווישען דיא פערברענטע פערברעכער האט מען אויך אפרויא ענטדעקט, דאס געזיכט וואר שוין אונמעגליך צו ערקאנען, און אלע בעדינטע פונ׳ם אסטראג האבין אין איין שטימע געזאגט אז דאס איז דיא לייכע פון קארמעליען, מען האט דאס געזאגט מיט אזא בעשטימטהייט דאס דיא צייטונג וואס געהט ארויס אין מינסק האט בעשרייבענדיג דעם פאזשאר געשריבען דיא ווארטען:

„פינף ארעסטאנטין האבין ביי דעם שרעקליכען פייער זייער לעבין פערלארין, ווער דיא פערברענטע זיינען איז נאך אונבעשטימט ווייל עס פעהלין צעהן פערזאן, נור דאס ווייס מען אז צווישען דיא פערברענטע ציילט זיך דיא יונגע גרעפין קארמעליע טאבאלסקי וועלכע וואר בעשולדיגט דאס זיא האט איהר קליינעם ברודער אין טייך אריין געווארפין אויס האס צו איהר שטיפמוטער עליזאבעטהע טאבאלסקי".

דיא נאכריכט פון דער גרעפינס טויט האט איבעראל גרויסע סענסאציאן הערפארגערופין, זאגאר אלע מענשין וואס האבין פריהער אויך איהר אויסגירעדט אלע שענדליכסטע ווארטען האבין זיא יעצט בעדויערט, אנדערע האבין איהר אנדענקען געשיינקט אפאר הייסע טרערין.

דיא נאכריכט פון קארמעליעס טויט איז אויך אין עליזאבעטהעס שלאס אנגעקומען.

דא האט דיא בשורה דער גרעפין אזו איבערראשט דאס זיא איז וויא נייא בעלעבט געווארין.

בלוט פאר בלוט! — האט זיא יובעלנד אגעשרייא געטאן — זיא האט פערגאסין מיין קינדס בלוט יעצט איז איהר בלוט פערגאסין געווארין.

אויסער דיא ראכע וואס עליזאבעטהע האט יעצט גיזעהן פאר איהר ליב קינדס טויט, האט עס איהר זעהר געפרייט וואס זיא איז גענצליך בעפרייעט געווארין פון דער פערהאסטער שטיפטאכטער און זיא דארף שוין דיא מינדעסטע פורכט ניט האבין פיליינט וועט זיא נאך אמאל פרעטענדירען וועגין איהר ירושה,

זיא איז געשטארבין אונ דיא טראגעדיע אויך דיא קאמעדיע האבין זיך געענדיגט , יעצט קאן זיא מיט'ן פולען מונד שרייען : איך בין דיא איינציגע ווירטהין אין דיזען שלאס , צו מיר אליין געהערט אלעס וואס דער גראף טאבאלסקי האט איבער געלאזט .

יאהאן ! מיין טייערער יאהאן ! — האט זיא ערפרייעט אויס געשריען אומארמענד איהר געליבטען — יעצט ערשט איז אונזער הימעל אונבעפלעקט , יעצט וועט אויף אונז דיא גליקס זאנע שיינען אין איהר פאלע מייסטעטישען פראכט , דיא מערדערין איז שוין ניטא אונ מיר זיינען דיא גליקליכסטע אין דער וועלט .

אבער אנשטאט צו בעגעגנען דיא זעלבע פריידע אין דיא געזיכטסציגע פון איהר געליבטען , האט זיא בעמערקט וויא אטרויער וואלקען אויף זיין שטערין , ער האט זיך אפילו געפרובט שמייכלען , אבער מען האט לייכט געקאנט ערקאנען אז דער שמייכעל איז געקינסטעלט געצוואונגען ....

דיא גרעפין האט גאר ניט געוואוסט אז אין דעם טייפעל האט דיא נאכריכט פון קארמעליעס טויט אנגעריהרט אזא סטרונע וואס גיט ארויס אשרעקליכען קלאנג , אזא קלאנג וואס ערציטערט דיא נערפען פון דיא גרעסטע העלדען .

דיא סטרונע הייסט „געוויססענסביססע" .

אבער ניט לאנג האט דער קלאנג פון דער סטרונע געווירקט אויף יאהאנס פערדארבענעם הערץ , ער האט באלד ווידער זיין מוטה בעקומען , אונ קיססענד זיין געליבטער אין דעם ווייסין שטערין האט ער געזאגט : יא מיינע טייערע מיר זיינען יעצט גליקליך , איך גלויב דאס מיר קאנען זיך שוין צוריק נאך פראנקרייך אומקעהרין , אום דארט אונזער פאמיליען גליק צו גרינדען .

מיר וועלין דא נור נאך איין מאנהייט ווארטען — האט דיא גרעפין געענטפערט — איך קאן מיך זא לייכט ניט אבבייסין פון דעם גראב וואו מיין ליב קינד ליגט בעגראבין , אין אמאנהייט ארום פאהרען מיר נאך פאריז .

בעשטימט ?

גאנץ בעשטימט .

זעהר גוט — האט ער שמייכלענד געזאגט — איך וועל שוין פון הייגט אן אנהייבין צו ציילען דיא מינוטען ביז עס וועט איבער געהן דער מאנהייט , דען דוא קאנסט זיך גאר ניט פארשטעלין מיין ענגעל וויא איך ערווארטע דיא גליקליכע צייט וואס איך וועל קאנען פאר דער גאנצער וועלט זאגין אז דוא ביזט מיינע .

דוא וועסט דאס באלד קאנען זאגין מיין גאלדענער יאהאן — האט זיא זעהר צערטליך געענטפערט — איך וועל מיך אויך דאפעלט גליקליך פיהלען

זוען איך וועל מיך קאנען פאר דער וועלט פארשטעלין אלס מאדאם קארניצקי דער גרעפישער טיטעל איז שוין אויף מיר זא צו לאסט געפאלין דאס איך וואלט מיט דעם גרעסטין פערגעניגען איהם פון זיך הערונטער געווארפין .

וואס דיינקסט דוא וועט יעצט ווערין פון קארמעליעס פראצעס ? — האט קארניצקי נאך אלאנגער פויזע געפרעגט .

וואס פרעגסט דוא זאלכע דומע פראגען , געוואהנליך וויא באלד דיא מערדערין איז געשטארבין האט איהר פראצעס אויפגיהערט , איך בין זעהר צופרידען וואס עס האט זיך אזו געמאכט , דען דיא געשווארענע וואלטין זיא דאך צום טויט ניט פערארטהיילט , זיא וואלט אבגעקומען נור מיט געפענגעניס אונ שווערע ארבייט , יעצט אבער האט זיא דיא פארזעהונג אליין פערארטהיילט צום טויט, דערפאר וואס זיא האט מיין קינד ערמארדעט דורך וואסער האט זיא ערהאלטין איהר טויט דורך פייער , איך מוז געשטעהן דאס איך פאנג אן פעסט צו גלויבען אן דיא ווערטער פונ׳ם ביבעל : „דער וואס פערגיסט מענשין בלוט מוז זיין בלוט אויך פערגאסין ווערין" .

אבערמאלס איז יאהאנס געזיכט בלאס געווארין , אבער דיא גרעפין האט דאס ניט בעמערקט , ווייל ער האט דאס געזיכט אבגעווענדעט זיא זאל עס ניט בעמערקין .

אין יענער וואך האט דיא גרעפין געמאכט אגרויס ארטיגען באאל אויף וועלכין זיא האט איינגעלאדין אלע איהרע פריינדע אונ באקאנטע , זיא האט אויסדריקליך יעדין איינציגען געזאגט אז זיא האט געמאכט דעם באאל אויס פרייד דערפאר וואס קארמעליע האט אזא שווארצען סוף געהאט .

נור מערקווירדיג וואר דאס , וואס דיא אלע געסטע וועלכע האבין איינשטימיג בעשולדיגט קארמעליען אונ האבין געזאגט אז עס איז דער גרעסטער יושר מען זאל זיא הארט בעשטראפין , דיא אלע געסטע זיינען יעצט געוועסין מוטהלאז וויא טרויעריג , יעדין איינציגען האט דאך דאס הערץ געריסען אויף דער ענדע וואס דיא ארמע קארמעליע האט געהאט .

זא זיינען דיא מענשין אין אלגעמיין , נאך דעם מענשינט טויט ווען מען קאן איהם שוין מיט קיין זאך העלפין , פאנגט מען איהם אן צו בעדויערין .
נארישע שלעכטע מענשין !

טו.

פרייד און לייד.

פון אלע זייטען איז יודעלען שלעכט גיוועז, קיין געלד איז איהם פון קיין פלאטץ מעהר אריין געפאלין, דאס געלד וואס דער גראף טאבאלסקי האט איהם געגעבין איז מיט יעדין טאג אלץ וויינינער געווארין, זיינע שטאדט לייט האבין איהם יעצט פעראכטעט נאך מעהר אלס פריהער, ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט האט ער געהערט דאסווארט "משומד", ניט איין מענש אין גאנץ הארידאק האט זיך געפונען מיט וועלכין ער האט גיקאנט פריינדליך איינינע ווארטין אויס ריידען.

איהם האט זעהר געקריינקט דאס וואס מאליא האט איהם זא גראב בעהאנדילט, זיא דיא איינציגע דא אין שטאדט וואס פערשטעהט יא אגישעפט, וואס שטעהט העכער פון אלע איבעריגע מיט איהר בילדונג אונ פערשטאנד, זיא גלויבט אויך אויף איהם אז ער איז פערדארבין אונ פעהיג צו שלעכטעס.

דער גערדאנק וועגין קארמעליען האט איהם נור אבגעלאזט דאן ווען ער וואר בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט איבער דיא בילדער וואס ער האט געמאלט, קוים אבער איז ער פרייא געוועסין האט ער געטראכט וועגין דער אונגליקליכער גרעפין וואס שמאכטעט יעצט אין געפענגעניש צווישען מערדער, דיבע אונ באנדיטען. ביי זאלכע פארשטעלונגען האבין אלע זיינע נערפין אינ'ם לייב געציטערט אונ טרערין האבין זיך געגאסען איבער זיינע וואנגען.

ארמע אונגליקליכע קארמעליע פלעגט ער אין אזעלכע פינסטערע מינוטען אויס שרייען, מיט פערגעניגען וואלט איך דיין שטעלע אין געפענגעניס פערטרעטין, מיט פערגעניגען וואלט איך דיא גרעסטע שמערצין איבער געטראגען ווען איך זאל נור וויסען אז דאמיט מאך איך אנ'ענדע צו אלע דיינע ליידען.

פיעלע מאל איז איהם איינגעפאלין אשרעקליכע עצה וויא אזוי ער זאל קארמעליען בעפרייען. נעמליך ער זאל דיא גאנצע שולד נעהמען אויף זיך, ער זאל זאגין דאס נור ער אליין האט דאס קינד אין וואסער געווארפין.

ער וואלט דאס געוויס געטאן, נור דער גערדאנק אז מיט אזא טהאט וועט ער אויף אימער פערביטערין זיין גראס פאטערס אונ מוטערס לעבין האט איהם פון דעם אבגעהאלטען.

ביי איהם איז אויך גיוועז אפלאן ער זאל גאר אוועק פאהרען פון דער שטאדט, ער זאל פליהען נאך אדעססע זיך דארט ווענדין צו זיין טאנטע גאלדע בלאך אונ דורך איהר אדער איהר מאנס הילף וועט ער פיליכט קאנען

סטודירען אדער זיך ערלערנען דיא קונסט פון מאלען, אלס אבער ער האט זיך עראינערט דאס ווען ער פאהרט אוועק פון דאנען פערלירט קארמעליע איהר איינציגען פריינד וואס קאן איהר נאך פילייכט נוטצען ברייגגען איז ער דא געבליבען.

דער בריף וואס קארניצקי האט געשריבען צו זיין פריינד אין פאריז דער וועט געוויס אין קארמעליעס פראצעס אגרויסע ראללע שפילען — האט ער זיך גיקלערט — אונ פילייכט וועל איך עטוואס ערפאהרען וועגען דעם טאלית-מאן וואס אין דעם בריף שטייט דער מאהנט, אונ דאס וועט ווייטער זיין וויכטיגע מאטעריאל צו זיין בעגרעבענים אונ קארמעליעס טובה.

ער האט אפילו איינינע מאהל געוואלט מיט דעם בריף אריין גיין צו דער נרעפין עליזאבעטהע, איהר צייגען וויא קארניצקי האט זיא בעטראגען פערנארט אין זאק, ער האט זיך אבער דאפאן אבגעהאלטען, "דאס וואס צווישען זייא וועט ווערין אבייז לעבין איז נאך וועניג" האט ער זיך געטראכט, דער בריף וועט מיר פילייכט נוטצען איך זאל זיא דער פערפלוכטער עליזאבעטהען אויך קאנען מיט איהם בעגראבין.

ער האט זיך פיל מאהל געמאכט דיא פראגע: ווארום זאל איך ווירקליך מיך מעהר אינטערעסירען אין קארמעליעס לאגע אלס אלע איבעריגע, איז דען פאר מיר אפלאן איך זאל מיין צייט אונ דאס ביסעל געלד וואס איך האב פערשווענדין אויף אזעלכע זאכין, וואלט ניט פיל גלייכער גיווען איך זאל בעסער זיך האבין אין זינען?

אבער באלד נאך אזא פראגע האט ער זיך זעלבסט פארווירפע געמאכט אויף דעם וואס איהם האט גיקאנט איין מינוט אזא נארישע פראגע אין קאפף אריין פאלין אונ דיא אידעע צו קעמפפען פאר קארמעליעס פרייהייט האט זיך נאך מעהר אין איהם צופלאמט.

שטונדען לאנג פלעגט ער אבזיטצען פערטיפט אין אזעלכע געדאנקען, זיינע עלטערין האבין זעהר געציטערט אלס זייא האבין באמערקט וויא זייער קינד זייער איינציגע שטיטצע זיטצט וויא מעלאנכאליש אבגעזונדערט פון דער וועלט אונ פון טאג צו טאג ווערט ער אלס פינסטערער, זייא האבין געפרובט איהם אויפמונטערין אונ איהם צו בעוועגין ער זאל ניט זיטצען גאנצע טעג אין דער היים, ער זאל בעסער זוכען געזעלשאפט, אבער זייא האבין מיט זייער ריידען גאר ניט געמאכט:

איין מאהל אום פיער אוהר נאך מיטאג איז יודעלע וויא געוועהנליך געזעסין אליין אין זיין צימער פערזונקען אין זיינע געדאנקען, אין זיינע אויגען האבין נאך געשימערט איינינע טראהנען וואס דיא עראינערונג אן קארמעליען האט ארויס געלאקט, אלס דיא מוטער איז אריין געלאפין זעהר איבעראשט אונ האט געזאגט: יודעלע וואס זאל דאס בעדייטען

(יא"ג ח"ג)

שלמהקע

שלמהקע ראזענהויזס טאכטער איז דא אונ וויל מיט דיר עפעס ריידין.

דיא נאכריכט האט יודעלען אויך איבעררַאשט, מאליא ראזענהויז איז דא? זיא איז געקומען צו איהם? ער האט נאר זיינע אהרען ניט געגלויבט, זיא דיא שטאלצע אריסטאקראטקע וואס האט איהם זא פיל פעראכטונג געוויזען זאל קומען צו איהם אהיים? דאס איז געוויס ניט אומזאנסט.

ער האט געשווינד אויף זיך געהאפט זיין ראק אונ האט געזאגט צו דער מוטער: פיהר זיא אריין אהער מאמיניא.

אין אפאר מינוטען ארום איז מאליא אריין געקומען מיט אפערשעמט פנים אונ מיט זעהר אגוטמוטהיגע מינע.

נאט העלף הערר פיינהערץ! — האט זיא געזאגט אריינקומענד — איך בין אייך געקומען בעווייזין אז איך בין ניט אזו שטאלץ וויא איהר זייט, אז אייך שטעהט ניט אן קומען צו אונז אין הויז בין איך געקומען צו אייך אין הויז.

איך האב געגלויבט אז אייך שטעהט ניט אן מיך אלס אייער גאסט אין אייער הויז צו בעטראכטין, דארום האב איך אויפגיהערט צו אייך צו געהן — האט ער פריינדליך געזאגט איהר האנד דריקענד — אונ ווען איהר וועט אויף מיר ניט צירנען, וועל איך אייך זאגין דיא וואהרהייט אז מיר ווילט זיך יעצט אויך ניט גלויבען אז איהר זענט געקומען מיט דעם ציעל מיר איין וויזיט אבשטאטען, איך צווייפלע ניט דאס אוויכטיגע זאך האט אייך אין אונזער ארם הויז געבראכט.

יא, זעהר אוויכטיגע זאך — האט זיא געלאכט — איך האב גיזעהן אז איהר קומט צו אונז ניט איז מיר איינגעפאלען דער געדאנק פיליכט זייט איהר קראנק אדער שטארק בייז אויף מיר.

אונ ווען איך זאל אויף אייך בייז זיין הייסט דאס בייא אייך וויכטיג? צווייא מאהל איין זאך האב איך ניט ליב ווידערהאלען.

אויב אזו בין איך אייך זעהר דאנקבאר דאפיר וואס איהר אינטערעסירט זיך אזו וועגין מיר, אבוואהל איך וויים ניט וואמיט איך האב דאס פערדינט.

איך מוז מיך פאר אייך אינטערעסירען איינפאך דערפאר וואס לויט איך האב גיהערט אינטערעסירט איהר זיך פאר מיר אויך.

אזו האט איהר גיהערט?

יא, מען האט מיר ערציילט אז איהר האט זיך דיא מיהע גענעבין מיין בילד צו מאלען, נוא איז דאס ניט אבעווייז אז איהר אינטערעסירט זיך פאר מיר?

ווער האט דאס אייך ערצעהלט?

מיר האט דאס ערצעהלט אגרויסער ליגנער, אבער לויט איך האב פערשטאנען האט ער דאס מאהל דיא וואהרהייט געזאגט.

יא, ער האט אייך דיא וואהרהייט געזאגט.

האט איהרווירקליך מיך אבגעמאלט? איך בין זעהר נאייגיעריג צו זעהן וויא בין איך ארויס געקומען פון אייערע הענד.

קאנט איהר מיר זאגין פריילין ווער עס האט אייך ערצעהלט אז איך האב אייער בילד געמאהלט?

ווארום ווילט איהר דאס וויססען?

ווייל קיין אויג האט עס נאך בייא מיר ניט געזעהן.

איהר זעהט דאך אבער אז מען האט דאס יא גיזעהן.

דארום בין איך טאקי נאייגיעריג צו וויססען ווער עס האט דאס גיזעהן.

יענער מענש האט ניט דיא ווערטה מען זאל זיין נאמען ערמאנען, דאס איז אייך גאר ניט נעטהיג צו וויססען, ווילט איהר זא פריינדליך זיין אונ מיר דאס בילד צייגען?

איך וועל איהם אייך צייגען.

ער איז אויפגעשטאנען האט פון קאמאדע ארויס גענומען אצוזאמענגעראלטען גרויסין פאפיר אונ האט איהם אויפגיעפינט.

מאליא האט ענטציקט אגעשרייא געטאן „מייסטערהאפט"!

דאס בילד איז ווירקליך גיוועזן מייסטערהאפט, מאליא האט דא אויסגעזעהן ריכטיג וויא צווייא טראפפין וואססער.

יעצט זעה איך אז איהר זייט ווירקליך אקינסטלער אין פאללען זינע דעם ווארטעס — האט זיא געזאגט איהם בייא דער האנד ערגרייפענד — ניט אומזאנסט האט אייך דער גראף טאבאלסקי פראטעזשירט, איך פראפעצייע אייך אז איהר וועט מיט דער צייט זיין אגעריהמטהייט.

אייערע ווארטין מאכין מיך שטאלץ אונ גיבען מיר מוטה איך זאל זיך דיא ארבייט ערלערנען ביז צו דער העכסטער שטופפע.

איהר מוזט דיא ארבייט פאלקאמען ערלערנען, זיא וועט אייך מיט דער צייט גליקליך מאכען, אך וויא שיין וויא רייצענד איך ווייז דא אויס, ווען איך זאל זיין אין דער ווירקליכקייט אזוי שיין וואלט איך בייא זיך זעהר שטאלץ גיוועזן.

איך געפין דאס איך האב אין דעם בילד ניט איבערטריבען, איך האב איבערגעגעבין נור דער נאטורס ארגינאל.

א זאגט דאס ניט ליבער פיינהערץ — האט זיא מיט אפערגעניגט שמייכעל געזאגט — איך קאן דורך אזעלכע ווארטען זיך שטארק איבער געהמען, פערקויפט מיר דאס בילד מיין פריינד, איך וועל אייך פאר איהם בעצאלין וויפיל איהר וועט אליין פערלאנגען.

זעהר שיין — האט ער לאכענד גיענטפערט — איך וועל אייך שטעלין

אפרייז פאר דעם בילד, איך צווייפלע אבער צו וועט איהר אין שטאנדע זיין מיר אזא פרייז צו געבין .

וואס פאר אפרייז פערלאנגט איהר ?

איר זאלט געהמען דאס בילד אונ זאלט מיר דאפיר זאגאר קיין דאנק געבין פאר איהם .

וואס ? — האט זיא ערשטוינט געפרעגט .

יא יא, דאס פערלאנג איך אז איהר זאלט פון מיר דאס בילד אנגעהמען אהנע מיר זאגאר פאר איהם צו דאנקען .

ניין דאס וויל איך ניט, פאר אייער ארבייט מוזט איהר בעצאלט ווערין, אומזאנסט קאן איך עס בייא אייך ניט אנגעהמען .

נוא האב איך ניט רעכט געהאט דאמיט וואס איך האב געזאגט אז מיין פרייז וועט איהר מיר ניט קאנען געבין ?

ווארום ווילט איהר עס מיר אבשיינקען ?

אלס אנדענקונגס צייכען .

דאס איז זעהר שיין פון אייער זייטע, איך נעהם דאס מיט פערגעניגען אן אלס אנדענקונגס צייכען פון אייך, איהר מוזט אבער פון מיר אויך אנ'אנדענקונגס צייכען אנגעהמען .

זיא האט אראפ געצויגען אגאלדענעם רינג מיט אשיינעם דימאנט פון איהר פינגער אונ האט עס איהם געגעבין .

א פריילין דאס איז אצו טייערער אנדענקונגס צייכין, איך קאן עס בייא אייך ניט אנגעהמען .

נוא קאן איך בייא אייך אייער אנדענקונגס צייכין אויך ניט אנגעהמען — האט זיא גיענטפערט .

איך מוז דאך אייך צוליב טאן — האט ער נאך אקורצער פויזע געזאגט צו געהמענד דעם ווערטהפאלען רינג .

איך גלויבע הערר פיינהערץ — האט מאליא מיט אגליקליכער מינע געזאגט — דאס פון היינט אן אונ ווייטער וועלין מיר איינער דעם צווייטען ניט אזו גיך פערגעסין, אונזרע געגענזייטיגע אנדענקונגס צייכענס וועלין דאצו ניט דערלאזען .

געוויס פריילין ראזענהויז .

אלזא אדיע דערוויל ! — האט זיא געזאגט איהם דיא האנד רייכענד — איך גלויבע דאס איך וועל אייך שוין אפט זעהן בייא אונז אין הויז, ניט וואהר ?

יא, אויב מיין בעזוך וועט אייך אנגענעהם זיין וועל איך געוויס בייא אייך זיין אנ'אפטער גאסט, אבער זאגט מיר פריילין ראזענהויז זייט איהר גיוועזען דיא צייטען בייא דער גרעפין עליזאבעטהע ?

וואס האב איך בייא איהר צו טאן ?

האט איהר פערגעסען אז איהר האט מיר פערשפראכען פון דער נידערטרעכטיגער פרויא עטוואס אויס צו פארשען וועגען דער אונגליקליכער יונגער גרעפין קארמעליע ?

וועגען קארמעליען ? זאל איך גלויבען אז איהר ווייסט נאך גאר ניט וואס מיט דער אונגליקליכער איז געוואָרען ?

ניין איך ווייס גאר ניט — האט יודעלע ערשטוינט געענטפערט — עס איז דען דא עפעס נייעס ?

איהר ווייסט גאר ניט אז דער מינסקער אסטראג האט אבגעברענט אונ קארמעליע איז פערברענט געוואָרען ?

מיר איז שלעכט ! — האט יודעלע אגעשרייא געטאן אונ איז אין אהנמאכט געפאלען.

מאליא האט געמאכט אגוואלד, עס זיינען אריין געלאפען יודעלעס עלטערן אונ נאך מענשען פון דער גאס אונ מען האט זיך מיט אלע קרעפטע גענומען דעם אהנמעכטיגען צו ערמינטערן.

טז.

אוויכטיגע בעגעגנים.

עס הערט זיך ווייטער אשמחה אין שטעדטעל.

דיא וואך דארף זיין דיא חתונה ביי רבי חאצקעל דעם בעל טקסא'ס טאכטער מיט דעם דענענבורנער ישיבה בחור.

דיא הארידאקער בעלי בתים בעזאנדערס דיא פרויען אונ דיא מיידלאך האבען וועגען דער חתונה שטארק געטראכט, דען ניט אלע מאל טרעפט זיך אזא גנידהשע חתונה, בפרט ביי אזא נגיד וויא האצקעל איז וואס ביי איהם בעקומט מען זעהר אפט אטובה, דען ער פערלייהט געלד אויף וואכער אונ אזו אויף פראצענט, אסך מענשען מוזען געהן ווייל זייא האבען שוין לאנג געליהען ביי דעם גוטען רבי חאצקעל געלד, באלד וועט דער טערמין פונ'ם צאהלען אנקומען אונ זייא האבען נאך קיין געלד, אונ חאצקעל איז אזא דימאנט וואס ביי איהם איז רעכט אנשטאט געלד יענעמס הויז אבנעהמען, אדער פערקויפען זיינע בעלי הבתישקייט, אדער גאר צו נעהמען אויף אימער דיא משכנות וואס מען האט איהם גענעבען פון זיכערהייט וועגען.

אנדערע ווידער דארפען לייהען געלד, היינט וויא נעהט מען ניט צו חאצקלען אויף אשמחה, ער קאן נאך חלילה ווערין אין כעס אונ אפילו איין קאפיקע ניט לייהען.

אין אלע הייזער האט מען זיך צוגעגרייט צו ערשיינען אויף דער חתונה מיט לייטען גלייך.

וויפיל געזונד קאסט דאס יעדין אב דאס ווערטיל „מיט לייטען גלייך", איינער קוקט אויף דעם צווייטען אונ וויל איהם אין אלעם נאכטאהן חאטש ער האט דאצו קיין קרעפטין, אפלה מוז האבין אזיידען קלייד צו דער חופה חאטש איהר גאנצער נדן טרעפט אן אזו פיל וויפיל דיא איין זיידען קלייד קאסט, זיא מוז אזא קלייד האבין אום זיא זאל זיין מיט לייטען גלייך, אין אלע פאכען זעהן מיר וויא דיא ארמע טוען נאך דיא רייכע אום צו זיין מיט לייטען גלייך.

חאצקעל האט ניט געוואוסט וויא דעם קאפף צו האלטען אויס גדלות, ער האט גיזעהן וויא דאס גאנצע שטעדטעל בעשעפטיגט זיך וועגין זיין טאכטערס חתונה, איז דאך דאס אבעוויז אז ער שטעהט העבער פון אלעמען, אונ אז ער שטעהט העבער פון אלעמען איז דאך דאס אצייכען אז ער האט דעם כבוד כשר פערדינט.

אלע האבין איהם געשמייכעלט אונ געלעקט, מען האט געוואוסט אז ער איז דעם אלטען גרונם'ן מיט זיין פאמיליע אשונא אין לעבין, האט מען איהם צוליב אויף דעם ארמען אלטען אונ אויף יודעלען אויס גירעדט אלעם שלעכטעס, האט זיך עפעס געמאכט אנייעס וואס אנבעלאנגט דער פערהאסטער פאמיליע האט מען דאס באלד איהם אלס פריזענט געבראכט.

זא זעהן מיר ביא איהם אין הויז אין אשיינעם אווינד אקרייז יודעלאך פון דיא וואס דארפין זעהר אפט לייען געלד, אלע זיטצען ארום טיש אונ מען רעדט זעהר הייס.

איך האב שוין לאנג געזאגט אז דער שקין וועט אומגליקליך מאכען אלע מיידלאך פון אונזער שטעדטיל — האט חאצקעל געטעהנט — היינט זעהט אז איך בין אחכם. נוא זאגט אליין וואלט איהר דאס וועז גענלויבט אזא מעשה, אז אזא מיידעל וויא למשל שלמהקע ראזענהויזס טאכטער איז זאל זיך לאזען פערפיהרען פון אזא יונגאטש?

אבער מען וויים דען געוויס אז ער האט זיא טאקי אין אבלאטע פערשלעפט? — האט איינער געפרעגט.

וואס רעדט איהר נאט איז מיט אייך — האט חאצקעל גיענטפערט — וואס פרעגט איהר דא קשיות צו מען וויים געוויס, בעריל דער רופא איז אליין דער ביא געשטאנען וויא יודעלע האט געחלשט אונ שלמהקעס טאכטער מלכה האט געוויינט אונ האט גיבעטין רחמים מען זאל איהם אבמינטערין.

דאס איז טאקי גיוועזן ביא גרונם'ן אין הויז?

עס פערשטעהט זיך אז דאס איז גיוועזן ביא גרונם'ן אין שטוב.

וויא זשע קומט מלכה אהין?

הערכטו (יוא"ג ח"ג)

הערסטו! דאס זאג איך דאך אויך אז ער האט זיא פערשלעפט אין אבלאטע, שטעלט אייך למשל פאר אז מלכה קומט צו יודעלען אהיים, זיא פערשפארט זיך מיט איהם אין איין חדר, אונ דער אלטער גרונם מיט זיין שנור דיא ליבע אסתר שטעהן פון יענער זייט אונ קוועלין פאר גדולה וואס זייער תכשיט האט אזא זיווג בעקומען, נוא דארף מען ניט שרייען שמע ישראל.

דאס איז טאקי ארציחה — האבין אלע מסכים געווען.

וואס איז דאס געווען דיא מעשה וואס ער האט פלוצלונג געחלשט?

דער שווארצער יאהר ווייס איהם, מסתמא האט ער בעדארפט חלשן, ווען דיא מלכה איז מיין טאכטער שווער איך אייך וויא איך בין איוד אז איך וואלט איהר איין האאר אין קאפף ניט איבערגעלאזט, איהר שפילט זיך עפעס דער מיט, אבתולה איודישע טאכטער זאל געהן צו אפרעמדין בחור אין אבעזונדער חדר אונ זאל זיך דארט מיט איהם פערשפארען אזו לאנג ביז ער חלשט. נוא אונ שלמהקע שווייגט.

דאס וואס שלמהקע שווייגט בין איך אייך מוחל — האט דער חתן אליין זיך אריין געמישט — מיך וואונדערט אבער פאר וואס שווייגט מען דעם אלטען גרונם'ן וואס לאזט בייא זיך אין שטוב אזעלכע מיאוסע זאכען פארקומען, נאך מיין מיינונג האט ער דיא גרעסטע שטראפע פערדינט.

האט ער דען ניט רעכט? — האט חאצקעל זיך אנגערופין — וואלט מען אזא זאך אין אנ'אנדער שטאדט פערשוויגען, מען וואלט דאך אזא משפחה ענטוועדער אין מיטען דער גאס פערשטיינגט, אדער מען וואלט זייא אלע אזו בעגראבין אז זייא וואלטען ניט דערלעבט אמאל אויף צו שטעהן, עס איז דאך פשוט אחרפה פאר זיך אליין וואס מען קוקט אזעלכע עולות צו אונ מען שווייגט.

מען טאר טאקי אין דעם ניט שווייגען — האבין אלע אין איין שטימע מסכים געווען — אבער וואס קאן מען זייא טאן?

מען דארף פון זייא ווייכען — איז געווען דעם חתנ'ס עצה — איך וואלט געזאגט אז דער רב זאל הייסען אויסרופען אין אלע בתי מדרשים אז מען זאל גרונם'ן אפילו קיין עסין ניט פערקויפין, קיין יוד זאל מיט איהם אין בעריהרונג ניט קומען.

עס הייסט מען זאל איהם מחרים זיין? — האט איינער געזאגט.

רופט דאס אן וויא איהר ווילט, אבי מען זאל זייא אזו פערפאלגען אז זייא זאלין אלע איינפאך פון הונגער אויס שטארבין.

דאס איז זייער אגוטער פלאן — האט חאצקעל צופרידען געזאגט — דיא עצה געפעהלט מיר זייער, נור וואס טוהט מען מיט אונזער נארישען רב, ער וועט געוויס ניט וועלין מסכים זיין צו אזא זאך.

ער וועט ניט וועלין ? — האבין איינינע אוים געשריען — ער וועט מוזען דאצו מסכים זיין .

ווייסט איהר וואס מחותן — האט זיך דער חתן אבגערופין — אויב איהר ווילט וועל איך אליין צו דעם רב אריין געהן , איך האף אז ווען איך וועל מיך מיט איהם דורכריידין וועט ער מוזען טאן וויא מיר פערלאנגען , ער איז דא ארב , מען צאהלט איהם געלד פון דער שטאדט מוז ער טאהן דאס וואס דיא שטאדט פערלאנגט פון איהם .

אך אויב דוא ווילסט זיך מטריח זיין מהיכא תיתא — האט חאצקעל גיענטפערט — געה טאקי אריין צו איהם , מאך איהם אשווארצען סוף אויב ער וועט דיך ניט וועלין פאלגין , אויף מיינע אחריות , האב פאר איהם גאר קיין מורא ניט , דוא ביזט מיינער אחתן דארף ער פאר דיר דרך ארץ האבין .

איך געה שוין — האט יוסל קלאפ גיענטפערט — איהר קאנט דא ווארטין אויף אתשובה , איך וועל מיך לאנג ניט זאמען .

ביא דיא ווארבין איז ער אויפגעשטאנען פון זיין ארט אונ איז ארוים געגאנגען מיט שטאלץ וויא איינער וואס געהט אין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען .

אייער חתן רבי חאצקעל איז אגאטס בענשונג — האט איינער פון דער געזעלשאפט געזאגט אלס יוסל קלאפ איז ארוים געגאנגען — מען זעהט אז ער איז אהייסער כשרער יוד .

וואס פרעגט איהר דא קשיות צו איז ער אבריליאנט — האט האצקעל שטאלץ גיענטפערט — מסתמא אז איך האב איהם פאר מיין טאכטער אויס געקליבען איז ער אזעלטענהייט , איך זאג אייך רבותי אז ער האט אין זיך מדות פון דיא ל"ו צדיקים , איך האב נאך אין מיינעם לעבין אזא כשרה זאך ניט געזעהן , איך בין פערזיכערט אז ער וועט מיט דר צייט זיין איינער פון דיא גרעסטע רבנים אין דער וועלט .

יא בנאמנות ער וועט זיין ארב — האט איינער מסכים גיוועזן .

אונ טאקי ביא אונז אין שטעדטיל — האט אצווייטער צוגעגעבין .

אין דער זעלבער צייט ווען מען האט דא אזוי געטענהט וועגין רבי יוסעלע קלאפ , איז אונזער צוקינפטיגער רב געגאנגען מיט שנעלע שריט איבער דיא הארידאקער גאסין אין דער ריכטונג צו דער גאס וואו דעם רבנס הויז איז געשטאנען .

אין דיא גאסין איז גיוועזן זעהר פינסטער אונ בלאטיג פון דעם רעגין וואס איז אין דעם גאנצען טאג געגאנגען .

יוסעל האט מיט זיין שטעקין געטאפט אום ער זאל אין אבלאטע ניט פערקריכען .

ריכטיג נעגין איהם איז אנגעקומען אמאן איינגעהילט אין אברייטין מאנטיל ,

דיא ביידע נאכטוואנדלער האבין זיך בעגעגנט אונ האבין זיך אבגעקלאפט אײנער אן דעם צווייטען .

לומפּ ! — האט יוסעל צארניג אנגעשרייא געטאן — דוא האסט גאר קיין אויגען ניט צו זעהן אז אמענש געהט דיר ענטגעגען ?

ביזט אליין אלומפּ — האט יענער שטאלץ געענטפערט — דוא האסט בעדארפט זעהן אז אמענש געהט אינ׳ם זעלבין וועג .

דיא שטימע האט יוסלען זעהר קענטליך געקלונגען אין דיא אהרען , ער האט אנגעצונדען אצינדהעלצכען אונ האט בעלייכט דעם עזות פּנים׳ס געזיכט .

זשוליק ! — האט יוסעל איבערראשט אנגעשרייא געטאן אלס ער האט זיין געגנערס געזיכט דער זעהן .

שמעונקע פארך ! — האט פון זיין זייט זשוליק העכסט ערפרייעט אויסגערופען .

אונ דיא ביידע פריינדע זיינען געפאלען אײנער דעם צווייטען אויף דיא העלדזער אונ האבין זיך הערצליך געקושט .

ענדע פונ׳ם דריטען טהייל .

דער איד אונ דיא גרעפין

א העכסט אינטערעסאנטער אונ רירענדער
ראמאן
פון דיא רוסישע עמיגראנטען אין אמעריקא.

אין פיער טהייל

פאן

נ. מ. שייקעוויטץ. (שמ"ר)

פערטער טהייל

ווילנא
שנת תרנ"ג לפ"ק

ЕВРЕЙ И ГРАФИНЯ

или

ЭМИГРАНТЫ.

Романъ въ 4 частяхъ.

Соч. Н. М. Шайкевича.

Часть IV.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и братьевъ Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328.
1893.

Дозволено цензурою — 15 Декабря 1892 г. Кіевъ.

א.

עס געהט אגאנג.

זעהער פערגעניגט איז אגאפיא בארניצקאיא געזעסען איבער דעם שמעקעדיגען טהעע וואס זיא האט פאר זיך אן געגאסען פון איהר נייעם סאמאוואר, זיא האט זיך זעלבסט געהאלטען וויא איינע פון דיא גליקליכסטע אונטער דעם הימעל. עפעס אקליינינקייט וויפיל געלד איהר איז אין דיא הענד אריינגעפאלען, זיא איז אין דיא עלטערע יאהר אזוא רייך געווארען אונ זיא קאן ביז איהר טויט, לעבין וויא איינע גרעפין.

פון יענער צייט אן וואס עליזאבעטהע האט איהר דאס געלד געגעבין, איז זיא ביא זיך זייער שטאלץ געווארין, מיט דיא זעלבע מוזשיקעס וואס האבין גאר ניט לאנג פון איהר חוזק געמאכט האט זיא יעצט גאר ניט געוואלט אפריינדליך ווארט אוים ריידען, זיא האט זייא אלעמען צוא להכעים זיך פערפוצט אין נייע שיינע קליידער האט פאר זייא אין דיא אויגען געציילט געלד אום זייא זאלען זעהען אז זיא איז ניט גלייך צוא זייא, אז מיא דארף זיא רעספעקטירען.

דיא מוזשיקעס פונ'ם דארף האבען זיך שטארק געבראכען דיא קעפ קלערענדיג פון וואנען האט זיך צוא דער קבצנטע פלוצלונג גענומען אזוא פיעל געלד. אייניגע האבען בעהויפטעט אז זיא האט געוויס אנ'אוצר געפונען, אנדערע האבען זייער מיינונג געזאגט אז זיא האט געוואונען אגרוים געווינס, אונ דער גרעסטער טהייל פון זייא וואר מיט דער מיינונג אז זיא האט יעמאנדען בעגנבט.

דיא אלע מוזשיקעס האט דאס שטארק פערדראסען וואס דיא שלעפערקע ווייזט זיך יעצט געגען זייא אזוא שטאלץ, זייא האבען געוואלט זעהן איהר מפלה, אבער צוא זייער פערדרוס האבען זייא איהר גאר ניכטס געקאנט טאהן אונ האבען נאך געמוזט מיט זייערע אויגען צוא זעהען וויא זיא טרינקט טייא פון אזא שיינעם נייעם סאמאוואר אונ פון אטשאניק מיט פיינע צאצקעס.

שטארק איבערראשט איז אגאפיע געווארען אלס איינמאהל זיטצענדיג וויא געוואונהליך נעבען איהר ליעבען סאמאוואר האט זיך דיא טיהר אויפגעעפינט אונ דער נוטס בעזיטצער פונ'ם דארף מארינקא סאווי'ן דאמבראווסקי איז אריינגעקומען.

זיא האט דעם פאן דאמבראווסקי זייער גוט געקאנט, אפאר מאהל האט זיא זיך בייא איהם פערדונגען אין דער שניט צייט צוא ארבייט אין זיינע פעלדער.

גאט העלף אנאפיע! — האט ער צוא איהר פריינדליך געזאגט און האט איהר דיא האנד געררייכט — איך בין געקומען וועגען געשעפטס זאכען צוא דעם היגען פריץ פאן גראזינסקי, האב איך מיך דערמאנט אז דוא וואהנסט דא בין איך צו דיר אריינגעקומען זיך ערקונדיגען וועגין דיין געזונד.

אזא עהרע האט אנאפיע ניכט ערווארטעט. דער פאן דאמבראווסקי זאל איהר זא פריינדליך דיא האנד געבין און זאל צוא איהר אריינקומען מיט אוויזיט, דאס האט זיא ניט ערווארטעט, זיא האט געוואלט וויא איהר געוואונהייט וואר, פאלען צוא זיינע פיס און איהם אקוש טאהן אין שוך, אבער באלד האט זיא זיך דער מאהנט אז זיא איז אגבירה און איהר פאסט שאן ניט פאלען אויף דיא קניע פאר אזא קליינעם פריץ וויא דאמבראווסקי איז, זיא האט זיך נור טיעף פערבייגט און האט מיט אחנעוודיג שמייכעל גיענטווערט: איך האב גאר קיין ווערטער צוא דאנקען דעם פריץ פאר דער גרויסער עהרע וואס ער האט מיר צוא געטהיילט.

דער פאן דאמבראווסקי האט זיך ניגעדיג געזעצט אויף איינעם פון דיא נייע שטוהלען וואס אנאפיע האט געקויפט, האט פערראוכערט אסיגאר און האט געזאגט: איהר וואהנט דאך הייטע ליעבע אנאפיע זעהר שיין, דאס איז אבעווייז אז אייך געהט היינט ניט שלעכט.

גיעב גאט ווייטער ניט ערגער — האט אנאפיע גיענטווערט אבווישענדיג דיא נאז מיט אנייער ווייסער טאשענטוך — איך האב מיך היינט ניט צוא בעקלאגען, איך האב מיר גאנץ שיינע בעליהבתישקייט, דעם סאמאוואר האב איך אויך פאר מיין געלד געקויפט, ער קאסט מיר מזומן געלד פופצעהן רובעל.

זעהר אשיינער סאמאוואר — האט סאווין מיט אלייכטין שמייכעל גיענטווערט — קאנט איהר מיר פיעלייכט טראקטירען מיט אגלאז טהעע?

אך מיט דעם גרעסטען פערגעניגען — האט אנאפיע ענטציקט גיענטפערט — איהר דארפט וויסען אז טהעע טרינק איך אויך זעהר גוטען, איך קאן אנדערש ניט טרינקען נור פאפאווס טהייא וואס קאסט צוויא רובעל אפונד.

בראווא אנאפיע! איך זעה ווירקליך אז איהר האט אגעפיהל פון אגעבארענע פריצה, עס איז שוין צייט איהר זאלט לעבען אגוט לעבען, דען איך האב שוין לאנג בעמערקט אז איהר זייט אנ׳עדעלע פרויא.

אנאפיעס געלעס געזיכט האט זיך וויא בעגאסען מיט אגליקליכען שימער, זייט זיא לעבט האט זיא ניכט געהערט זאלכע זיסע ווארטען אונ נאך פון אנגעבארענעם פאן, אגוטסבעזיטצער וואס האט אשיינעם נאמען אין דעם גאנצען געגענד.

זיא האט געשווינד אויס געוואשען אונ אויסגעווישט אגלאז מיט אשאל אונ האט אנגענאסען אגלאז טהייא אונ האט צוגעטראגין צו דאמבראווסקין.

דאנקע! — האט סאווין געזאגט צוגעהמענד פון איהר האנד דיא גלאז טהייא אונ אזופטאהנדיג — אויסגעצייכענטער טייא, ער שמעקט פראכטפאל.

אגאפיע האט זיך געקוויקט פון יעדען ווארט וואס ער האט פונם מונד ארויסגעלאזט, זיא איז געשטאנען אונ האט אים געקוקט אין דיא אויגען פילייכט פערלאנגט דער גינעדיגער גוטער פאן עטוואס, אונ אבוואהל זיא איז בייא זיך זייער שטאלץ גיוועזן האט זיא דאך ניכט געוואגט זיך זעטצען אין דאמבראווסקיס געגענווארט.

ווארום זיטצט איהר ניכט ליעבע אגאפיע? — האט ער זעהר פריינדליך געזאגט — אויב איהר ווילט מיר זאלען זיין גוט פריינד, זאלט איהר גאר פערגעסען אז איך בין אנגעבארענער דווארינין, איך וויל איהר זאלט מיך בעטראכטען אלס גלייכען מענשען.

אגאפיע האט זיך פערשעמט געזעצט אויף איין זייט שטוהל.

רוקט זיך צוא נעהענטער עדלע אגאפיע — האט ער מיט אזאנפטען שמייכעל געזאגט — אט אזוא, שעמט זיך ניט, איהר זייט אזא לייט וויא אלע אונזערע פריצות, איהר קאנט אייך גאר ניט פארשטעלען וויא איך אכטע אייך, פון שטענדיג אן האב איך מיט אייך מיטלייד געהאבט אונ האב זיך אליין געפרעגט פאר וואס קומט דאס אייך אזא עדעלע גוטע פרויא וויא איהר זייט זאל אזוא פערשווארצט ווערין ווערענד אזעלכע פרויען וואס דארפין אייערע שיך פוטצען לעבין אין אלע פערגעניגען אונ שפיעלען גראסע ראלען.

בייא נאט קאן מען קיין קשיות פרעגען — האט אגאפיע זיפצענד גיענטווערט — עס איז בעשערט גיוועזן איך זאל מיינע יונגע יאהר פערשווארצט ווערין, נוא געלויבט איז גאט יעצט קאן איך שוין אויך לעבין מיט לייטען גלייך, איך מוז אייך זאגען גינעדיגער הערר אז אייך מיט אייער עדלער פרויא וועל איך בעשטענדיג דאנקבאר בלייבען, וויל איהר ביידע האט מיך אין מיינע ערנסטע צייטין בעהאנדעלט גוט אונד פריינדליך.

זיין ליעבע אנאפיע זאגט דאס ניט. איך קאן פון דער וואהרהייט ניט אוועקגעהען, מיינע פרויא האט אייך ניט אזוא פריינדליך בעהאנדעלט וויא איהר זאגט, כאטש זיא איז מיין פרויא מוז איך אייך געשטעהן אז איך האסע זיא פאר איהר שטאלץ אונד גרויסקייט, זיא בעטראכט אלע מענשען וואס בעדינען זיא וויא דיא פיא.

יעצט ערשט זעה איך אז איהר זענט אוואהרער עדעלמאן — האט אנאפיע העכסט ערפרייעט געזאגט — וויא זאגט מאן עפעס: אנ׳אקס האט אלאנגען צונג און קאן ניט ריידין, איך זאג דאס טאקי אנטקעגען זיך אליין, איך האב ניט געקאנט זאגען אייער ווייבס פעהלערין, ווייל איך האב געמיינט אז אייך וועט דאס פערדריסען, יעצט אבער אז איך זעה דאס איהר אליין זענט אמבין אויף אייער ווייבס שלעכטסקייט, מוז איך אייך זאגען דיא וואהרהייט אז זיא האט אין זיך זעהר פיל פעלער.

זעהר פיעל פעהלער זאגט איהר, זיא איז דורכאויס מיט פעהלער. אייך, ווייל איך האלט אייך פאר אקלוגע און בראפפע פרויא זאג איך דיא ריינע וואהרהייט אז איך וואלט אהאלב לעבין אפגעגעבען ווען איך זאל דאדורך קאנען פון איהר בעפרייעט ווערין, איך קאן זיא אזוא ניט ליידען, דאס איך פיהל מיך העכסט אונגליקליך ווען איך זיטץ מיט איהר צוזאמען אין איין שטוב, עס מאג אבער זיין וואס עס וויל איך מוז מיך פון איהר שיידין, דען דיא וואסער איז מיר שוין געקומען ביז צום האלז, איך בין ניכט מעהר אין שטאנד מיט איהר צוזאמען צו לעבען.

איהר וועט טאהן וויא דער גרעסטער חכם ווען איהר וועט דאס בעווייזען, עס איז טאקי זעהר שווער צוא וואהנען אין איין שטוב מיט אזא מענשען וועלכען מיא האסט, דיא גאנצע וועלט וועט אייך גירעכט געבען און אלע מענער וואס האבין שלעכטע ווייבער וועלין אייער ביישפיעל נאכטאהן.

מיר איז אבער שלעכט איין זאך — האט דאמבראווסקי נאך אקורצער פויזע געזאגט — איהר ווייסט דאך נוטע אנאפיע דאס איך האב אסך ווירטשאפט, אהן אווירטהין קאן דאס אלעס צוא גרונדע געהען.

נוא איז דאס אזא שווערע זאך ארעכטע ווירטהין צוא געפינען?

וואס מיינט איהר, עס איז ווירקליך זעהר שווער צוא בעקומען אזא פרויא וואס זיא זאל מיר זיין טרייא מיט לייב אונד לעבין, אט צום ביישפיעל ווען איך זאל געפינען אזא פרויא וויא

איהר ליעבע אגאפיע זייט, וואלט איך מיט דער גרעסטער פריידע זיא אריינגענומען צוא זיך אין הויז זיא זאל בעטרעטען העלענאס שטעלע.

נוא איז דאס אייך אזוא שווער אזא פרויא וויא איך בין צוא געפינען — האט אגאפיע מיט אגליקליכער מינע געזאגט — מיר שיינט אז יעדע קלוגע פרויא וואלט זיך מיט פערגעניגען אנגעהאפט זיין דיא הויז ווירטהין ביא אזא עדעל מאן וויא איהר זייט.

דאס ווייזט זיך אייך נור אויס אזוא, שטעלט אייך פאר צום ביישפיעל ווען איך זאל אייך מאכין דעם פארשלאג איהר זאלט ביא מיר בעטרעטען העלענאס שטעלע וואלט איהר דאס געוואלט?

איך? .... איך? .... האט אגאפיע וויא פערשעמט גיענטווערט — איך וואלט קיין צווייא ווערטער איבערגירעדט און וואלט געלאפען צוא אייך.

דאס פרייעט מיך זעהר פון אייך צו הערען — האט סאווין וויא ערפרייעט געזאגט — אלזא קאן איך זיין זיכער אז באלד וויא איך וועל העלענאן פון מיין הויז פערזאגין וועט איהר צוא מיר אריינטרעטען?

יא, איך גיעב אייך מיין ווארט אויף דעם.

איך דאנק אייך זעהר טהייערע אגאפיע פאר דער טרייהייט וואס איהר ציינט מיר — האט סאווין געזאגט איהר דיא האנד רייכענד — איהר קאנט אייך גאר ניט פארשטעלען וויא גליקליך איהר מאכט מיך דאמיט וואס איהר ווילט דיא שטעלע פון מיין פערהאסטער פרויא בעטרעטין, יעצט בין איך רוהיג, יעצט וועל איך אלע קרעפטע אנווענדען מיין הויז אויסצוריינינגען פון דער פרויא וועלכע איך האססע וויא דעם טאדט, און קוים וועל איך מיין ציעל ערדייכען ווערדע איך באלד צוא אייך שרייבין איהר זאלט צוא מיר קומען, איך האלט איך ביא אייער ווארט ליעבע אגאפיע, איהר זאלט שפעטער בעהיטע גאט קיין חרטה האבין.

מיין ווארט איז הייליג — האט זיא גיענטווערט אקוקטאהנדיג מיט ליעבעפאלע בליקען אויף דעם שיינעם מאנספערזאן וואס איז וויא עס שיינט אין איהר שטערבליך פערליעבט.

דער טייל אדיע מיינע טהייערע! — האט סאווין געזאגט אויפשטעהענד פון זיין ארט — איך פאהר יעצט אהיים און ביז איך וועל פון העלענאן בעפרייעט ווערין גלויבע איך אז איהר וועט מיר ערלויבען דאס פערגעניגעז אייך אפט צוא בעזוכען.

אך איך וועל מיך גליקליך שעטצען ווען איהר וועט מיך בעעהרען מיט אייערע וויזיטען — האט זיא גיענטפערט, אונ מאן האט לייכט געקאנט אן איהר ערקאנען אז איהר הערץ איז פול פריידע.

ער האט איהר נאך אמאהל דיא האנד גערייכט אונ איז אוועק געגאנגען מיט דער פערשפרעכונג אז אין גיכען וועט ער אבערמאלס דא זיין.

אגאפיא איז אליין געבליעבין.

ווער עס האט ניט געזעהען דעם שטאלץ וואס אויף איהר געזיכט איז געלעגען אין דיעזע מינוטען, דער קאן זיך קיין בעגריעף מאכין וואס עס הייסט שטאלץ, איהר האט אויסגעזעהען אז זיא שטייט העכער פון אלע פרויען וואס געפינען זיך אויף דער וועלט. זיא האט אנגעהייבין צוא גלויבען אז זיא איז אויך דיא שענסטע פרויא אונטער דעם הימעל, דער שפיעגעל צוא וועלכען זיא איז צוגעגאנגען איהר געזיכט צוא בעטראכטען האט איהר מיינונג בעשטעטיגט, זיא האט ערשט יעצט בעמערקט דאס אבוואהל זיא איז שוין אפרויא פון איבער 50 יאהר איז זיא נאך פון דעסטוועגען בעצויבערנד שיין אונ סימפאטיש זא דאס דער גרעסטער גראף קאן זיך אין איהר פערליעבין.

ב.

אשפור פונ'ם מערדער.

איז דאס אונזער פרייליכער מונטערער יודעלע?

עס איז איהם זעהר שווער צוא ערקאנען, ער איז געווארין מאגער דאר מיט איינגעפאלענע באקען אונ טיף איינגעגראבענע אויגין. דיא נאכריכט פון קארמעליעס טאדט האט דאס אויף איהם אזא שרעקליכע ווירקונג געמאכט, דער געדאנק אז דיא שיינע אונגליקליכע קארמעליע איז אין אסטראג פערברענט געווארין האט איהם פאסט וואהנזיניג געמאכט. זיין צארין אויף דער הערצלאזער גרעפין עליזאבעטהע האט ביז דער העכסטער שטופע ערגרייכט, ער איז פערטיג גיוועזען זיין לעבין צוא פערליערען אום נור ראכע צו נעהמען פון דער אונמענשליכער פרויא וואס צוליעב איהר איז דיא שיינע קארמעליע זא יונג פון דעם לעבענסבוים אבגעפליקט געווארין, אונ נור דיא האפפנונג אן דער מעגליכקייט פון עליזאבעטהען ראכע צוא נעהמען האט איהם נאך אויף דיא פיס געהאלטען. ער האט

געשוואָרין ניכט צוא רוהען ביז ער וועט אויפווייזען פאר דער גאנצער וועלט אז קארמעליע איז אונשולדיג געקומען אין דעם אסטראג וואו זיא האט זא שרעקליך איהר לעבען געענדיגט און אין איהר טויט האט נור עליזאבעטהע שולד.

צוויא וואכען האט ער אוים פערצווייפלונג זיין צימער ניכט געקאנט פערלאסען, ער האט זעהר וויינינג געגעסין און נאך וויינינגער געשלאפען און דארום איז ער געוואָרין זא פינסטער דאס דער אלטער גרונם און אסתר האבען געגלויבט אז ער האט דיא שווינדזוכט און האבין ביטערע טרערען פערגאסען, בייא דעם געדאנק דאס זייער לעצטע טרייסט וועט באלד פון זייא צוגענומען ווערין.

ענדליך איז איהם אבער איינגעפאלען דער געדאנק דאס זיטצענדיג אזוא אין שטוב וועט ער קיין מאהל זיין ציעל ערדייכען, ער וועט קיין מאהל קיין ראכע קאנען זעהען אין דער פערפלוכטער גרעפין, דארום האט ער זיך בעשלאסען אביסעל ארויסגעהען אין שטעדטעל און הערין וואס עס טוהט זיך.

ער איז ארויסגעגאנגען אין גאס, אלע וואס האבין איהם דערזעהען זיינען פערוואונדערט שטעהען געבליעבין און האבען בעוואונדערט וואס פון אזא שיינעם געזונדען יונג איז געוואָרין אהויפען ביינער.

דאס האט איהם נאט געשטראפט פאר דעם וואס ער איז אזא הולטאי — האבין דיא הארידאקער יודען צווישען זיך גירעדט — וואס דען? אזעלכע לייט קאנען קיין נוטען סוף ניט האבין.

יודעלע האט בעמערקט וויא אלע קוקען און בעוואונדערין איהם אבער ער האט זיך דאפאן גאר ניכט געמאכט וויסען, איהם איז געלעגען זיינם אין זינען, עפעס הערין נייעס וועגין עליזאבעטהען און וועגען יאהאן קארניצקי.

ער האט זיך זעהר ערפרייעט אלס ער האט אין גאס בעגעגינט דעם אלטען בערנארד, פון איהם וועט ער דאך געוויס הערין עפעס נייעס.

וואס מאכסט דוא פריינד בערנארד? — האט ער דעם אלטען געפרעגט.

בערנארד האט איהם איינינע מינוטען אנגעקוקט און האט ערציטטערט אנגעשרייא געטאהן: דוא ביזט דאס יודא? וויא שלעכט דו זעהסט אוים, ביזט דוא קראנק גיוועזן?

יא, איך בין ניכט געזונד גיוועזן, דוא וואהנסט נאך אלס אין שלאם?

אין שלאם? זאל מיך דיא הייליגע מוטער היטען צוא וואכען (יוא"נ ח"ד)

צווישן אזעלכע טייפלען וויא עליזאבעטהע מיט יאהאנען זיינען.

וואו דען ביזט דוא יעצט ?

איך וואהן טאקי דא אין שטאדט ביא מיין שוועסטער. האסט דוא שוין געהערט יודא דיא ענדע פון אונזער ליעבער גרעפין קארמעליע ?

איך האב געהערט — האט יודעלע זייפצענד געענטווערט — נוא אונ איהר אונשולד איז נאך אלץ ניט דערוויזען געווארין ?

ליידער אינטערעסירט זיך יעצט קיינער דאמיט, ווייל מיא האלט דאס פאר איבעריג נאכדעם אלס קארמעליע איז טאדט.

איך גלויב אין געגענטהייל אז יעצט דארף מאן מעהר אלס אלע מאהל, ארבייטען אין דעם צוא בעווייזען דאס עליזאבעטהע האט קארמעליען אומזאנסט אין אבגרונד געשליידערט, ווייסט דוא ניכט וואס דער ביבעל זאגט „דער וואס פערגיסט מענשענבלוט מוז זיין בלוט אויך פערגאסען ווערין”, ווארום זאל מאן שווייגען אזא אונרעכט, אזא מערדעריא ?

איך וואלט געוויס אלעם אויפגעאפפערט אום פון דער גרעפין ראכע צוא נעהמען, אבער, געוויס ווייסט דוא פונ'ם ווערטעל: „איין שוואלב קאן קיין זומער מאכען”, וואס קאן איך אלטער שוואכער מאן אליין טאהן געגען אזעלכע קרעפטיגע רייכע לייטע.

דאס איז אבער קיין תירוץ ניט — האט יודעלע מיט פייער געזאגט — אונזער שולדיגקייט איז מיר זאלען אלע אונזערע קרעפטע אנווענדען אום דער וועלט צוא בעווייזען דאס קארמעליע וואר אנ'אפפער פון פערליימדונג אונ האס.

יא דאס איז גרינג צוא זאגען אוועקלייגען אלע קרעפטע — האט בערנארד ביטער געלאכט — דיא פראגע איז אבער צוא וועלין מיר דאמיט עפעס אויסווירקען, אז קיין רייד, קיין עדות אונ קיין שבועות העלפען דא. איך האב נאך אשטיקעלע האפנונג אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען מערדער פון דעם קינד, אבער דאס איז אויך זעהר אווייטלייפיגע זאך.

וואס איז דאס פאר אזאך ?

איך גלויב אז דאס קינד איז ערמארדעט געווארין דורך אגעלדגייעריגען סוביעקט, וועלכער האט דאס אונשולדיגע קינד אין וואסער אריינגעווארפין מיט דעם איינציגין ציעל רייך צו ווערין.

איך פערשטייא ניכט וואס פאר אריכטהום וואר פערבונדען מיט דעם קינדס טויט ?

דאס וויסען נור געציילטע מענשען, אז ביא דעם קינד

אויפן הערצען איז געהאנגען אטאליסמאן בעזעצט מיט ברילאנטען .

אטאליסמאן ? — האט יודעלע איבערראשט אגעשרייא געטאהן אלס ער האט זיך דערמאהנט אן דעם טאליסמאן וואס קארניצקי האט דערמאנט אין זיין בריעף צוא זיין פאריזשער פריינד .

יא — האט בערנארד קאלט גיענטווערט — אטאליסמאן בעזעצט מיט ברילאנטען איז געהאנגען אויף דעם קינדס האלז , דער טאליסמאן איז גיוועזן אזא אנטיקעל וואס איז דעם גראף טאבאלסקי געבליעבין פון זיינע אורעלטערין , ער האט געגלויבט אז דיא קמיע בעשיצט דעם קינד וואס טראגט איהם פון אלע קריינקען און אונגליקען , דארום האט ער איהם אויפגעהאנגען זיין ליעבין קאליאן אויף דעם האלז , איינער פון דיא שלאס איינגייהער האט געוויס דאס אנטיקעל בעמערקט און האט דאס פונם קינד געוואלט ארונטערנעהמען , צוא דעם צוועק האט ער איהם פערשלעפט אין אנ'אבגעזאנדערטען ווינקעל אין גארטין , אלס ער האט שוין זיין רויב גיענדיגט האט ער געוויס געמוזט ערהערען אגעשרייש ניט ווייט פון זיך און האט דאס קינד אוים שרעק אין וואסער געווארפען , דאס איז מיין מיינונג .

יודעלע האט גלייך געוואלט בערנארדן ערציילען פון דעם טאליסמאן וואס ער האט געלעזין אין קארניצקים בריעף , ער האט זיך אבער מישב גיוועזן אז ער זאל דאס דער וויל האלטין אינם געהיים אום ער אליין זאל הייסען דער ענטדעקער פון דעם קינדס מערדער .

עס קאן זעהר מעגליך זיין אז איהר האט רעכט — האט ער געזאגט — אבער וויא אזוא קאנט איהר אויסגעפינען בייא וועמען דער טאליסמאן געפינט זיך , וואהרשיינליך איז דער רויבער מיט דעם זעהר פארזיכטיג .

אזא זאך מוז זיך דערגעהען — האט בערנארד גיענטווערט — איך בין פעסט איבערציינט דאס דורך דעם טאליסמאן וועט מאן דעם מערדער געפינען .

דיא נאכריכט פון דעם טאליסמאן האט יודעלען נייא בעלעבט , ער איז אוועקגעגאנגען אהיים פיעל מונטערער און פרייהליכער , יעצט וואר בייא איהם קיין צווייפעל דאס קארניצקי וואר דער מערדער פון דעם קינד .

ער האט אנגעהייבין צוא קלערען וואס ער זאל יעצט טאהן און בייא איהם איז געבליעבין ער זאל אביינפאהרען אין מינסק און זאל בעווייזען דעם סלעדאוואטעל דעם בריעף וואס קארניצקי האט געשריבין צוא זיין פריינד סלאווין און זאל איהם דאבייא ערציילען דאס וואס ער האט גיהערט פון בערנארדען וועגין דעם טאליסמאן .

דער סליעדאוואטעל וועט שוין ריכטיג אויס געפינען וויא אזוא דער מארד איז צוגעגאנגען — האט ער זיך געקלערט — ארמע אונגליקליכע קארמעליע, וויא גליקליך וואלט איך געווען ווען דוא זאלסט לעבין אונ זאלסט קאנען פריא ערשיינען פאר דער וועלט מיט דעם אויסשפרוך : איך בין אונשולדיג !

טרערען האבין זיך געוויזין אין זיינע אויגען ביא דער ערינערונג פון דער ארמער קארמעליע, ער האט ערשט יעצט אנגעהייבין צוא פילען וויא צוגעבונדען ער איז צוא איהר געווען אונ דער באנד וואס האט איהם אן איהר פערקניפט וואר ניכט בלויז אבונד פון פריינדשאפט זאנדערן פון דער וואהרער שטארקער ליעבע.

איך האב נאר פערגעסין דיר צוא זאגין יודעלע — האט דיא מוטער צוא איהם געזאגט אריינקומענד מיט צוויא בריעף אין דיא הענד — מיא האט דא פאר דיר געבראכט צוויא בריעף.

ניאגיעריג האט יודעלע געחאפט דיא בריעף.

איינער איז פון אמעריקא — האט ער געזאגט געטראכטענד דיא מארקען פון דיא בריעף — דאס איז געוויס פון זיסעלען, אונ דער צווייטער ? איך וויים ניכט פון וועמען ער איז.

ער האט דעם צווייטען בריעף אויפגעעפינט אונ האט אין איהם געלעזען פאלגענדע ווארטען :

הערר פיינהערץ !

ביטע קומען זיא מארגין אום זעקס אוהר אבענדס אין מיין אימעניע ביעלאפאליע, ווייל איך וויל איהר זאלט מיין בילד מאלען, איך ווערדע אייך דאפיר זעהר גוט בעלאהנען.

גראף שווענטערעצקי.

דאס שאדט ניכט — האט יודעלע געזאגט — עס וועט אריינפאלען פרישע עטליכע רובעל, זיא וועלין מיר זעהר גוט צו נוטץ קומען.

יעצט לאמיך זעהען וואס שרייבט זיסעלע — האט ער געזאגט עפענענדיג דעם בריעף פון אמעריקא — א וואוואס פאר אלאנגער בריעף דאס איז, וויא איך פערשטייא האט מיין זיסעלע נעגוג ליידיגע צייט, אזא מגילה האב איך שוין לאנג ניט געליענט.

ער האט זיך צוגערוקט צום פענסטער אונ האט מיט גרויס ניגיעריגקייט גענומען לעזען דיא לאנגע מגילה.

דאס וואר דער אינהאלט פון דעם בריעף :

ג.

אבריעף פון יענער וועלט.

(אזויא האט זיססעלעס בריעף געלויטעט).

ליעבער פריינד!

איך בין שוין צווייא וואכען אין דער נייער וועלט, דיא וועלט וואס אונזערע אייראפייער שטעלען זיך פאר אין דער פאנטאזיע אז זיא איז פול מיט גליק אונ מיט נחת, אין דיא צווייא וואכען האב איך שוין אזויא פיל דא אנגעזעהען אונ אנגעהערט דאס איך בין אין שטאנד דיר אקליינעם בעגריעף צו געבען פון דיעזער גליקליכער וועלט.

אמעריקא איז אזא וועלט וויא אונזערע, דא זעהט מען אויף דעם זעלבען הימעל, דיא זעלבע ערד אונ אזעלכע מענשען וויא ביי אונז, זאגאר דיא זעלבע צרות וואס אונזערע מענשען האבען, געפינט מען ביי דיא היזיגע בעוואהנער, דא בעגעגנט מען אויך קבצנים אויפן טויץ, דא גיעסען זיך אויך ביטערע טרערען אין אלע גאסען.

איך האב פיינד צו זאגען, אמעריקא איז אבעסערער פלאטץ צו פערדינען געלד אלס אין אונזערע קליינע שטעדטליך, דא אז מיא קאן עפעס אנ׳ארבייט אונ מיא וויל ארבייטען קאן מען פערדינען געלד, דער פאר איז אבער דא דיא הוצאה גרעסער אלס ביי אונז, אונ דיא לופט, דיא פרישע לופט וואס איז אזויא נאטהוועגדיג פאר יעדע לעבענדיגע בעשעפנים דיא פעהלט דא, מיא זעהט דא צום ביישפיעל אין נויארק נור גרויסע פאלאטצען ריעזענהאהע הייזער וועלכע זיינען אנגעשטאפט מיט מענשען, דיא גאסען זיינען אימער פאל מיט וועגען פערד אונ פום געהער זא דאס עס איז איינפאך שווער צו אטהמען.

דאס לעבען אין אמעריקא איז זעהער שווער פאר דער ארבייטער קלאסע, דער מאן זיצט אגאנצען טאג אין שאפ (דאס איז דער ארט אדער דיא פאבריק וואו מען ארבייט), ער שוויצט דארט געבעך גאנץ גענוג צווישען דיא איבעריגע ארבייטער, אונ זיין ווייב מיט דיא פיטצליך קינדער זיטצט אין איהר ענגער דירה (דען דא האט יעדער צימער אגרויסען ווערט), זיא מוז אליין געהן איינקויפען אין מארק דאס נעטהיגסטע לעבענסמיטעל, אליין מוז זיא קאכען, ראמען, וואשען גרעט, אונ ביאנטשען איהרע קינדערלאך, דער צו איז פאסט יעדער ארבייטער וואס איז פאמיליענפאטער געצוואונגען צו האלטען אין זיין ענגער דירה אבאארדער (אקוואַרטיראַנט) אום איהם זאל ניט זיין שווער צו צאהלען דאס דירה געלד, פאר דעם באַרדער מוז דיא ארמע הויז ווירטהין אויך

(יוא״ג ח״ד)

גענוג ארבייטען אונ אזויא געהען אוועק זייערע טעג אין ענגשאפט מאנגעל אונ שמערצען.

דאס איז אויך וואהר אז אמעריקא איז אנאלדען לאנד, אבער נור פאר געצייילטע פערזאנען, דוא געפינסט דא זעהער פיעל מיליאנערן וואס יעדער איינער איז אין שטאנד אבצוקויפען גאנצע לענדער, מיליאנערן וואס ווייסען איינפאך ניט צו וואס צו טאהן מיט זייערע אוצרות, דיא אלע מיליאנען מיט אלע אוצרות האבען זייא אנגעקליעבען פון דעם בלוט אונ שוויים פון דער ארמער ארבייטער קלאסע, פון דיא אונגליקליכע וואס וויא איך האב דיר פריהער דערצייילט פערברינגען זייערע טעג אין לייידען אין אונערטרעגליכע שמערצען.

דיא אמעריקאנישע ארבייטער האבען ערשט מיט אקורצער צייט פריהער גיעפינט זייערע אויגען אונ האבען דער זעהען וויא מיא זויגט זייער מארך אונ בלוט גאר אהן רחמנות, וויא זייער גאנצע מיהע בלייבט בייא דיא עקספלואטאטארם אין דיא הענד אונ זייא (דיא ארבייטער) מוזען בעגראבען ווערען אין פרעמדע תכריכים, דארום האבען זייא זיך אלע פעראייניגט צו שטרייטען געגען דער עקספלואטאציע. אין אלע אמעריקאנישע שטעדט בעזאנדערס אין נויארק האבען זיך פון יעדע פאך ארבייט געגרינדעט איוניאן (ד. ה. אפעראייניגונג), צום בייא־שפיעל שניידער האבען זיך זייער פעראיין, סטאליער קירזשנער א. ז. וו. האבען זייערע פעראייגען. אלע יוניאנ׳ס האבען איין צוועק: ניט צו ווארפען דעם פרייז פון זייער ארבייט אונ זיך ניט לאזען בייגען אונטער דעם יאך פון דיא קאפיטאליסטען וואס ווילען דיא ארבייטער דריקען אונ שטיקען וויא מיא האט אין רוסלאנד אמאהל געדריקט דעם מוזשיק אונ דא אין אמעריקא דעם נעגער. דורך דיא יוניאנ׳ס האבען דיא ארבייטער זעהער פיעל געוואונען, ערשטענס נעהמט יעדער ארבייטער אגוטען פרייז פאר זיין ארבייט, צווייטענס ארבייט ער מיט אצייט ניט מעהר וויא פון זיעבען אוהר מארגענס ביז זעכס אוהר אבענד, דריטענס האט דא דער פאבריקאנט מורא פאר דיא ארבייטער, ניט דיא ארבייטער פאר דעם פרינציפאל, דען קוים בעהאנדעלט ער איין ארבייטער שלעכט פערלאזען איהם אלע איבעריגע ארבייטער.

איך זאג דיר יודעלע, אז ווען דוא זאלסט זעהען וויא אונזערע יודישע ארבייטער האלטען זיך דא אין אמעריקא פעסט איינער אן דעם אנדערן, וויא זייא קעמפפען מוטהיג געגען דיא עקספלואטאטארם וואלסט דוא גאר אנגעקוואלען קוקענדיג, דא אין נויארק אליין געפינען זיך ביז 50 טויזענד יודישע ארבייטער אונ דיא אלע טויזענדער זיינען צוזאמען זא פעסט פערבונדען דאס זייא רעכענען זיך פיר איין קערפער.

דורך דיא איינהייט וואס הערשט צווישען דיא יודישע ארבייטער אין אמעריקא האבען זיך אונזערע יודען געקויפט דיא ליעבע אונ אכטונג פון דער היזיגער קריסטליכער בעפעלקערונג. דער קריסטליכער ארבייטער קאן דא ניט זאגען אז דער יוד ווארפט אראפ דעם פרייז פון זיין ארבייט, ווען עס מאכט זיך אמאהל אז איין פאך ארבייטער שטרייטען געגען זייערע פאבריקאנטען אונ געהען דארום ארום לעדיג, בעקומען זייא שטיטצע פון אלע קריסטליכע פעראיינען, אונ דאס זעלבע בעקומען דיא קריסטליכע סטרייקער (קעמפפער) שטיטצע פון דיא יודישע פעראיינען.

אויסער דיא ארבייטער יוניאנ׳ס געפינסט דוא אין אלע אמעריקאנישע שטעדט פעראיינען פון אנדערע קלאסען מענשען, צום בייאשפיעל, דא זיינען פאראן זייער פיעל „לאדזשען” (קאמפאניעס) וועלכע געהערען צו איינינגע ארדענס, דער צוועק פון דיא לאדזשען זיינען, דאס יעדער מיטגליעד וואס געהערט צו זייער פעראיין בעקומט שטיטצע אין אנאטהספאל, אנארצט אין זיין קריינק, בעערדיגונג נאך זיין טויט אונ 500 אדער 1000 דאללאר בעקומט זיין ווייב נאך זיין טויט אדער ער בעקומט זייא נאך זיין ווייבס טויט, דיא לאדזשענברידער זיינען זא פערבונדען צווישען זיך דאס יעדער אינטערעסירט זיך פאר אלעמען אונ אלע פאר יעדען איינציגען, דאס איז זעהער אוויכטיגע ערהאבענע זאך.

עס זיינען אפילו דא צווישען דיא לאדזשען אזעלכע וואס יעדער מיטגליעד האט נור זיך אין זינען אונ פאר דיא איבעריגע ארט איהם גאר ניט, זא צום בייאשפיעל האב איך געזעהען וויא איינער וואס זיין לענדוארד (הויזווירטה) האט איהם מיט זיינע בעביבעס ארויס געווארפען פון זיין דירה אויף דער גאס דער פאר וואס ער האט קיין רענט (דירה געלד) ניט אבריינגעטראגען, דער אונגליקליכער איז געלאפען צו זיינע לאדזשענברידער בעטען רחמים מיא זאל איהם העלפען, האט מען איהם זעהער פריינדליך געענטפערט דאס ער מוז נאך ווארטען עטליכע טעג ביז מיא וועט זיך מישב זיין וואס צו טאהן פון זיינט וועגען, דוא פערשטעהסט וויא עס שמעקט אזא אנטווארט אין דער צייט ווען דיא ווייב מיט דיא קינדער מיט דאס גאנצע בעלי הבתישקייט ליעגט אויף דער גאס?

נור וויא דיא זאך איז, דיא פעראיינען ברייגגען גרויסע נוטצען אין אלגעמיין אונ פאר אונזערע יודען זיינען זייא אגליק.

איך בין ניט אין שטאנד דיר אוים צו שרייבען וויפיעל וואהלטהעטיגע אנשטאלטען אין נויארק געפינען זיך, האספיטעלער לעצעבניצעס, ווייזענהייזער פריוטען פאר אלטע לייטע וויא אויך פינדעלהייזער זיינען דא

פאראן זעהער פיעל, אונזערע יודען האבען בעזאנדערע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, אבוואהל זייערע קראנקע און יתומים נעהמט מען צו אין דיא אלגעמיינע אנשטאלטען וואס זיינען געגרינדעט געווארען אויף דעם רעכנונג פון דער שטאדט.

דיא אלע יודישע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען האבען געגרינדעט דיא יודען וואס זיינען שוין לאנג דא און טראגען אויף זיך דעם נאמען „רעפארמער" ווייל זייא זיינען זעהער רייך און ווילען וויזקליך טאהן גוטעס מיט זייערע ארמע ברידער, ליידער אבער פערפעהלען זייא זייער ציעל, ווייל זייא אליין קאנען זיך מיט דיא וואהלטהאטען ניכט בעשעפ־טיגען און מוזען זיך בעדינען מיט פרעמדע הענד און דיא פרעמדע הענד האבין זייערע טאשען מעהר אין זינען אלס דיא ארמע לייט פאר וועלכע זייא דארפין זארגען.

זא צום ביישפיעל איז דא פאראן אוואהלטהעטיגער אנשטאלט מיט דעם נאמען united Hebrew Charities „יונייטעד היברו טשאריטיעס" (פעראייניגטע יודישע וואהלטהעטיגע געזעלשאפטען) אין דער אכטער סטריט (גאס) און דארום רופען אונזערע יודען דעם אנשטאלט: „דיא אכטע סטריט", דער אנשטאלט איז זעהר רייך און זיין צוועק איז צו שטיטצען דיא יודישע ארמע לייט אין אלגעמיין און דיא רוססישע איינוואנדערער אינם בעזאנדערס.

וועה אבער און ווינד איז דעם אונגליקליכען וואס מוז זיך ווענדען אין דער אכטער סטריט אום הילפע, מיא באטראכט איהם דארט ניכט אלס מענשען זאנדערן אלס הונד, מאן רייצט זיך מיט איהם, ער הערט זאלכע שימפפווארטען וואס צאפין פון איהם אוים זיין גאנצעס בלוט, און אז מיא ווארפט איהם שוין יא צוא אביינדעל קריינקט ער דאס אוים דורך דיא פילע עגמת נפשו וואס ער האט דאביי געהאט.

דיא אכטע סטריט שיקט אוועק רוססישע יודישע יונגע לייט אויף איהרע הוצאות אין דיא פאבריקען פון דער קאנטרי (פראווינץ) זייא זאלען דארט ארבייטען, דיעזע ארמע מענשען ווערין אין דיעזע פאבריקען בעהאנדעלט וויא דיא שקלאפען, ריכטיגער געזאגט וויא דיא פערד, זא דאס ווער פון זייא עס האט נור אין זיך אמענשליך געפיהל אנטלייפט פון דארט וואהין דיא אויגען טראגין איהם.

דיא וואס גיעבין געלד אויף דער אכטער סטריט מיינען אז דורך זייער געלד ווערין געהאלפין פיעלע אונגליקליכע, זייא ווייסען אבער ניכט דאס דאפאן געניסען נור זייערע פערטרויעטע בעאמטע וואס זיינען בעפאלמעכטיגט צו העלפין דיא ארמע.

אָ דיא אָרְמֶע רוּסִישֶׁע אײנוואַנְדֶערֶער! פַאסְט יֶעדֶען טָאג בֶּעגֶעגְן איך וויא מֵיא פִיהרט גַאנְצֶע וֶועגֶען אָנְגֶעלָאדֶענֶע מִיט דיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע, דָא איז מַאן שׁוֹין דאצו אַזוֹא גֶעוָואהנְט גֶעוָוארִין דָאס מֵיא לַאכְט פוּן זֵייא אוּנ מֵיא שְׁרַייט: „מֵיא פִיהרְט וֶועגֶען מִיט גְרִינֶע".

„גְרִינֶע" הֵייסֶען דָא דיא פְרִישֶׁע מֶענְשֶׁען וָואס קוּמֶען אַהֶער פוּן אֵייראָפָּא, פַאר קֵיין אײנוואַנְדֶערֶער פַאסְט אָבֶּער דֶער נָאמֶען נִיט אַזוֹא וויא פַאר אוּנְזֶערֶע רוּסִישֶׁע יוּדֶען, דֶען זֵייעֶרֶע גֶעזִיכְטֶער זֵיינֶען ווירְקְלִיךְ גְרִין וויא גְרָאז, פוּן זֵייעֶרֶע פֶערְקְנֵייטְשְׁטֶע שְׁטֶערִינְס לֵייעֶנְט מַאן דיא שְׁמֶערְצֶען פוּן זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, בַּאלְד וויא זֵייא קוּמֶען אַרַיין אִין דֶעם גָאלְדֶען לַאנְד פֶערְשְׁטֶעהֶען זֵייא שׁוֹין אַז קֵיין הָאנִיג וֶועלִין זֵייא דָא אַזוֹא גִיךְ נִיט לֶעקֶען, פִילַייכְט שְׁפֶּעטֶער, שְׁפֶּעטֶער וֶוער ווייסְט וֶוען? ......

שְׁרֶעק זִיךְ אָבֶּער נִיכְט לִיעבֶּער יוּדֶעלֶע, מֵיין נִיט אַז דָא איז דוּרְכְאוֹיס בִּיטֶער אוּנ פִינְסְטֶער, דָא זֵיינֶען אוֹיךְ פַארַאן טוֹיזֶענְדֶער גְלִיקְלִיכֶע וָואס פִיהלֶען אָטֶעם פוּנ'ם לֶעבֶּען, טַאקִי צְווִישֶׁען דיא אַרְבֵּייטֶער זֵיינֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס פִילֶען זִיךְ זֶעהר גְלִיקְלִיךְ, דָאס זֵיינֶען אַזֶעלְכֶע אַרְבֵּייטֶער וָואס אִין רוּסְלַאנְד הָאבֶּען זֵייא פֶערְדִינְט קוֹים אוֹיף בְּרוֹיט מִיט קְרוּפְּנִיק אוּנ דָא פֶערְדִינֶען זֵייא גֶענוּג גֶעלְד צוּ עֶסֶען פְלֵייש אוּנ נָאךְ גֶעהֶען אֵיין מָאל אַוָואךְ אִין טְהֶעאַטֶער, דיעזֶע לֵייטֶע פִיהלֶען דָא קֵיין מַאנְגֶעל ווייל אִין זֵייעֶר אַלְטֶער הֵיימַאטְה זֵיינֶען זֵייא פֶערְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארִין וויא מֵיא זָאגְט אוֹיפֶן פוּד. דָארְט הָאבִּין זֵייא גֶעאַרְבֵּייט אִיבֶּר דיא קְרֶעפְטֶע פַאר דֶעם טְרוּקֶען שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט, דָא וֶוענִיגְסְטֶענְס הָאבִּין זֵייא פַאר זֵייעֶר שְׁוֶוערֶער אַרְבֵּייט אַשְׁטִיקֶעל פְלֵייש אוֹיךְ. זֵייעֶרֶע ווייבֶּער וֶועלְכֶע הָאבֶּען אִין דֶער הֵיים כָּל עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ גֶעטָאהן טוּעֶן דָא זֵייעֶרֶע אַרְבֵּייט מִיט פֶערְגֶעניגֶען אוּנ דַאנְקֶען צֶעהן מָאהל אַטָאג גָאט פַאר דֶער נֵייעֶר הֵיימַאטְה וָואס עֶר הָאט זֵייא צוּגֶעשִׁיקְט.

אַי בְּרִידֶער! הָאסְט דוּא בֶּעדַארְפְט זֶעהֶען וויא דיא זֶעלְבֶּע ווייבֶּער וָואס הָאבִּין אִין דֶער אַלְטֶער הֵיימַאטְה גֶעהַאפְּט פוּן זֵייעֶרֶע מַאנֶען פֶּעטְשׁ מִיט קוּלַאקֶעס נָאר אָהן אַצָאהל, לֶערְנֶען דָא מִיט זֵייעֶרֶע מַאנֶען בָּלָק, ווייל זֵייא ווייסִין אַז דָא זֵיינֶען זֵייא דיא יַחְסָנְטֶעס, ווייל אִין אמעריקא איז לֵיידִים פוּסְט (דיא פְרוֹיעֶן צוּם עֶרְשְׁטֶען) ס'הֵייסְט: דיא פְרוֹיעֶן שְׁטֶעהֶען דָא הֶעכֶער אַלְס דיא מֶענֶער.

דיא אַמֶעריקַאנֶער וָואס הָאבֶּען דוּרךְ זֵייעֶר אָבְּשַׁאפְפוּנְג דיא נֶעגֶער שְׁקְלַאפֶערַייא גֶעוויזֶען דֶער וֶועלְט אַז זֵייא אִינְטֶערֶעסִירֶען זִיךְ זֶעהר פַאר דיא שְׁוַואכֶע אוּנְד אוּנְטֶערְדְרִיקְטֶע, דיא זֶעלְבֶּע אַמֶעריקַאנֶער הָאבֶּען דֶער פְרוֹיא ווייל זִיא איז שְׁוַואכֶער פוּנ'ם מַאן מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרָכָה דָאס הֵייסְט זֵייא פֶערְטְהֵיידִיגֶען זֶעהר

שטארק דיא עהרע אונ דעם עקסיסטענץ פון דעם ווייבליכען גע-
שלעכט .

קיין מאן דארף דא וואגען אפרויא צו בעליידיגען , פון שלאגין איז גאר קיין רעדע ניט , יעדער מאן איז פערפפליכטעט צוא זארגין פאר זיין פרויא איהר זאל גאר ניכטס פעהלען אונ ווען דיא פרויא קלאגט זיך פאר דעם געריכט אז דער מאן גיט איהר ניט עסען ארעסטירט מאן איהם באלד אונ מיא צווינגט איהם אין געפענגעניס צוא ארבייטען , דעם לאהן פאר זיין ארבייט שיקט מאן אב זיין ווייב .

פערקלאגט אמעדכין איינגען מאן אז ער האט איהר פערשפראכין זיא צוא הייראטין אונ ער האט חרטה געהאט , נעהמט מאן דעם בחור באלד אריין אין געפענגעניס אונ מיא האלט איהם דארט אזוא לאנג ביז ער שרייט גוואלד רוצה אני איך וויל מיט איהר חתונה האבען .

דא קאן אמאן פון זיין פרויא פאר קיין פאל ניט פטור ווערין ער מאג זיא האסען וויא דעם טויט אונ זיא מאג איהם צעהן מאהל אין טאג מאכין דיא פגירה , מוז ער זיך מיט איהר האלטען סיידען ער קאן בעווייזען פאר דעם געריכט אז זיא לעבט מיט אנ-
אנדערין .

גאך דיא אלע זאכין פערשטעהסט דוא שוין וואס פאר ארא לייע דיא ווייבער שפיעלען דא , בפרט אונזערע רוססישע יענטעס אלס זייא ערפאהרען דא פון זייער יחוס . זעהר אפט הערט מאן וויא אזעלכע יענטעס שרייען צוא זייערע מאנען : אט געה איך דיך ארעסטען , פילע זייגען דאס טאקי מקיים , זייא פערקלאגין זייערע מאנען אומ-
זיסט אונ אומגישט אונ ביז עס ערקלערט זיך אין געריכט אז ער איז אונשולדיג קריינקט ער אב אהיבשע צייט אין פינסטערין קערקער. עס טרעפען דא נאך שענערע זאכין , אפרויא פערליעבט זיך אין אפרעמדין מאנספערזאן אונ ער וויל איהר אויך ענטווערין מיט ליעבע אבער זייא האבין ביידע מורא פאר איהר מאן , דאצו האבין זייא אפשוט מיטעל , זיא פערקלאגט איהם אז ער איז איהר ניט מפרנס אונ דאדורך ברייגגט זיא איהם אויף אלאנגע צייט אין געפענגעניס , אין דער צייט לעבט זיא זיך וויא אמלכה מיט איהר געליבטען אונ זיא הייסט נעביך דיא אונגליקליכע , נוא וויא געפעלט דיר דער היגער לוידים פויסט ?

ניט אומזיסט זאגט מאן אז איראפא שטעהט פון אויבען איבער דעם ערדקוגעל אונ אמעריקא איז פון אונטען , דען אין מאנכע

זאכען איז דא ווירקליך אפערקעהרטע וועלט , ביי אונז האבין דיא מאנען דיא ממשלה אונ דיא פרויען ליעגען אין דער אדמה , אונ דא האלטען דיא ווייבער דיא לייצין אין דיא הענד אונ דיא מאנען ליעגען ניין קלאפטער אין דער ערד . ביי אונז שפיעלען דיא געלעהרטע לייטע אגרויסע ראליע אונ דא האבין אלע אונזערע געלעהרטע קיין ווערטה , דאס קאנסט דוא פערשטייהן פון דעם אז פאסט אלע געבילדעטע מענער וואס קומען אהער פון רוססלאנד , ווערין דא איינפאכע בעלי מלאכות .

אין אצווייטין בריעף וועל איך דיר בעשרייבין אנדערע וויכטיגע זאכען וואס אונזערע רוסישע יודען וועט דאס שטארק אינטערעסירען , יעצט וועל איך דיר שרייבין עטוואס וועגען מיר אונד מיינע עלטערן :

דוא ווייסט דאך אז מיין פאטער האט זיך פארגעשטעלט גאנצע גליקען אין אמעריקא , ער האט געמיינט אז וויא ער קומט אן אין נויארק מאכט ער באלד גישעפטין פון וועלכע ער וועט זעהר גיך אמיליאנער ווערין , לייִדער אבער האט ער זיך איבערציינגט אז ער האט נור אגוטען חלום גיזעהן , אין אמעריקא טרעפין ניכט זאלכע נסים וויא יענעם חסיד האט געטראפין וואס איבער איין נאכט האט איהם אליהו הנביא געמאכט פאר אמיליאנער , דא מוז מאן גוט פערשווארצט ווערין איידער מיא דערלעבט צוא זעהען אשטיקעל קאפיטאל , דיא היגע גליקען פון וועלכע מאן ערצעהלט זיך אן אין רוסלאנד האט מאן שוין וויא עס שיינט לאנג אויסגעהאפט , מיין טאטע געביך ווייס ניט צו וואס זיך צו חאפין , מאכין אגישעפט האט ער ערשטענס זעהר ווייניג געלד , צווייטענס דארף מען זיין גענוג פראקטיש מיא זאל קאנען אין אמעריקא אויסזוכען אזא גישעפט פון וועלכען מיא זאל קענען פראפיטירען , ער האט שוין געוואלט אוועקווארפין דיא חרפה אהן אזייט אונ ווערין אפשוטער מלמד , דאס איז אבער דא אויך קיין גישעפט ניט , ווייל ערשטענס געהען דא אלע קינדער אין דיא סקולען (שולען) וואו מיא לערינט זייא אהן געלד , מיא גיט זייא זאגאר אלע געטהיגע ביכער אונ פאפיר צום שרייבין אומזאנסט , האבין זייא דארום קיין צייט צו געהן אין אחדר לערנען יודיש , צווייטענס זייגען דא פאראן גענוג תלמוד תורות מיט דיא בעסטע העברעאישע לעהרער וואו מיא לערינט אלעם אומזאנס אונ דיא עלטערין וואס ווילען שוין יא שיקען זייערע קינדער נאך דעם אלטמאדישען ארט אין אחדר דיא צאהלען זעהר אקליינעם פרייז פון וועלכען מאן קאן קיין לעבין מאכען .

פאר דעם טאטען איז נאך געבליעבין איין געשעפט צו ווערין אפעדלער .

(יוא"ג ח"ד) אפעדלער

אפעדלער הייסט אויף אונזער לשון „קאראבעלניק״ , ער טראגט ארום פערשיעדענע סחורות אויף דיא אקסלען אדער אין אקאשיק צו פערקויפין , דא אין אמעריקא איז פעדלערייא אמלאכה בזויה , ווייל דיא אמעריקאנער זיינען געוואהנט געווארין שווער צו ארבייטען , אבער ארום געהען מיט וואארע איבער דיא הייזער זיך בעטין ברחמים מיא זאל ביא זייא עפעס קויפען דאס הייסט אין דער נייער וועלט שנאררערייא (בעטלען), דארום פעראכטעט מאן זעהר דיא פעדלער .

און אין דער טהאט איז דיא פעדלערייא זעהר אשמוטציגע זאך, מיא מוז צו לאסט פאלען אויף רוהיגע מענשען , מיא איז געצוואונגען אויסצוהערין אלערלייא שימפווארטין , וויא אפט רייצט מען אן אויף אפעדלער דיא הינד אלס ער קומט אריין אונגעבעטען אין אהויז מיט זיין פעקעל סחורה .

אין איין זאך איז אפילו דיא פעדלערייא זעהר גוט , דען דער גרינער ווערט דורך דעם וואס ער טראגט ארום זיינע סחורות איבער אלע דערפער און הייזער גיך בעקאנט מיט דעם היזיגען מסחר און מיט די היגע זיטען און דיא הויפטזאכע מיט דער ענגלישער שפראכע , מיר זעהען אין אמעריקע פיעלע יודישע מיליאנערין וואס זיינען אמאהל געוועזען איינפאכע פעדלער , אבער וויא באלד דיא ארבייט איז היא אשאנדע האבין זיך אונזערע יודען בעדארפט פון איהר ערווייטערין , צום אונגליק אבער זיינען פארט אלע פעדלער לויטער יודען , דאס ווארפט אגרויסען שאטען אויף אלע אמעריקאנישע יודען , דען דא געפינען זיך אויך פיעלע אנטיסעמיטען וואס חאפען זיך אן אן יעדער קלייניגקייט און בענוטצין זיך דאמיט אלע יודען צו שענדין .

אמעריקא מאג זיין געבענטשט דערפאר אליין וואס דער אנטיסעמיטיזם האט דא אונטער זיך קיין פעסטען באדען , דא זיינען אלע נאציאנען גלייך , דער קריסט קאן דא ניט זאגין צום יודען דוא ביזט דא פרעמד , ווייל אמעריקא וויא דיר איז בעקאנט , איז אוועלט וואס קאלומבוס האט מיט עטליכע יאהר הונדערטע צוריק געפונען , זיא וואר בעזעצט מיט אינדיאנער ווילדע מענשין , און פון יענער צייט אן האבין אויס אלע וועלט טהיילען אנגעהייבין צוא פאהרין מענשין אהער און עד היום קומען דא צו יעדעס יאהר ביא אהאלב מיליאן פרישע איינוואנדערער , אלזא זיינען אלע אמעריקאנישע בעוואהנער דא פרעמד , ריכטיגער געזאגט היימישע און דער יוד איז דא אגלייכער פריין מיט דעם קריסט , דארום האט דא קיין קראפט דאס בילען פון דיא אנטיסעמיטישע הינד אויף דיא יודען , דער יוד לעבט דא וואו ער וויל און בעשעפטיגט זיך מיט וואס ער וויל ריכטיג וויא ער זאל זיטצען אין

זיין

זיין אויגין לאנד , דער יוד קאן דא . דיא גרעסטע שטעלע אין דער רעגיערונג בעטרעטין , ער קאן דא זאגאר פרעזידענט פון גאנץ אמעריקא , פון אלע פעראייניגטע שטאאטען ווערדען .

נור איך האב מיך ווייטער פערהערדט וועגען זייטיגע זאכען , וועהרענד איך וויל דיר ערצעהלען פון זיך זעלבסט אונ פון מיין פאמיליע .

וויא איך האב דיר שוין געשריבען פריהער איז פאר מיין פאטער געבליבען איין וועג צו ארבייט אין דער פעדלערישער וועלט , מיינע שוועסטער וואס פאהרענדיג אהער האבען זיא פאר זיך געבויט גאלדענע לופטשלעסער אונ האבען געמיינט אז באלד וויא זיא קומען אן אין קאסטעלגארדען וועלען אנלייפען רייכע חתנים אונ וועלען זיא אויס חאפען , דיא שוועסטער האבען זיך שוין אין דער קורצער צייט וואס זיא זיינען דא איבערצייגט דאס זיא האבען אויך נור זיסע חלומות געזעהען , אז אמעריקא איז ניט אזויא ארם אין מיידלאך וויא מיא מיינט ביא אונז , דא זיינען פאראן אהן עין הרע אזויא פיעל צייטיגע מיידלאך דאס יעדער בחור קאן זיך אויס קלייבען אכלה צווישען טויזענדער אונפערהייראטהעטע פרויען .

נור פון דעסט וועגען איז אמעריקא פארט אגליק פאר ארמע מיידלאך , ערשטענס פערדינען זיא דא געלד , יעדע מעדכען וואס קאן נור אשטיקעלע ארבייט איז אין שטאנד צו פערדינען וועניגסטענס פינף דאללאר דיא וואך , צווייטענס איז זיא דא לייכטער צו בעקומען אחתן אלס ביא אונז , דוא ווייסט דאך יודעלע אז ביא אונז ווען אפאטער וויל חתונה מאכען אטאכטער מוז ער איהר געבען וועניגסטענס עטליכע הונדערט רובעל נדן אחוץ קליידער מתנות אונ חתונה הוצאות , דא אבער קוקען ניט דיא חתנים אויף אזעלכע גליקען , דא באדארף נור דיא כלה געפעלען דעם חתן נעהמט ער זיא וויא זיא שטעהט אונ געהט , ביידע ארבייטען נאך דער חתונה אונ לעבען זיך גאנץ גליקליך אונ צופריעדען . איך האב שוין געזעהן אזעלכע חתנים אונ כלות וואס צו זייערע תנאים האבען ביידע ניט געהאט קיין געלד אפילו צו שיקען נאך אפלעשעל שנאפס אונ לעקיך , אונ דאך איז דער שידוך געשלאסען געווארען , ביידע זיינען געוועזען פעסט פערזיכערט אז פון הונגער וועלען זיא ניט שטארבען ווייל יעדער פון זיא קאן פערדינען געלד .

דיא היגע חתונות זיינען אויך מערקווירדיג , דער גרעסטער טהייל האכצייטען ווערען אבגעשפיעלט אזויא וויא ביא אונז אין גרויסע זאלען מיט כלי זמר אונ מיט אבדחן , אבער עס זיינען דא אזעלכע חתונות וואס שפיעלען זיך אב ניט אין זאלען אהן כלי זמר אהן אבדחן אונ

אהן מחותנים, אזעלכע חתונות שפיעלען זיך אב אין קארט (אין סוד), ביידע דער חתן מיט דער כלה געהען אריין אין סוד, זייא זאגען דעם ריכטער אז זייא ווילען חתונה האבען, דער ריכטער הייסט זיך זייא צוקושען און גיט זייא ארויס אפאפיר אז זייא זיינען מאן און ווייב, דאמיט ענדיגט זיך דיא גאנצע חתונה.

גיפעלט דיר עפעס אזא חתונה? נור דיר מאג זיא יא געפעלען צו ניט, דורך איהר ווערען אבער צווייא מענשען אזויא צוזאמענגעבונדען דאס זייא קאנען זיך ביז זייער טויט ניט אברייסען איינער פונ'ם צווייטען.

מיינע שטאלצע שוועסטער וואס האבען געמיינט אז זייא וועלין דא לעבען וויא דיא גרעפינס האבען יעצט אראפ געלאזט דיא נעז און זייא זיינען פעסט בעשלאסען אנהויבען צו ארבייטען, ביידע זיינען זייא געזונדע מיידען און זייא קאנען מיט דער צייט פערדינען אסך געלד, דאס וועט זיין אהילף פאר מיין ארמען פאטער און פאר מיין גאנצע פאמיליע.

דיא מעלה האט אין זיך אמעריקא דאס וואס מעהר קינדער עלטערן האבען זיינען זייא דאדורך גליקליכער, ווערהענד ביי אונז אין רוסלאנד זיינען ביי אונזרע יודען אסך קינדער דאס גרעסטע אונגליק, דיא אורזאכע דאפאן איז זעהר איינפאך, אין רוסלאנד מוז דער פאמיליענפאטער אלע זיינע קינדער טראגען נור אויף זיינע פלייצעס, ער האלט זייא אויף זיינע אקסלען ביז זייער חתונה, נאכהער מוז ער זיך בדלות שטעלען אום זייא חתונה צו מאכען, מאנכע גיעבען זייערע קינדער זאגאר נאך דער חתונה איינינע יאהר קעסט, דאס נעמט אוועק ביי דיא עלטערען זייער געזונד און זייער געלד, דא אבער אין אמעריקא איז גאר אנדערש, דא איז אנ'עולם המעשה יעדער איינציגער מוז היר ארבייטען, קוים הויבט דאס קינד אן אונטער צו וואקסען געוועהנט מען עס שוין צו דער ארבייט, דא זעהט מען זעהר אפט וויא קליינע צוועלף יעהריגע קינדער פערדינען איינינע טאהלער אוואך, וואס מעהר קינדער דיא עלטערען האבען דעסטא מעהר געלד געפינט זיך אין זייער קאמאדע, דען דאס גאנצע געלד וואס דיא קינדער פערדינען ברייגגען זייא אפ דיא עלטערען, אז דיא קינדער דארפען הייראטהען פארדערן זייא ביי דיא עלטערן קיין נדן זאגאר קיין קליידער, און ווען דיא עלטערען העלפען יא זייערע קינדער הייסט דאס אגרויסער חסד פון זייא.

קורץ און גוט מיינע שוועסטער פאנגען אן צו ארבייטען.

און איך?

זאל אונז ביידען אזויא קיין שלעכטס וויסען וויא איך וויים ניט

(יוא"ג ח"ד) וואס

וואס צו טאהן, מיין האפנונג וועגען סטודירען מוז איך אויפגעבען, ווייל דאס איז זעהר אשווערע זאך, אנלייגען זיך אויף מיין פאטער וויל איך ניט אונ אום צו סטודירען דארף מען האבען אסך געלד, דאצו מוז איך מיך נאך צוגרייטען צו אנ'עקזאמען אונ ווער ווייס צו איך וועל דאס קענען, דוא ווייסט דאך אז אין אונזער שטעדטעל האב איך זעהער וועניג גילערינט.

דער ווייל בין איך גאר אצודולטער גאר צוליעב אנ'אנדער זאך צוליעב מיין געוועזענער כלה ראזע גלאנץ.

איך האב זיא אויפגעזוכט, זיא ארבעט אין אשאפ אונ פערדינט צעהן דאללאר אוואך, דאס איז שוין ניט מעהר דיא עדלע פריילין ראזע וואס האט געמיינט אז דיא ערד האט אזכיה וואס זיא געהט אויף איהר ארום, דיא זעלבע ראזע ווייס יעצט נור פון איין זאך „פערדינען געלד", זיא ארבייט פון זיעבען אוהר מארגענס ביז זעכס אבענדס, זיא האט זיך זעהר ערפרייעט אלס זיא האט מיך דער זעהן, איך האב שוין געמיינט אז איך האב מיין אוצר צוריק געפונען, לײדער אבער האב איך מיך איבערצייגט אז מיין שאטץ איז אין אנדערע הענד אריין געפאלען, דאס הייסט מיין ראזע האט שוין געפונען אנ'אנדער יונגען מאן וועלכען זיא האט איהר הערץ אוועק געשענקט, איך האב זיא איינינע מאהל בעגעגינט ארומגעהענדיג געארעמט מיט אשיינעם יונגען מאן, ווער ער איז ווייס איך נאך ניט, דוא קאנסט זיך פארשטעלען מיינע שמערצען, איך בין שוין געוואָרין אויף איהר אזויא אין כעס דאס איך האב זיך בעשלאסען ניט מעהר פון איהר צו דענקען אבער מיך ציהט פארט צו איהר אונ אז איך קום מיט איהר צוזאמען רעדט זיא צו מיר אזויא פריינדליך דאס איך מיין אז זיא האט מיך נאך אלץ אזויא ליעב וויא פריהער, איך האב מיך ניט געשעמט אונ האב זיא אפען געפרעגט: ראזע זאג מיר צו קאן איך נאך האפען דוא זאלסט מיינע זיין? אויף דער פראגע האט זיא מיר מיט אליעבליכען שמייכעל גיענטפערט: מיר האבען נאך גענוג צייט וועגען דעם צו שפרעכען, היינט דערגעה אטאלק....

מיין שיפסשוועסטער בערטהא האב איך נאך ניט געזעהען זייט מיר זיינען פון דער שיף אראפ געגאנגען, איך האב איהר אדרעסע פערלארען אונ ווייס ניט וואו זיא צו זוכען, דא אין אמעריקא איז זעהער שווער אמענשען אוים צו געפינען, ווייל קיינע פאשפארטען פאדערט מען דא ניט, אונ קיין אדרעסנער סטאל איז דא אויך ניטא, היינט געה זוך אשפילקע אין אגרויסען ים.

(יוא"נ ח"ד)

שרייב

שרייב מיר ליעבער פריינד בריעף וויא געהט דאס דיר, וואס הערט זיך בייא אונז אין שטעדטעל.

איך פערבלייב דיין געטרייער פריינד.

זיסעל דארף

P. S. איך שיק דיר דאס ליעד וואס איך האב געמאכט וועגען אמעריקא, דאס ליעד וועל איך אריינגעבען אין איינע פון די היזיגע יודישע בלעטער, דאס ליעד הייסט:

דיא נייע וועלט.

דיא נייע וועלט, דיא נייע וועלט,
געהנליך איז זיא צו דער אלטער,
דא יאגט מען זיך אויך נאך דעם געלד
„דאללאר" איז דא דער פערוואלטער.
האסט דוא געלד איז דיר דאן גוט,
ביזט דוא ארם שפייסט דוא מיט בלוט.

דיא נייע וועלט איז אויך ניט פאל
מיט דיא גליקען וואס מיר מיינען,
מענשען ארמע גאר אהן אצאהל
זעהט מען אויך דא ביטער וויינען.
צרות ליידען גאר אהן שיעור
זעהסט דוא זעהער אפט אויך היר.

דא ליעגט קיין גאלד אין דיא גאסען
דא איז נאך ניט דער פאראדיעס
דא וויים מען אויך פון בילען, האסען
דא האפט מען אויך גאנץ אפט אביס.
דא האסט דוא אויך היטץ אונ קעלט....
טרוימע ניט פון דער נייער וועלט.

דאס ליעד מיין פריינד איז קורץ אבער ריכטיג, איך גלויב אז זיא וועט דיר געפעלען, ווען זיא וועט זיך אבדרוקען וועל איך דיר אריינשיקען דאס בלאט אין וועלכער זיא וועט ערשיינען.

דער זעלבער

ד.

ביא דער מכשפה.

אין אקליין שטיבעלע אונטער דעם שטעדטעל הארידאק וואו דיא אלטע כשוף מאכערין נאסטאסיא וואהנט, זעהען וויר יעצט אונזערע ביידע בעקאנטע יונגע לייט, דעם דענענבורגער ישיבה בחור מיט זשוליק דעם גנב.

נאסטאסיע דיא כישופמאכערין וואר בעריהמט אין דעם גאנצען געגענד, מיא האט פון איהר ערצעהלט מערקווירדיגע וואונדער, וויא זיא זאגט יעדען מענשען זיין פערגאנגענהייט אונ צוקונפט, וויא זיא טרעפט ווער דער גנב איז ווען מען בעגנבעט יעמאנדען, בעזאנדערס איז זיא געוועזען זעהער געריהמט דורך דיא ליבעגעטרענקע וואס זיא פלעגט פערקויפען, אלע האבען געגלויבט אז דורך דיא געטרענקע וואס זיא גיבט קאן מען יענעמ'ס הערץ אבקויפען אונ איהם אפייערינע ליעבע אויפפלאמען, מען האט אויך געגלויבט אז נאסטאסיע האט געשעפטען מיט מתים, שדים זאגאר מיט דעם טייפעל אליין.

דיא הארידאקער יודען אונ יודענעס פלעגען פאר דער אלטער נאסטאסיען ציטערן זיא זאל זייא חלילה קיין כשוף אבטאהן, דאך פלעגען זיך אמאהל אין דיא פינסטערע נעכט אריינגנבענען צו איהר זאלכע פרויען וואס האבען בעמערקט אז זייערע מאנען האבען זייא ניט ליעב, אדער עגונות וואס זייערע מאנען האבען זייא אוועק געווארפען, ביא דער כשופמאכערין האבין זייא געזוכט הילף אונ האבען איהר אבגעגעבען דאס לעצטע וואס זייא האבען געהאט אבי זיא זאל זייא העלפען.

סטאסיע איז שוין שיינע עטליכע מאהל אין אסטראג אויך געזעסען דער פאר וואס מען האט פיעל מאהל ביא איהר געפונען געגנבעטע זאכען, אבער זיא האט שכל געהאט זיך ארויס צו דרעהען פון געפענגנים דורך דיא מתנות וואס זיא האט געשענקט דעם הארידאקער פריסטאוו.

יעצט זעהן מיר ביא איהר אין שטיבעל דעם דענענבורגער ישיבה בחור מיט זשוליק דעם גנב.

דאס איז געוועזען אין יענעם אבענד ווען דיא ביידע האבען זיך בעגעגענט אין מיטען גאס.

זשוליק האט זיין ליעבען חבר איינגעלאדען צו זיך אין קווארטיר, דיא אלטע נאסטאסיע האט מיט רעספעקט געקוקט אויף דעם גאסט וואס זשוליק איז מיט איהם אזויא בעפריינדעט.

מוהמע! — האט זשוליק צו איהר מונטער אגעשרייא געטאהן — שטעלט ארויף אויף דעם טיש וויפיעל שנאפס איהר האט, דען איך האב מיך בעגעגענט מיט מיין בעסטען פריינד, מיט מיין ליעבסטען חבר.

נאסטאס'ע (יוא"ג ח"ד)

גאסטאסיע איז אהן ווערטער אויפגעשטאנען, האט פון אקליין שאפקעלע ארויס גענומען אגרויסען שטאף שנאפס אונ האט איהם אוועק געשטעלט אויף דעם טיש, באלד נאך דעם איז זיא צוגעלאפען צום אייווען האט ארויס גענומען פון דארט אגעבראטענע גרויסע גאנז אונ האט זיא אויך געשטעלט אויפן טיש פאר דיא צוויא געליעבטע חברים.

גאסטאסיע האט שוין איהרע געסט גוט געקאנט, זיא האט גע־וואוסט אז זיא דארף ניט שטעהען אין דער צייט ווען זייא דארפען צווישען זיך עפעס ריידען, דארום האט זיא געזאגט אז זיא דארף אויף אשטונדע אוועק געהען אונ איז באלד פון שטוב אוועק געגאנגען.

שמוענקע! — האט זשוליק העכסט ערפרייעט אגעשרייא געטאהן — ווען איך זאל גלויבען אין נסים וואלט איך געזאגט אז גאט אליין האט זיך דא אריין געמישט אונ האט מיר אזא נס בעוויזען איך זאל דיך טרעפין אין דעם פערוואָרפענעם שטעדטעל, וואס נאך מיין מיינונג קומט קיין מאהל קיין רעכטער מענש אין איהר ניט אריין.

אונ איך האב ניט ערווארטעט דיך אין דעם שטעדטעל צוא בעגעגנען — האט שמוענקע גיענטפערט — ערצעהל מיר ברודער וויא קומסט דוא אהער?

מיין געשיכטע איז זעהער קורץ, איך בין אנטלאפען פון מינסקער אסטראג, מיינער אקאמעראד וואס איז אויך מיט מיר צוזאמען אנטלאפען געווארען, האט מיר געראטהען איך זאל אויף עטליכע וואכען אוועק פאהרען אין הארידאק צו זיין בעקאנטער גאסטאסיע, דא זאל איך זיצען ביז מיא וועט מיך אויפהערען צו זוכען, זאל איך מיך געווען ריכטען אז אין דעם שטעדטעל וועל איך דיך געפינען, זאג דאך, ערצעהל מיר וויא קומסט דוא אהער?

וואס פערשטעהסט דוא דא ניט, מסתמא האב איך דא דער שמעקט עטליכע גוטע העכט וועלכע איך וויל פאנגען אין מיין נעטץ.

אבער וויא אזויא האסט דוא דערשמעקט דיא העכט וואס ליעגען אין אזא אגעזאנדערטע בלאטע?

דאס האב איך אויך דערשמעקט דורך אגוטען ברודער מיט וועלכען איך האב מיך געטראפען אין ווילנא, דיעזער גוטער ברודער האט מיר ערצעהלט אז דא אין דעם קליינעם שטעדטעל, אדער וויא דוא רופסט דאס אן דיא אבגעזאנדערטע בלאטע ליעגט זעהער אפעטער העכט מיט דעם נאמען חאצקעל דער בעל טקסא, דיעזער העכט האט זעהער פיעל געלד אונ אין דעם גאנצען געגענד האט זיך נאך ניט געפונען אזא בעל רחמים וואס זאל וועלען דיא שווערע גאלדלאסט פון איהם ארונטער געהמען, דארום האב איך מיך ערבארמט אונ בין געקומען אהער דעם חסד מיט

 אים

אִיהם צוּ טָאהן, אָנְפַאנְגְס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וֶועט מִיר זֶעהֶער לַייכְט אָנְקוּמֶען, אַלְס אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעקוּמֶען אַהֶער הָאבּ אִיךְ מִיךְ אִיבֶּערְ־צַייגְט אַז אוּם דִיא לַאסְט פוּן דֶעם רבי חאצקלען אַרוּנְטֶער צוּ גֶעהמֶען מוּז מֶען הָאבֶּען זֶעהֶער פִיעל כּוחות, דֶען עֶר אִיז נָאךְ אַנְרֶעסֶערֶער גַנָב פוּן אוּנְז בֵּיידֶען, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶּער בֶּעשְׁלָאסֶען פוּן דַאנֶען נִיט אַוֶועק צוּ פָאהרֶען בִּיז אִיךְ וֶועל מֵיינְס אויסְפִיהרֶען, אוּנ אוּם מֵיין צִיעל צוּ עֶרְרֵייכֶען הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעזֶעצְט דָא אִין דֶעם הִיגֶען בֵּית מִדְרָשׁ לֶערְנֶען אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען דֶער דענענבורגער יְשִׁיבָה בָּחוּר אָדֶער יוסעל קלאפּ.

חַא חַא חַא! — הָאט זִיךְ זשוּליק פוּנְאֵיינַאנְדֶער גֶעלַאכְט — דָאס זַיינֶען צְוֵויא פְּרַאכְטְפָאלֶע נֶעמֶען, אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה אָבֶּער נִיט וָואס פַאר אַמְחוּתָּן אִיז דֶער בֵּית מִדְרָשׁ מִיט דַיין חאצקעלס גֶעלְד?

פֶערְשְׁטֶעהסְט דוּא מִיךְ, דֶער חאצקעל וִויל שְׁטֶעהֶען הֶעכֶער אַלְס אַלֶע הִיזִיגֶע שְׁטָאדְטְלַייט, דַארוּם צֵייגְט עֶר זִיךְ פַאר זֵייא זֶעהֶער פְרוּם, עֶר וֵויים אַז דָא אִין דֶעם נַארִישֶׁען שְׁטֶעדְטֶעל שְׁפִּיעלְט נָאךְ דָאס לֶערְנֶען אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע, דַארוּם זוּכְט עֶר פַאר זַיין טָאכְטֶער וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין אַמוֹיד פוּן אַיָאהר עֶטְלִיכֶע אוּנ צְוַואנְצִיג אַמַאן אַלַמְדָן אוּנ אַיְרֵא שָׁמַיִם, דַאבֵּייא וִויל עֶר חַאפֶּען אַמְצִיאָה, דֶער גְרוֹיסֶער לַמְדָן זָאל אִיהם קֵיין סַךְ גֶעלְד קָאסְטֶען.

דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ עֶרְפַאהרֶען אוּנ הָאבּ בַּאלְד מֵיין פְּלַאן גֶעפַּאסְט אִיךְ זָאל אַלְס יְשִׁיבָה בָּחוּר אַזוֹיא לַאנְג פִיגוּרִירֶען בִּיז רבי חאצקעל זָאל זִיךְ אִין מִיר פֶערְלִיעבֶּען אוּנ זָאל מִיךְ נֶעהמֶען פַאר אַנְ'אֵיידִים, אוּנ וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין בַּייא אִיהם אִין שְׁטוּבּ זָאל אִיךְ אִיהם אָבְשָׁאבֶּען טַאקֶע וִויא אַפֶּעטֶען הֶעכְטֶעל, אִיךְ זָאג דִיר פְרֵיינְד אַז אִיךְ הָאבּ דָא גֶעשְׁפִּילְט אַרָאלֶע פוּן אַקִינְסְטְלֶער, אִיךְ הָאבּ דָא אִין שְׁטָאדְט אַנָאמֶען פוּן אַצַדִיק, אַלֶע טַאטֶעס אוּנ אַלֶע מַאמֶעס בֶּענְשֶׁען זִיךְ מִיט מִיר אוּנ דוּא קָאנְסְט מִיר אָבּ גֶעבֶּען אַשֵׁיינֶעם מַזָל טוֹב, דֶען אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען רבי חאצקעלס טָאכְטֶערְס חָתָן.

אַזוֹיא? דוּא בִּיזְט שׁוֹין גֶעוָוארֶען זַיין חָתָן? נוּא אוֹיף וָואס זְשֶׁע וַוארְטֶסְט דוּא? פַאר וָואס מַאכְסְט דוּא דַיין לִיעבֶּען מְחוּתָּן גִיט חֲתוּנָה כְּדַת משה וְיִשְׂרָאֵל?

הָאבּ צַייט, פַאר מֵיין חֲתוּנָה קָאן אִיךְ אִיהם קֵיין חֲתוּנָה נִיט מַאכֶען, דֶען עֶר אִיז אַזַא פֵייגֶעל וָואס כָּל זְמַן אִיךְ וֶועל מִיט זַיין אַלְטֶער מוֹיד נִיט גֶעהֶען צוּ דֶער חוּפָּה וֶועט עֶר מִיר זַיין צוּטְרוֹיֶען נִיט שֶׁענְקֶען, אִיךְ קָאן אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיךְ חַאפֶּען אַשֵׁיינֶע מַטְבֵּעַ, אָבֶּער דֶער מִיט וֶועל אִיךְ זִיךְ זֶעלְבְּסְט פֶערְצַאמֶען דֶעם וֶועג אִיךְ זָאל נִיט קֶענֶען דִיא גַאנְץ גְרוֹיסֶע אַפּוֹתִּיקָא בֶּעקוּמֶען, דוּא פֶערְשְׁטֶעהסְט?

אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דָאס זֶעהֶער גוּט — הָאט זשוּליק לַאכֶענְד גִיעֶנְטְפֶערְט —

איך רעכען אבער אז יעצט ווען איך בין דא קאנסט דוא דיא קליינע חתונה מיר לאזען שפיעלען אונ דיא גרויסע זאלסט דוא ענדיגען.

הא? — האט שמעונקע נאכדענקענד געזאגט — דוא האסט זעהר רעכט, דאס איז אפלאן, נאך היינטיגען אבענד קאנסט דוא האבען אשטיקעל ארבייט אונ גראדע אלייכט שטיקעל ארבייט.

זעהר שוין, איך האב טאקי שטארק השק צוא ארבייטין, שטעל זיך פאר וויא לאנג איך זיטץ ליידיג וויא אטויגעניכטס אפוילענצער. לאמיך הערין וואס האב איך צוא טאהן.

מיר וועלין פון דאנען ביידע גלייך אוועקגעהען, איך וועל דיך צוא פיהרען ביז מיין מחותנם שטוב, אום דוא זאלסט וויסען אין וועלכען הויז דוא בעדארפסט דיא נאכט אוויזיט מאכען, איך וועל אהין אריינגעהן, דארט זיטצט יעצט אגאנצע געזעלשאפט, מיא ווארט אויף מיר, געוועהנליך וועט מאן דארט פערברייגגען ביז שפעט אין דער נאכט אונ איך וועל דארט בלייבין נעכטיגען, נאך האלבע נאכט אום דרייא אוהר זאלסט דוא צו געהן צוא דעם מיטעלסטין גרויסין פענסטער וואס איז צוגעמאכט מיט שווארצע לאדענס, דער פענסטער וועט זיין אבגעקייטעלט, זא דאס דוא וועסט זעהר לייכט קאנען אריינקריכען אין זאל ווא איך וועל שלאפען, רעכטס אינם זאל וועסטו דוא זעהען א־מיהר וואס פיהרט אין חאצקעלס קאבינעט, דארט שטעהט אגרויסע שאפע מיט זילבער גאלד אונד שמוק, דאס זיינען משכנות אויף וועלכע מיין ליעבער מחותן האט געלד פערליהען, אשליסעל צוא דער שאפע האב איך שוין פון לאנג, נא דיר איהם, מיט איהם וועסט דוא דעם אוצר עפענען אונ פון דארט ארויסנעהמען אלעס וואס דוא וועסט געפינען, דוא זאלסט ניט פערגעסין אין איין וועג צונעהמען מיינע זאכין אויך אום איך זא' קאנען זאגען דאס איך האב זא שטארק געשלאפין דאס איך האב אפילו ניט בעמערקט וויא מאן האט מיך אליין בעגנבעט.

אויסגעצייכנעט! — האט זשוליק ענטציקט אגעשרייא געטאן — דאס איז זעהר אגעשמאק שטיקעל ארבעט, איך וועל דאס אבארבייטין אזו פיין דאס דוא אליין וועסט פאמושען בראוואָ.

איך בין פערזיכערט אז דוא וועסט דא ווייזין דיינע בריהשאפט וויא דוא האסט מיר שוין פיעל מאהל געוויזען.

וועגען דעם זאלסט דוא ניט צווייפלען, ווען מיא גיט מיר אזא געבראטענע טויב גלייך אין מויל אריין קאן איך זיא אזו איינשלינגען

דאס פון איהר זאל קיין צייכען בלייבין , נוא יעצט ברודער לאמיר ניט פערשעמען דער גוטער נאסטאסיאס פלעשעל , דיא אלטע וויא דוא קוקסט זיא אן איז אגרויסע מבינטע אויף דעם ביטערין טראפין אונ ווען זיא דארף דאמיט טראקטירען איהרע פריינדע קלייבט זיא אוים פון דיא בעסטע .

איך טאהר יעצט פיעל ניט טרינקען , מאן זאל ניט בעמערקען בייא מיין מחותן אין הויז אז איך האב זיך דיא נאכט גיזעהען מיט דער פלאש . נור דיר צוליעב וועל איך איין גלעזעל אויסטרינקען .

דיא פריינדע האבין אנגעקלאפט זייערע גלעזער אונ האבין וויא געאיבטע טרינקער אין איין אטהעם דיא היבשע גלעזער אויסגעליידיגט , שמעונקע איז שוין אויפגעשטאנען אום אוועק צו געהן אלס דיא טיהר האט זיך גיעפינט אונ דיא גוטע נאסטאסיע איז אריינגעקומען מיט אגעהיימניספאלער מינע .

קינדערלאך ! האט זיא שטיל געזאגט — איך האב פאר אייך אגוטין ביסען , אבער אזא ביסען וואס איהר וועט זיך מיט איהם ערקוויקען , איך פערלאנג פון דעם נור אקליין ביינדעלע .

זאג מוהמונקא וואס איז דאס פאר אביסען ? — האט זשוליק זעהר נייאגיעריג געבעטין .

אין דעם דארף יענקי , וועלכער איז אונגעפעהר דרייא מיילען ווייט פון היר — האט דיא אלטע געזאגט — וואהנט אפרויא מיט דעם נאמען אגאפיע בראניצקאיא , דיא פרויא איז אימער גיוועזן זעהר ארם אונ האט קוים דורך שווערע ארבייט איהר טרוקין ברויט פערדינט , נור דא אין דיא לעצטע טעג האט מאן בייא איהר בעמערקט זעהר פיעל געלד , מיא זאגט אז זיא האט דערטאפט אסך טוזענדער ביי דער גרעפין טאבאלסקי, בייא אזא פייגעל וויא דיא אגאפיע איז , וועט אייך זעהר לייכט אנקומען אבשערין דיא נאלדענע פליגעליך .

ווייסט דוא מוהמע געווים אז זיא האט אסך געלד ? — האט זשוליק נעפרעגט אנגיעסענד אצווייטע גלאז שנאפס .

איך רייד קיין מאהל ניט פוסטע רייד , ווען איך זאג אייך אז זיא האט שווערע טוזענדער זאלט איהר מיר גלויבען .

בראוואָ ! דאס איזווירקליך אגוטער ביסען — האט שמעונקע העכסט ערפרייעט אגעשרייא געטאהן .

ווילסט דוא פולייכט דיא נאלדענע פליגעליך פון דעם פייגעל אבשערין ? — האט זשוליק געפרעגט .

מיר מוזען ביידע דיא יאגד מאכין — האט שמעונקע גיענטווערט —

(יוא"ג ח"ד) דען

דען דער דארף איז אונז ביידען אונבעקאנט אונ אין צווייען וועלין מיר געוויס אונזער ציעל ערגרייכין .

יא ווען נור דוא שמעונקע ווערסט מיט געהן בין איך זיכער אז מיר וועלין אללע פעדערליך פון דער גאלדענער פייגעלע אויס פליקען , האט זשוליק געלאכט .

דער ווייל אגוט נאכט , איך מוז וואס גיכער פליהען אהיים עס קאן דארט אויפפאלענד ווערין וואס איך בין אזוא לאנג ניטא .

שמעונקע האט ביא דיא ווארטען זיין חבר אויף דער אלטער קאר־טענוואר פערקע דיא האנד געגרייכט אונ איז שנעל אוועקגעגאנגען .

ה׳

דיא ערשטע קוגעל .

מיט אצופריעדענעם שמייכעל אויף דיא ליפען איז געזעסין יאהאן קארניצקי אין זיין קאבינעט אונ רויכענדיג אגוטען האוואנעם ציגאר האט ער זיך פערטיפט אין זעהר זיסע געדאנקען .

ער וואר שטאלץ מיט דעם זיעג וואס ער האט דא געהאט , אללע זיינע פלענער זיינען אויסגעפיהרט געווארין בעסער אלס ער האט געוואונשן , יעצט שטעהט ער שוין ביא דער טיהר פון זיין גן עדן, באלד וועט אללעס וואס דער גראף טאבאלסקי האט געערבט אונ זיך ערווארבען געהערין צוא איהם , ער וועט זיין אמיליאנער , יא אפיעלפאכער מיליאנער אונ וועט אין שטאנדע זיין צו לעבין פאסט קייזערליך ....

איז דער דאקטאר צוא הויז ? — האט ער גיהערט וויא יעמאנד פרעגט זיין בעדינטען .

דער דאקטאר געמט היינטע קיינע פאציענטען צו — האט דער בע־דינטער געענטווערט .

איך בין אבער קיין פאציענט , איך דארף מיט דעם דאקטאר גאר וועגען אנ׳אנדער זאך שפרעכען .

יאהאן איז פון זיין ארט אויפגעשטאנען , האט געעפינט דיא טיהר , אונ האט אקוק געטאהן ווער דאס איז .

יערמעי ! — האט ער אויסגערופין אלס ער האט דעם ווערכטער פון דער גרעפין טאבאלסקים שלאס דערזעהען — וואס טוהסט דוא דא ?

איך בין געקומען צוא אייך העדר דאקטאר .

האט דיא גרעפין דיך געשיקט צוא מיר ?

גיין, איך אליין דארף מיט אייך עפעס ריידען .

קום אריין .

יערמעי איז אריינגעקומען אין קארניצקעס קאבינעט .

נוא זאג וואס פערלאנגסט דוא ? — האט יאהאן שטאלץ געפרעגט זיך זעטצענד אין זיין ווייכען שטוהל .

איך בין געצוואונגען גיוועז אייך הערר דאקטאר צו בעלעסטיגען מיט אזעלכע ווארטען וואס וועלין אייך געוויס ניט שמעקען — האט יערמעי מיט אנ'ערנסטע מינע געזאגט — איך האב זעהר אנארישע ווייב , אז זיא געהמט זיך עפעס אין זינען אריין קאן מאן עס פון איהר נארישען קאפף ניט ארויסיאגען , אלזא איז זיא אליין שולדיג אין דעם וואס איך בין יעצט צוא אייך געקומען דעם קאפ צו דולען .

וואס האט דען דיין ווייב פון דיר פערלאנגט ?

דא איז אזא געשיכטע , איך האב אקליינעם יונג פון אכט יאהר ער הייסט פאאול, געוויס קאנט איר איהם , ער לייפט שטענדיג ארום אין דעם גארטען פונ'ם שלאס .

קארניצקי איז בלאס געווארין , ער האט זיך אבער געמוטהיגט אונ האט גיענטווערט : איך וויים ניכט, עס קאן זיין אז איך האב איהם אמאהל גיזעהען .

דיעזער נארישער יונג — האט יערמעי מיט אלייכטען שמייכעל געזאגט — האט זיין נארישער מוטער ערצעהלט אז ער האט גיזעהען אין יענעם טאג ווען דער גרעפינס קינד איז דערטרונקען געווארין וויא איהר הערר דאקטאר האט דאס קינד ארויסגענומען פון דעם וועגעלע אין וועלכין ער איז גיזעסין אונ איהר האט איהם געטראגין צום טייך .

דאס איז פאלש — האט קארניצקי מיט אציטערנדע שטימע געזאגט .

איך האב באלד געזאגט אז דאס איז אליגען — האט יערמייא מיט גע= שטימט,נור מיין נאריש ווייב האט זיך איינגעבילדעט אז דאס איז אמת , דען מיין פאאול האט איהר ווייטער ערצעהלט אז מיט איינינע מינוטען שפעטער האט ער אייך בעגעגענט צוריקגעהענדיג אליין פונ'ם טייך אונ ער האט אייך גיפרעגט וואו איז קאליא האט איהר איהם געגעבין צוואנציג קאפייקען אויף צוקערקעס אונ האט איהם אן געזאגט ער זאל מעהר אזעלכע פראגען ניט מאכין אונ ווען ער וועט פאר יעמאנדען ערצעהלען אז ער האט אייך גי= זעהען טראגענדיג דאס קינד וועט איהר איהם אויפהייגען אויף אבוים , איך האב מיך פון דער גאנצער געשיכטע אויסגעלאכט , נור מיין ווייב האט דאס געגלויבט אונ האט געוואלט לויפין צוא דער גרעפין איהר דאס אלעס ערצעהלען , אלע מיינע רייד האבין אויף איהר ניט געווירקט ביז איך האב איהר פערשפראכין אז איך וועל מיך מיט אייך זעהען אונ וועל מאכין אז

איהר זאלט אונז געבין עטליכע רובעל מיר זאלין זיך קענען אביסעל בע-
קליידען , איהר קאנט דאך הער דאקטאר דיא ווייבער אז מיט עטליכע רובעל
קאן מען זייערע מייולער פערשטאפין .

אונ איהר מיינט אז פאר יעדע נארישקייט וועל איך געלד געבין — האט
דער דאקטאר צארניג אנגעשרייא געטאהן — איהר מיינט אז איך פערשטעה
ניט דאס איהר האט אנגעלערינט אייער זאהן ער זאל זאלבע ווארטין רייעדען
אום פון מיר געלד ארויסצופרעסען ? איהר האט אבער ניט געטראפין דאס
פלאטץ , ווען דוא אדער דיין ווייב וועט זיך וואגען נאך אמאהל אזעלכע
דומהייט צוא ריידין וועל איך אייך ביידען נאך סיביר אוועק שיקען , דוא
הערסט ?
יערמייא איז פאר דיא ווארטין גאר ניכט ערשראקען געווארין , אין
געגענטהייל אויף זיין געזיכט האט זיך געוויזען אנ'ערנסטע אונערשראקענע
מינע אונ ער האט רוהיג גיענטווערט : נאך סיביר שיקט מאן ניכט אוועק
ארדענטליכע לייטע וואס טוהען קיינעם קיין שלעכטס , פאר אזעלכע זאכין
האבין מיר גאר קיין פורכט , איך פון מיינער זייטע וואלט אלס איינס מיין
קינדס ווארטין קיינעם ערצעהלט , אבער מיין ווייב וועט זיך געוויס ניט
איינהאלטין אונ וועט דאס נאך היינט דער גרעפין איבערגעבין , איך וועל
איהר געוויס אין דעם ניט שטערען , זאל זיא טאהן וואס זיא וויל .

יא זאל זיא טאהן וואס זיא וויל אונ איך וועל אויך טאהן וואס איך
וויל — האט יאהאן געשריען — איך וועל מאכין אז נאך היינטע וועט מאן
אייך ביידען פונ'ם שלאס ארויסיאגען .
דאס וועט מיר ווייניג שמערצין פערשאפין — האט יערמייא שמייכ-
לענד גיענטווערט — דען אלס איינס האב איך מיך געוואלט פון מיין שטעלע
ענטזאגען ווייל דער שלאס וואו דער עדלער גוטער גראף טאבאלסקי האט
זיך ניט לאנג זא מילדטהעטיג אונד גינעדיג געוויזין צוא אלע זיינע בעדינטע ,
דער שלאס איז געווארין ארויבער העלע , דער שיינער גוטער קארמעליען
האט מאן פאר דער צייט אין גראב געטריבען נור מיט דעם ציעל מאן זאל
קאנען איהר געלד צו נעהמען , איהר גינעדיגען פאטער האט מאן נאך מיין
פעסטער איבערצייגונג אויך אין גראב פערטריעבין מיט דעם זעלבין ציעל ,
אלזא איז נאך מיין מיינונג געפעהרליך צוא וואהנען אין אזא שרעקליכען
שלאס .
קארניצקי איז נאך דיא ווערטער געבליעבין איניגע מינוטין זיטצען
וויא פערשטיינערט . ער האט יעצט גוט איינגעזעהן אז מיט בייזען וועט
ער פיעל ערגער מאכען , אבער מיט גוטען געהען איז דאך ווייטער שלעכט ,
דען דאדורך וועט ער געבען געלעגענהייט דעם ווערכטער מיט זיין פרויא צו
פערשטעהן אז וויא באלד ער האט פאר זייא מורא פיהלט ער געוויס אין
זיך

זיך אשולד ···· אקאלטער שוויים איז איהם אויפין שטערן ארוים אונ דיא גאל איז אין איהם שיער צערפלאצט געווארען אוים צארען צו דעם ארמען וועכטער וועלכער פערשאפט איהם אזוא פיעל שמערצען .

יערמייא האט גוט געזעהען אין וואס פאר אלאנגע קארניצקי געפינט זיך , ער האט זיך אבער געמאכט ניכט פערשטעהענדיג אונ האט געזאגט מיט זיין רוהיגע מינע : אדיע הערר דאקטאר ! האט קיין פעראיבעל וואס איך האב אייך בעאונרוהיגט מיט מיין וויזיט , איהר האט נאך קיין מאל קיין ווייב געהאט , ווייסט איהר נאך דערפון ניט אז מיא מוז אמאהל אווייב פאלגען .

ער האט געוואלט אוועקגעהן נור דער דאקטאר האט איהם צוריק גערופין מיט אפיעל זאנפטערע שטימע .

קום נאר אהער יערמעי — האט ער פריינדליך געזאגט — דוא ביזט דאך ניט קיין נאר , וועסט דוא געוויס זעלבסט פערשטעהן אין וואס פאר אנאונגענעהמע לאגע דוא האסט מיך געבראכט , דיא געשיכטע מיט דער גרעפינס קינד האט אויף זיך געצויגין דיא אויפמערקזאמקייט פון גאנץ רוסלאנד , עס זיינען דא פיעלע מענשין וואס גלויבין ניכט דאס קארמעליע האט דאס קינד ערטרונקען , דיעזע נאראנים זוכען מיטעלען וויינגסטענס איהר נאמען ריין צו וואשין פון דער שווערער בעשולדיגונג , דיא מינדעסטע זאך קאן זייא דינען אלס גענוגענדער שטאף אויף אנ׳אנדערנס קאפף דיא בעשולדיגונג צוא ווערפין , דאס זאג איך אנטגעגען דעם וואס דיין נארישער יונגע האט ערצעהלט אזא נארישע געשיכטע וויא איך האב דעם קליינעם קאליא אין יענעם טאג צום טייך געטראגין , דוא ביזט אקלוגער מענש יערמייא אונ דוא פערשטעהסט זעהר גוט אז דאס איז אליגען , דען וויא קום איך צוא טראגין דער גרעפינס קינד צום טייך ? ענטוועדער דעם יונגע האט אויסגעזעהן אז איך האב דאס קינד געטראגין , אדער מיינע פיינדע האבין איהם אנגירעדט ער זאל אזוא זאגען אום מיין נאמען אין שלעכטע מיילער אריינצוגעבין , דארום איז מיר יעצט זעהר אונאנגענעהם, איך ווייס ניכט וואס איך זאל יעצט טאהן , ענטזאגין דיר אונ ניט געבין דיר קיין געלד וועט דאך געוויס דיין נאריש ווייב פאר יעדען איינציגען וויעדערהאלען איהר קינדס נארישקייט אונ דאפאן קאן מיין גוטער נאמען זעהר פיעל ליידין , זאל איך זשע דיר יא געבין געלד קאנסט דוא וויא אויך דיין ווייב ווירקליך מיינען אז איך האב אנטהייל גענומען אין דעם קינדס מארד , אלזא פרעג איך דיך אלס קלוגען מענשין אראטה וואס איך זאל יעצט טאהן ?

מיין ראטה איז איהר זאלט פערשטאפין מיין ווייב דאס מויל מיט אביסעל געלד , וועט איהר זיכער זיין אז מיין קינדס נארישקייט וועט קיינער וויעדערהאלען .

וויפיל געלד פערלאנגסט דוא זאל איך איהר געבין ?
איך פערלאנג גאר ניכטס , נור מיין פרויא פארדערט דאס .
וויפיל פארדערט זיא ?
איך ווייס ? איך גלויב אז טויזינד רובעל וועט גענוג זיין .

וויפיל ? טויזענד רובעל ? ביזט דוא וואהנזיניג יערמייא , עפעס רעדסט דוא אזוא לייכט ארויס פונ'ם מונד טויזענד רובעל וויא דא זאל זיין ארעדע פון טויזענד גראשען .

איך האב דאך אייך געזאגט הערר דאקטאר אז איך פערלאנג פון אייך גאר ניכט'ס אבער וואס קאן איך טאהן מיט מיין פרויא , איך ווייס אז זיא וועט פון טויזענד רובעל איין קאפיקע ניט ארונטערלאזין .

שיק זיא נור אהער צו מיר , איך וועל זעלבסט מיט איהר ריידין .

זיא וועט ניט געהן הערר דאקטאר , איהר ווייסט גאר ניט וואס פאר אשלאק דאס איז , אז מיר ווערט ניט צופלאצט דיא גאל פון איהר בין איך נור פון אייזין געקנאטען , איהר האט דאך אבעוועיז אז יעצט האב איך אויך אליין געמוזט צוא אייך געהן , זיא האט זיך ניט געוואלט פון ארט ריהרען .

עס שאדעט ניט ווען דוא וועסט איהר זאגין אז איך וויל מיך מיט איהר זעהען , זיא דארף פאר מיר קיין פורכט האבין , איך בין קיין ווילדעס טהיר .

דאס זיינען אבער אומזיסטע ווארטין , איך ווייס בעשטימט אז זיא וועט ניט געהן .

הער זשע יערמייא , איך האב גירעכינט דיר געבין צעהן אדער 20 רובעל , נור אזוא וויא איך הער אז דיין ווייב איז אזא שלאק , וועל איך דיר געבין אגאנצען הונדערטער , וועסט דוא נעהמען ?

איך וועל געוויס נעהמען , איך זאג אייך אבער פאראויס אז נאך היינט וועט איהר מיך האבין דאס צווייטע מאהל פאר אגאסט , זיא וועט מיך אין שטוב ניט לאזין איינזיטצען אונ וועט מיך טרייבין צוא אייך .

גוא וועל איך אליין מאכין אבעזוך דיין ווייב אין דיין קווארטיר .

זעהר שיין, איהר וועט ביי אונז זיין זעהר אגוטער גאסט , אבער איך זאג אייך פאראויס אז איהר וועט זיך אומזאנסט בעמיהען, דען מיין שלאק וועט געוויס ניט איין האלבע קאפיקע ארונטערלאזין, מיין ראטה הער דאקטאר איז איהר זאלט זיך גאר ניט פרובען ערניעדעריגען אונ וועלין אבדינגען עטליכע רובעל, דען דאס וועט אייך ניט געלינגען, ענטוועדער גיט מיט איין מאהל דיא גאנצע טויזענד רובעל , אדער גיט איין קאפיקע ניט .

(יוא"ג ח"ד)

קארניצקי

קארניצקי האט איינינע מינוטין געקלערט און האט ענדליך געזאגט:
איך האב דאס ניכט ערווארטעט אז דוא יערמעי זאלסט מיר אזוא פיעל שמערצען פערשאפין, נור פערפאלין, איך מוז דיר דאס מאהל צוליעב טאהן, נא דיר דערווייל 500 רובעל, מעהר האב איך ביא זיך ניט, דיא איבעריגע 500 וועל איך דיר אבגעבין מארגין.

זעהר שיין — האט יערמעי געענטווערט — איהר זענט ביא אונז אבטוח...

ער האט צוגענומען דיא 500 רובעל וואס דער דאקטאר האט איהם געגעבין און איז ארויסגעגאנגען מיט אטיעפע פערגניגונג.

איך זעה יעצט אז עס שאדעט ניט ווען מיא האט א ווייב — האט דר קלוגער וועכטער געלאכט אלס ער איז אויף דער גאס געשטאנען — אט האב איך אין גאנצין ארויפגעווארפין אויף מיין אלטער און איך בין געבליעבין אשיינער בחור, דאס איז פאר מיר גאר קיין שלעכט געשעפט ניט, אזא מעלקעדיגע קוה וויא דער דאקטאר איז וועט מיר דיא אויגין עפענען און איך וועל דערזעהן א נייע וועלט.

דאס איז אביטער געשעפט — האט דער דאקטאר צו זיך אליין געזאגט אלס ער איז אליין געבליעבין — דער וועכטער מיט זיין ווייב וועלין יעצט פון מיר צאפין געלד, איך מוז זעהען ווירקין אויף עליזאבעטהען מיר זאלין נאך דיא טעג אוועקפאהרען פון דאנען, דען עס קאן זיך אויסלאזען זעהר ביטער.

ו.

ליבעספלאמען.

דער שיינער נאמען וואס דיא פאמיליע „ראזענהויז” האט געטראגין איז פערשמוצט געווארין דורך מאליאס אונפארזיכטיגען בעזוך ביי יודעלען אין צימער.

וויא אונז איז שוין בעקאנט האט שלמהקע ראזענהויז ניכט געהערט צו דר קלאסע פאנאטיקער, איהם וואלט ווייניג אינטערעסירט וואס זיין טאכטער שטעהט מיט יודעלען אויף א פריינדליכען פוס, אבער דעם אויפגעקלערטסטין פאטער שמעקט זעהר ניכט ווען מאן פערברייטעט שמוטציגע נאכריכטע וועגען זיין קינד, מאן האט באלד שלמהן ערצעהלט וואס מיא רעדט אינ'ם שטעטיל וועגין דעם וואס מאן האט זיין טאכטער געטראפין ביא יודעלען אין צימער אין דער צייט ווען ער איז אין אונמאכט געפאלין, דאס האט איהם זעהר געקרענקט, ער האט מאליאן שטארקע פארווירפע גע-

מאכט וועגין איהר אונארטיגעס בענעהמען אונ האט פון איהר שטרענג געפארדערט זיא זאל איהם ערקלערין וויא קומט זיא צוא יודעלען אין צימער.

מאליא האט איהם ערצעהלט אז איהר האט אהין געטריעבין נור די נייאניערינקייט צוא זעהען איהר בילד וואס יודעלע האט געמאכט.

שלמה וועלכער האט פון זיין טאכטער קיין מאל בעמערקט עטוואס אונאנשטענדיגעס האט איהר געגלויבט אונ האט זיא נור געווארינט זיא זאל ווייטער מיט איהרע בעזוכע נוט פארזיכטיג זיין.

מאליא האט דאס איהם פערשפראכין, זיא האט אויך ווארט געהאלטין, צו יודעלען איז זיא שוין מעהר ניכט געגאנגען, מאן האט זיא פון יענעם טאג גאר ניכט גיזעהן, ניט אין גאס אויך ניכט אין דעם פאטערס געשעפט.

אין שטעדטעל האט מאן גירעדט אז זיא שעמט זיך איינפאך דאס פנים צו ווייזין פאר חרפה, דאס איז אבער גיוועזן אנ'אירטהום, ניכט די שאנדע האט זיא געהאלטין פערשלאסין אין איהר צימער זאנדערין דיא שמערצין וואס יענע נאכט האט אין איהר ברוסט פערארזאכט, דיא האבין פון איהר דעם גאנצען מוטה אוועקגעריסט אונ האבין זיא אין איהר איינזאמען צימער וויא צוגעפעסעלט.

דוא ליעבע צוא יודעלען האט אין איהר יונגענדליכעס הערץ וויא אהעלישער פלאם געברענט, דאמאלס ווען ער האט איהר דאס בילד צום אנדענקען געשיינקט האט זיא געמיינט דאס זיא איז אין איהר גן עדן אבייגעקומען, דאס איהר גליקסזאנגע ווערט אימער אונבעפלעקט בלייבין, אבער יודעלעס פערצווייפלונג בייא דער נאכריכט פון קארמעליעס טאדט האט וויא אשווארצער פינסטערער וואלקן איהר גאנצען הימעל פערדונקעלט, זיא האט דייטליך גיזעהען דאס זיין הערץ איז שוין פערנומען מיט דער ליעבע צוא אנ'אנדער פערזאן אונ אלעס וואס האצקעל האט ערצעהלט איז וואהר.

דאך האט זיא גלייכגילטיג ניכט געקאנט צוקוקין וויא איהר געליעבטער ליענט אין אונמאכט, זיא האט דאמאלס וויא מיר ווייסין געמאכט אגוואלד זא דאס פיעלע פון גרונם'ס שכנים זיינען צוזאמענגעלאפין, אין יענע מינוטין האט זיא גאר פערגעסען וואו זיא איז אין דר וועלט, איהר איינציגער געדאנק איז נור גיוועזן יודעלען צוריק אינ'ס לעבין צו ברייגגען, זיא האט געוויינט געקלאגט גיבעטין מיט טרערין מאן זאל דעם פאסט טאדטען יודעלען אויפמונטערין.

ערשט דאן אלס יודעלע האט דיא אויגין גיעפינט אונ איז אביסעל צוא זיך געקומען האט זיך מאליא דער מאהנט וואו זיא איז, זיא האט אויך

(יוא"ג ח"ד)

בעמערקט די ניפטיגע בליקען מיט וועלכע די צוזאמענגעלאפענע שכנים קוקען אויף איהר אונ זיא האט געפונען פאר נעטהיג אהיים צו געהן .

זיא איז אהיים געקומען אונ האט אשלאפלאזע נאכט פערבראכט .

ער ליעבט מיך ניט — האט זיא זיך געקלערט — ער איז פערליעבט אין קארמעליען אונ איך האב קיין האפנונג אויף געגענליעבע פון זיין זייט .

דיעזער געדאנק האט זיא אזוא צערשמעטערט דאס זיא האט איהרע קישענס פייכט געמאכט מיט איהרע טרערין , איהר האט אויסגעזעהן דאס מיט יודעלעס ליעבע האט זיא אלעס פערלארין, אונ דיא וועלט וויא אויך דאס לעבין האט פאר איהר אויסגעוויזען וויא אוויסטע אהן איין בלומע זאנאר אהן איין גרינעם גרעזעל .

אויף מארגען האט זיא נאך געמוזט אויסהערען דעם פאטערס פרעדיג אונ זיא וואר געצוואונגען זיך צו פערענטפערן אונ ענטשולדיגען , זיא האט אליין שטארק חרטה געהאט וואס זיא האט זיך אזויא ערנידעריגט אונ האט געמאכט אזא פעהלשריט , דאמיט וואס זיא האט בעזוכט אזא פער־דארבענעם מענשען וועלכער האט אויגען פאר אמעדכען פון אנ׳אנדער רעליגיאן .

זיא האט זיך פעסט בעשלאסען פון יעצט אן ניט מעהר צו דענקען וועגען דעם אונמענשען, מיט גרויס ענערגיע האט זיא זיך גענומען ארבייטען אין איהר פאטערס געשעפט , אבער איהר מוטה אונ ענערגיע איז באלד פערשוואונדען , דיא הענד האבען זיך ביא איהר ניט געהייבען צו קיין ארבייט .

איהר האט יעצט אנגעהויבען אנ׳אנדער געדאנק צו בעשעפטיגען, וויא באלד אז קארמעליע איז שוין טויט וועט דאך מוזען יודעלעס פייעריגע ליעבע צו איהר פערלאשען ווערען , אלזא קאן זיא דאך נאך האפען אז דיא ליעבע זאל צו איהר איבער געהען , האט ער איהר מיט דעם בילד וואס ער האט איהר געשענקט ניט בעוויזען אז ער איז צו איהר מעהר צוגעבונדען אלס צו אלע אנדערע מעדכענס ?

אבער דיא פראגע איז, צו האט ער דיא ווערטה מען זאל זיין ליעבע זוכען ? וויא באלד ער איז אזא מענש וואס ביא איהם איז רעכט זיך צו ליעבען אין אמעדכען פון אנ׳אנדער רעליגיאן אונ זיך אויפאפפערין פון איהרט וועגען .

ניין ער האט דאס ניט פערדינט ! — נאר איהר בעשלוס — ער איז אנ׳אונמענטש אחאראקטערלאזער סוביעקט , עס איז גאר אשאנדע וועגען איהם איין מאמענט צו טראכטען .

אבער טראטץ איהר בעשלוס האט זיא וועגען איהם זעהער פיעל גע־טראכט, וויא אנ׳אונזיכטבארע האנד האט זיין געזיכט פאר איהרע אויגען

(יוא"נ ח"ד) געמאלט

געמאהלט און געגען איהר ווילען האבען זיך אין איהר קאפף געטומעלט די פראגען: ווארום האט ער מיין בילד געמאלט? אויב ער האט דאס געטאהן מיט דעם געדאנק געלד צו פערדינען, ווארום האט ער עס מיר אוועק געשענקט און האט זיך ענטזאגט פון בעלאהנונג? דאס בעווייזט דאך אז ער אינטערעסירט זיך וועגען מיר און ער דענקט פון מיר, עס קאן זעהער מעגליך זיין דאס ער האט ווירקליך נור מיך אליין ליעב און ער האט קיין ליגען געזאגט אז ער ארבייט פאר קארמעליעס בעפרייאונג נור אוים מיטלייד און בלוים אוים מיטלייד איז ער אין אונמאכט געפאלען אלס ער האט ערהערט דאס די עדלע גרעפין איז פערברענט געווארין.

אבערמאלס האט זיך יודעלעס פערזאן פאר איהרע אויגען פראבטפאל געוויזען, זיא האט זיך געוואלט מיט געוואלט איינבילדען דאס ער איז דער פיינסטער מענש אין דער וועלט און דאס ער האט זיא ליעב פון טיעפען הערצען.

אין זאלכע קעמפפע זיינען איבער געלאפען צווייא וואכען, זיא איז אין דער צייט אהאלבער מענש געווארען, זיא האט זיך געוואלט זעהען מיט יודעלען אבער וויא אזויא? געהען נאך אמאהל צו איהם דאס איז אזאכע דער אונמעגליכקייט, איהם שיקען רופען אהער, ערשטענס האט זיא זיך ניט געוואלט זא ערניעדעריגען און איהם צייגען דאס זיא קאן אן איהם ניט לעבען, צווייטענס וואס וועלען איהרע עלטערין זאגען ווען ער וועט צו זייא קומען, זיא האט גוט געוואוסט דאס זייא פערהאסען און פעראכטען איהם.

דאס איז שוין אנ'אלט בעקאנטע זאך דאס וואס מעהר שוועריגקייטען עס ליעגט אין דער וועג פון די געליעבטע איז זייער ליעבע שטארקער און פלאמענדער, די אלע הינדערניסע וואס זיינען יעצט געשטאנען מאליאן אין וועג האבען איהר ליעבע אזויא צופלאמט דאס זיא איז שיער וואהנזיניג געווארין, זיא האט אוים געזעהן וויא אוויטהענדע טיהר ביי וועלכע מען האט די קינדער וועקגערויבט, זיא וואר צארניג זאגאר אויף איהרע עלטערין דער פאר וואס זייא פערשטעהען ניט יודעלעס ווערטה און זייא האבען פאר איהם די טיהרען פון זייער הויז פערשלאסען.

עס מאג זיין וואס עס וויל! — האט זיא ענדליך אוים געשריען — איך מוז מיך מיט איהם זעהען, איך מוז איהם אפען געשטעהען דאס איך ליעבע איהם, און ווען ער וועט מיר נור ענטפערין דאס אויך ער ליעבט מיך וועל איך מיין לעבען אויפאפפערין אום מיט איהם צו הייראטען.

זיך זעהען מיט יודעלען וואר ביי איהר יעצט אזא נאטהווענדיגע זאך וואס איהר נאנצעס לעבען איז אן דעם געהאנגען, און אום איהר ציעל

צו עררייכען האט זיא זיך בעשלאסען אביסעל ארויס צו געהען אין דער שטאדט פיעלייכט וועט זיא איהם בעגעגנען, זיא זאל האטש פון וויטען אויף איהם קענען אקוק טאהן.

זיא האט זיך אין אשיינעם נאך האלבען טאג פיין פערפוצט און מיט דעם אויסרייד דאס זיא וויל זיך דורכגעהען צו דער גרעפין טאבאלסקי האט זיא איהר צימער פערלאסען און איז אוועק געגאנגען.

זיא האט זיך ווירקליך געלאזט געהען צום שלאס, אבוואהל זיא האט געדענקט געהען אין יענע גאסען וואס זיינען ארום דער גאס וואו יודעלע וואהנט, זיא האט אין יענע גאסען וועלכע ווארען דורכאויס בעזעצט מיט יודען ניט געקאנט געהען, ווייל זיא האט פורכט געהאט מען זאל איהר געדאנק ניט פערשטעהען.

עס איז געווען איינער פון דיא קיהלע הערבסט טעג, דער הימעל איז אפילו געווען קלאר וויא אשפיעגעל אבער אקאלטער הערבסטווינד האט געבלאזען און געפייפט וויא ער זאל געבען אסיגנאל אז דער ווינטער קומט אין גיכען אן.

מאליא איז געגאנגען מיט שנעלע שריטט צום שלאס, דיא וואס האבין זיא געזעהען זא שנעל געהענדיג האבען געמיינט אז זיא לויפט וועגען זעהער אוויכטיגען געשעפט, זיא אליין האט אויך ניט געוואוסט דיא אורזאכע ווארום זיא לויפט זא גיך, ערשט דאן אלס זיא איז געקומען צו דעם פוס פונ'ם בארג האט זיא זיך צוגעשטעלט און האט זיך אבגערוהט.

וואוהין געה איך? — האט זיא זיך זעלבסט געפרעגט — וואס וועל איך יעצט טאהן אינ'ם שלאס? דיא גרעפין וועט מיך ערשטוינט אנקוקען און וועט מיך פרעגין וואס איך בעדארף וואס וועל איך איהר אויף דעם ענטפערען?

זיא האט שוין געוואלט צוריק אהיים געהען, אלס זיא האט זיך דער מאהנט דאס זיא האט פערשפראכען דער גרעפין אצייגין צו זיין אין איהר פראצעס געגען קארמעליען, „דאס וועט זיין זעהער אגוטער אויסרייד צו איהר אריינצוקומען" האט זיא זיך געקלערט, „דער ווייל וועל איך מיך אביסעל ערהאלען, אין שטוב בייא אונז איז אלס איינס זעהער אונמוטהיג, איך פיהל מיך דארט וויא אין אגעפענגעניס.

זיא האט אנגעהויבען דעם בארג בעשטייגען, און אלס זיא וואר שוין ניט ווייט פונ'ם טויער האט זיא זיך אבגעשטעלט און האט זיך פערקוקט רעכטס צו דעם גרויסען טייך וואס האט זיך וויא אריינער קלארער שפיעגעל פאר איהרע אויגען אויסגעדעהנט און דיא זאנגע האט זיך אין דעם קלארען וואסער וויא איינגעקוקט און האט איהר בלענדענדעם געזיכט אין דעם

וואסער שפיעגעל צוריק געזעהען, פון ווייטין אויף דעם טייך זייגען רוהיג געשוואומען קליינע שיפלאך מיט ספאציערפאהרענדע.

דאס וואר זעהער אשיינע פאנאראמע פון וועלכער מאליא האט איהרע אויגען ניט זא לייכט געקאנט אברייסען, דער קאנטראסט פון דער פרייער לעבענדיגער נאטור צו דער פערשטיקטער לופט אונ איינזאמקייט אין איהר פאטערס הויז וואר זעהער גרויס, זיא האט יעצט פרייא אויפגעאטהמט אונ איהר האט אויסגעזעהען וויא זיא איז נאר וואס בעפרייעט געווארען פון אשווערען קערקער.

איהרע אויגען האבען זיך צוגעקלעבט צו אקליין שיפעל וועלכע האט זיך געוויעגט אינ׳ם וואסער, אין דעם שיפעל איז געזעסען איין מענש וועלכער האט מיט געשיקטער האנד זא גערודערט דאס דיא שיפעל איז וויא אפפייל פונ׳ם באגען געפלויגען.

וואס מעהר זיא האט געקוקט אויף דעם שיפעל איז זיא אלץ מעהר פעראינטערעסירט געווארין, איהר האט אויסגעזעהען אז דער מענש וואס זיטצט אינ׳ם שיפעל איז יודעלע.

נור עס קאן ניט זיין אז דאס זאל זיין יודעלע — האט זיא צו זיך אליין געזאגט — דען ער קאן געוויס ניט אזויא געשיקט רודערן, דאס איז אנ׳אנדערער, געוויס איינער פון דיא פישער וואס וואהנען ארום דעם טייך.

דיא שיפעל איז מיט יעדער מינוט געקומען נעהענטער צום שלאס.

דאס איז פארט יודעלע! זיא האט ערקאנט זיין הויז זיין פיגור, דאס איז ער, עס איז קיין צווייפעל אז דאס איז ער.

דאס הערץ האט אין איהר אנגעהויבען שטארק צו קלאפען, אך ווען זיא זאל האבען אפערגרעסערונגסגלאז אונ אהין אקוק טאהן אום זיך בעסער איבער צו צייגען צו דאס איז ער אונ בעטראכטען גוט זיין געזיכט, דיא מינע וואס ליעגט יעצט אויף זיין פנים, וויא גליקליך וואלט זיא זיך געשעצט.

דאס שיפעל איז צו געשוואומען צום בארג אונ יעצט האט זיך שוין מאליא ריכטיג איבערצייגט אז דער מאן וואס זיטצט אין שיפעל איז יודעלע, זיא האט פערשטאנען אז ער וועט באלד ארופשטייגען אויף דעם בארג דורך דער שמאלער וועגעלע וואס פיהרט פון אונטען ארויף.

אזא בעגעגנונג האט זיא ניט ערווארטעט, אונ מערקווירדיג וואר דאס, וואס אבוואהל זיא איז פריהער פערטיג גיוועזען אהאלב לעבען אבצוגעבען אום יודעלען צו זעהען מיט איהם צו ריידען, פון דעסט וועגען איז איהר זעהער שווער גיוועזען זיך יעצט מיט איהם צו בעגעגנען, ווארום דאס איז איהר שווער גיוועזען אין דעם האט זיא זיך זעלבסט קיין רעכנונג געוואלט אב

(יוא״נ ח״ד)

געבען, עפעס וואהר איהר זעהער שווער איהם צו קוקען גלייך אין דיא אויגען נאך דער סצענע וואס אין איהר געגענווארט האט זיך אבגעשפילט אין זיין צימער, זיא איז שוין געוועזען בעשלאסען אוועק צו געהען איהם אויסמיידען אבער זיא האט דאס ניט געקאנט, זיא איז וויא צו געשמיעדט שטעהען געבליעבען אויף דעם ארט און האט זיך פון'ם ארט ניט געקאנט ריהרען.

פון ווייטען האט זיא געזעהען וויא יודעלע קריכט אויפן בארג.

דיא שמאלע פוס וועג וואס יודעלע איז יעצט געגאנגען האט געפירט ביז צום שלאסטויער, און ווען מאליא זאל געוועזען שטעהן בלייבען אויף איהר ארט וואלט זיא יודעלע אויסגעמיידט, דען דיא וועג האט זיך געצויגען אן אזייט און אין דער קרים.

זיא האט אייניגע מינוטען געקלערט וואס זיא זאל דא טאהן און זיא איז באלד געפאלען אויף אקלוגין פלאן.

וויא מיר ווייסען איז דער שלאס געוועזען ארום געריננעלט מיט אגעדיכטען וואלד, יודעלע האט געמוזט דעם וואלד דורכגעהען, אין דיזען וואלד איז יעצט מאליא אריינגעלאפען, האט זיך געזעצט אונטער אבוים וואס איז געשטאנען דיכט נעבען דעם פוסוועג און האט זיך געמאכט וויא זיא איז פערזונקען אין טיעפען שלאף.

ווען יודעלע האט מיך ליעב וועט ער מיר ניט פארביי געהען קאלט — האט זיא זיך געטראכט — ער וועט געוויס מיט מיר וועלען אנבינדען אגעשפרעך און ער וועט מיך פון'ם שלאף אויפוועקען, וועט ער מיר אבער פאר ביי געהען גלייכגילטיג אהנע מיך צו בעריהרען איז דאס אבעווייז אז ער האט מיך גאר אין זינען ניט.

עס האט געווערט ביינאהע אפירטעל שטונדע האט זיא געהערט טריט ניט ווייט פון זיך, דורך דיא עטוואס גיעפינטע אויגען האט זיא דער זעהען יודעלען וויא ער געהט לאנגזאם דעם בארג ארוף, זיא האט פעסטער צו געמאכט דיא אויגען זא דאס מען האט ווירקליך געקאנט מיינען אז זיא שלאפט זעהער שטארק און געשמאק.

יודעלע איז זיך געגאנגען זיין וועג פערטיעפט אין געדאנקען, דאס איז ער געפאהרען פון דעם דערפעל ריבאלאווקע וואו אלע פישערס פון דעם געגענד וואהנען, ער איז געוועזען אין דעם דערפעל מיט דער אבזיכט אוים צו געפינען יענעם פישער וועלכער האט געזעהען דאס אמאן האט אריין געווארפען אקינד אין טייך, ער האט אבער אין דעם דערפעל יענעם פישער ניט געפונען און ביי איהם איז געבליעבען ער זאל אונטערפאהרן צום שלאס זיך זעהען מיט דעם וועכטערס קינד וועלכען קארמעליע האט אין יענעם פערהענגניספאלען טאג בעגעגענט אין דעם פלאטץ וואו דער

קליינער קאליא האט זיך געפונען, אום גיכער צו דעם שלאס צו קומען האט ער געדונגען ביא איינעם פון דיא פישער אשיפעל אונ איז צו געשוואומען צום שלאס.

אונגעפעהר צעהן איילין ווייט פון דעם ארט וואו מאליא איז געלעגען האט ער דער זעהען דאס אפרויא ליענט ביים וועג.

דאס מוז זיין איינע פון דיא דינסטען וואס געפינען זיך אין שלאס — האט ער זיך געקלערט אונ איז נעהנטער צו געגאנגען, וויא ערשטוינט איז ער אבער געווארען אז ער האט דער זעהען מאליא ראזענהויז.

וויא קומט זיא אהער? — האט ער זיך זעלבסט געפרעגט אונ איז שטעהען געבליבען — זיא זאל אין מיטען העלען טאג זיך לייגען שלאפען אין דיעזען וואלד דאס איז ניט אומזאנסט.

וויא פערענדערט זיא איז געווארין פון יענער צייט וואס איך האב זיא צום לעצטען מאהל געזעהן — האט ער זיך ווייטער געטראכט — זיא האט געמוזט קראנק זיין אדער זיא האט געוויס גרויסע שמערצען איבער געטראגען אונטער דער צייט.

אבוואהל זיא איז זעהער פערענדערט געווארען פון דעסט וועגען האט זיא זעהער שיין אוים געזעהן, איהם האט זיך געדאכט דאס זיא איז קיין מאהל אזויא שיין ניט גיוועזן, גראדע דיא בלאסקייט האט איהר פיעל חן צו געגעבען.

ער האט זיך דערמאהנט וויא זיא איז געקומען צו איהם אין צימער, מיט וואס פאר פריינדליכקייט זיא האט צו איהם גירעדט אונ וויא זיא האט דאס לעבען אוועק געלייגט איהם צו ערמונטערן אין דער צייט ווען ער איז אין אונמאכט געפאלען.

זיא ליעבט מיך — האט ער אין איהם גירעדט — יא איך צווייפלע גאר ניט אז זיא ליעבט מיך אונ איך וואר אזויא בעשעפטיגט מיט קארמעליען דאס איך האב איהר ליעבע ניט בעמערקט, דאס וואר פון מיר זעהער אונמענשליך, ווען אזא מעדכען פון אזא שטאנד ליעבט מיך האב איך מיך בעדארפט העכסט גליקליך פיהלען אונ איהר צייגען אז איך האב איהר ליעבע פערדינט, וויא דום וויא נאריש איז דאס פון מיר גיוועזן וואס איך האב דאס ביז אהער ניט בעמערקט, איך מוז געשטעהען אז איך בין אנ׳אונדאנקבארער מענש.

איך מוז זיא אויפוועקען אונ וועל מיט איהר שפרעכען, יא איך וועל יעצט מיט איהר אפען ריידען, אויב איך וועל בעמערקען אז זיא ליעבט מיך ווירקליך וועל איך איהר ערקלערען אז איך פיהל מיך דאדורך גליקליך, איז דען דאס פאר מיר טאקע ניט דאס גרעסטע גליק? האבען אזא שיינעם ענגעל פאר אווייב קאן איך בעסערס ערווארטען.

אשמייבעל (יוא״ג ח״ד)

אשמייכעל האט זיך אויף זיין געזיכט בייא דעם געדאנק געוויזען, ער האט געלאכט פון זיך אליין.

ווען זאגאר זיא ליעבט מיך מיט דעם גאנצען פייער פון דער שטארקסטער ליעבע קאן דאך זיין אז איהרע עלטערן וועלין ניט ערלויבען זיא זאל מיך הייראטהען, דען וויא קום איך צו זייא, קאנען זייא פאר זייער טאכטער אבעסערן בייכערן חתן אלס איך בין ניט געפינען? זייא וועלען געוויס דאפאן ניט וועלין הערען, אונ איך וועל זיך אויך מאליאן נור דיא גרעסטע שמערצען פערשאפען, עס וועט זיין פיעל גלייכער ווען איך וועל זיא גאר ניט טשעפען.

ער האט געוואלט געהן זיין וועג אבער ער איז ווייטער שטעהן גע-בליבען, עס האט איהם וויא געצויגען צו דער שלאפענדער שענהייט, ער האט זיינע אויגען ניט געקאנט פון איהר געזיכט אברייסען.

וואס קאן דאס שאדען ווען איך וועל מיט איהר ריידען — האט ער צו זיך אליין געזאגט — אויב איך האב קיין אירטהום אונ זיא האט מיך ווירקליך ליעב וועט זיא דאך מיר אליין זאגען צו איז דא אהאפנונג זיא זאל מיינע זיין. יא, איך מוז זיא אויפוועקען.

ער איז נעהענטער צו איהר צו געגאנגען האט זיא נאך איניגע מינוטען בעטראכט אונ האט מיט אזאנפטער שטימע געזאגט: פריילין ראזענהויז איהר קאנט זיך פערקיהלען ליעגענדיג אויף דער קיהלער ערד.

זיא האט דיא אויגען גיעפינט, האט זיך וויא פון אשטארקען שלאף ערוואכט אונ האט גיענטפערט: א הערר פיינהערץ! איהר וועט געוויס פון מיר לאכען דער פאר וואס איך בין וויא אקליינעס קינד אין דעם וואלד אנשלאפען געווארען.

פון דעם איז ניטא וואס צו לאכען, אבער איהר קאנט זיך דא פער-קיהלען, דיא טעג זיינען שוין קאלטע.

איך דאנק אייך פאר דעם וואס איהר זארגט פאר מיין געזונד — האט זיא געזאגט אויפשטעהענד פונ'ם ארט — וואס מאכט איהר ליעבער פריינד, איך האב אייך שוין זעהער לאנג ניט געזעהען, איהר ווייזט אויס זעהער שלעכט אין געזיכט, זענט איהר קראנק גיוועזען?

ניין, איך פיל מיך פאלקאממען געזונד, נור דיא שרעקליכע ענדע פון דער גרעפין קארמעליע האט אויף מיר זעהער אשלעכטען איינדרוק געמאכט.

מיט דער פריינדשאפט וואס איהר צייגט דער גרעפין האט איהר נאך מיינער מיינונג שוין אביסעל איבער געהאפט דיא מאאס, אזעלכע לייגען דאס גאנצע לעבען פאר אנ'אונגליקליכער איז ניט אייער פפליכט.

 עס

עס קאן זיין אז איך האב דאמיט שוין דיא מאאס איבער געהאפט, אבער איך קאן דאצו ניט העלפען, איך האב שוין אזא נאטור, אגראסעס אונרעכט קאן איך ניט זעהען אונ קאן עס ניט ערטראגען, זאגאר יעצט ווען איך וייס דאס דיא גרעפין איזט שוין טויט אונ מיט מיין פריינדשאפט קאן איך איהר קיינע נוטצען ברייגען, טרייבט עס מיך אויס צו געפינען דיא ריכטיגע מערדער פון איהר ברודער אום וועניגסטענס איהר נאמען ריין צו וואשען.

אבער נאך מיינער מיינונג איז פון אייער זייטע אויך אגראסעס אונרעכט וואס צוליעב דער געשטארבענער גרעפין פערגעסט איהר אן אייערע לעבענדיגע גוטע פריינד....

איך וייס גאר ניט צו האב איך זאלכע הייסע גוטע פריינד וואס האבען בייא מיר פערדינט איך זאל זייא אין זינען האבען.

וואס אייערע איבעריגע גוטע פריינד בעלאנגט ווייס איך ניט, אבער איך צום בייאשפיעל וייס אז איך בין אייך איינע וואהרע פריינדין.

דאס האב איך שוין לאנג בעמערקט, אבער איך האב געצווייפעלט צו דאס איז וואהרע פריינדשאפט, ווייל איך האב בייא אייך פון מיינער זייטע ניט פערדינט איהר זאלט מיר אבעסערע פריינדין זיין אלס אלע איבעריגע מענשען.

דאס רעדט איהר זעהער אונפראקטיש, נאך מיינער מיינונג דארף מען קיין פריינדשאפט פערדינען, צווייא פערזאנען קאנען זיך דיא בעסטע פריינדע זיין נור איינציג דער פאר וואס איינער סימפאטיזירט דעם צווייטען....

ווען איך זאל גיוען וויסען דאס איהר סימפאטיזירט מיך וואלט איך מיך פאר אגליקליכען געשעצט.

ווען איהר מיינט דאס ערנסט מאכט איהר מיך גליקליך מיט דיא ווארטען — האט זיא פערשעמט גיענטפערט.

יודעלע האט זיא איינינע מינוטען בעטראכט, אזיכער שודער איז איבער אלע זיינע גליעדער דורכגעגאנגען אונ ער האט ענדליך געזאגט: ווען איהר פערלאנגט יא אנ'ערנסט ווארט צו הערען נעם איך מיר דיא פרייהייט אויך דאס זעלבע צו פערלאנגען: זאגט ליעבע מאליא, זאגט מיר אויף ריכטיג וואלט איהר צופריעדען גיוען מיט מיר צוזאמען דעם לעבענס-בריק דורכצושפאנען?

אנשטאט אנ'אנטווארט האט איהם מאליא איהר האנד געדייכט.

מאליא! טהייערע מאליא איך ליעבע דיך! — האט יודעלע ענטציקט אנגעשרייא

(יוא"ג ח"ד)

אַנְגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן עֶרְגְרַייפֶענְד אִיהר הַאנְד אוּנ זִיא בֶּעדֶעקֶענְד מִיט הַייסֶע קִיסֶע .

מֶעהר הָאבּ אִיךְ נִיט פֶערְלַאנְגְט וִויא דָאס פוּן דִיר צוּ הֶערֶען — הָאט מאליא גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ פְרֵיידֶענְטְרֶעהְנֶען הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פוּן אִיהרֶע שֵׁיינֶע אוֹיגֶען צוּ קַייקְלֶען — יֶעצְט בִּין אִיךְ דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל .

ז.

דִיא גְנֵבָה .

אַרַעשׁ , אַגְוַואלְד אִין שְׁטֶעדְטֶעל !

מֶען הָאט רבי האצקעל דֶעם בַּעַל טַקְסָא בֶּעגַנְבֶעט , זַיין גַאנְצֶע גָאלְד זִילְבֶּער אוּנ שְׁמוּק הָאט מֶען אַרוֹיס גֶענוּמֶען , וִויא מֶען הָאט עֶרְצֶעהלְט אִיז דֶער גַנָב אַרַיין גֶעקְרָאכֶען דוּרְךְ אֵיינֶע פוּן דִיא פֶענְסְטֶער אִין זַאאל פוּן דָארְט אִיז עֶר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין חאצקעלס צִימֶער אוּנ הָאט דֶעם פֶערְשְׁלָאסֶענֶעם שְׁרַאנְק אוֹיפְגֶעבְּרָאכֶען אוּנ פוּן דָארְט אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען .

דָאס אִיז נָאךְ אַגְלִיק גִיוֶועזֶען וָואס זַיין חָתָן דֶער דענענבורגער יְשִׁיבָה בָּחוּר הָאט גֶעשְׁלָאפֶען אִינֶ'ם זַאאל — הָאט מֶען עֶרְצֶעהלְט — דֶען עֶר הָאט עֶרְ־הֶערְט וִויא יֶעמַאנְד גֶעהט אַרוּם אִיבֶּער דֶער שְׁטוּבּ דַארוּם הָאט עֶר גֶע־מַאכְט אַגְוַואלְד אוּנ דֶער גַנָב הָאט זִיךְ עֶרְשְׁרָאקֶען אוּנ אִיז בַּאלְד דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער אַרוֹיס גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען .

דֶער חָתָן גֶעבְּלִיבֶּען אִיז גֶעבְּלִיעבֶען הַייל נַאקֶעט וִויא דִיא מַאמֶע הָאט אִיהם גֶעהַאט — הָאט מֶען וַוייטֶער עֶרְצֶעהלְט — דֶען דֶער גַנָב הָאט צוּ גֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע קְלֵיידֶער זָאגַאר זַיינֶע שְׁטִיפֶעל הָאט עֶר פֶערְחַאפְּט , זָא דָאס רבי חאצקעל גֶעבְּעךְ הָאט אִיהם גֶעמוּזְט גָאר אוֹיף דָאס נַייע בֶּעקְלֵיידֶען .

אָבְּוָואהל אַלֶע אַיינְוָואהנֶער פוּן הארידאק הָאבֶּען זִיךְ אִימֶער גֶעווִיזֶען אַלְס חאצקעלס בֶּעסְטֶע גוּטֶע פְרַיינְד פוּן דֶעסְט וֶועגֶען הָאבֶּען זֵייא אַלֶע שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן זַיין מַפָּלָה , יֶעדֶען אֵיינְצִיגֶען הָאט גֶעפְרֵייעט וָואס דֶער פְּרָאצֶענְטְנִיק הָאט אַזֹא שְׁוַוארְצֶען סוֹף גֶעהַאט .

אוּנ חאצקעל אַלֵיין אִיז גִיוֶועזֶען מֶעהר טוֹיט אַלְס לֶעבֶּעדִיג , דֶער מֶענְשׁ וַואר אַזוֹיא קַארְג דָאס עֶר הָאט זִיךְ נִיט פֶערְגוּנֶען דָאס עֶסֶען וָואס עֶר עֶסְט , הָאט עֶר גֶעקָאנְט בַּייא יֶעמַאנְדֶען אַרוֹיס קְוֶועטְשֶׁען נָאךְ עֶפֶּעס פְּרָאצֶענְט הָאט עֶר אִיהם זָא לַאנְג גֶעקְוֶועטְשְׁט בִּיז יֶענֶעם אִיז שִׁיעֶר דִיא

נְשָׁמָה אַרוֹיס, אוּנ פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעהַאט אַזַא גְוַואלְדִיגֶען שָׁאדֶען וָואס הָאט בֶּעטְרָאפֶען גֶעוִויסֶע זֶעכְּס טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל.

זֶעכְּס טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל צוּנֶעהמֶען בַּייא אַפְּרָאצֶענְטְנִיק, בַּייא אַזַא פִּיאוִוקֶע וָואס אִיז גֶעוָואהנְט גֶעוָוארִין נוּר צוּ זוֹיגֶען יֶענֶעמְס בְּלוּט דָאס אִיז קֵיין קְלֵיינִיגְקֵייט.

חאצקעל אִיז שְׁוֶער וַואהנְזִינִיג גֶעוָוארִין אוֹיס גְרוֹיסֶע שְׁמֶערְצֶען, עֶר אִיז אַרוּם גֶעפְלוֹיגֶען וִויא אַפֶּערְגִיפְטֶעטֶע מוֹיז, עֶר הָאט גִיעֶפִּינְט זַיין בַּייטֶעל אוּנ הָאט גֶעטֵיילְט גֶעלְד דֶער פָּאלִיצֵייא סֶען זָאל דֶעם גַנָב אוֹיס גֶעפִינֶען, בַּייא אִיהם אִין הוֹיז אִיז גִיוֶוען אַנַאהֶער חוּרְבָּן, זַיין וַוייבּ אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער זַיינֶען גִיזֶעסִין פֶערְצְוֵייפֶעלְט פֶערְוֵויינְט אוּנ פֶערְטְרוֹיֶערְט, עֶפֶּעס אַקְלֵיינִיגְקֵייט אַזַא הֶיזֶק אוּנ נָאךְ פַאר אַחְתוּנָה.

אַלֶע הָאבֶּען בֶּעוואוּנְדֶערְט דִיא גֶעטְרַייאַשַׁאפְט פוּן דֶעם חָתָן, עֶר אִיז אוֹיךְ אַרוּם גֶעלָאפֶען אִין אַלֶע גַאסֶען זוּכֶען דֶעם גַנָב, עֶר הָאט יֶעדֶען אֵיינְ=צִיגֶען עֶרְצֶעהלְט דֶעם שְׁרֶעק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִיזֶע נַאכְט אַלְס עֶר הָאט עֶרְהֶערְט דִיא מוֹרִיט פוּנֶ׳ם גַנָב, לוֹיט וִויא עֶר הָאט עֶרְצֶעהלְט אִיז דֶער גַנָב גִיוֶוען אַהֵייבֶער דִיקֶער מַאן מִיט אַרֶעוָואלְוֶוער אִין דֶער הַאנְד.

אִיהר דַארְפְט גוֹמֵל בֶּענְשֶׁען — הָאבִּין אִיהם דִיא הָארִידָאקֶער חֲכָמִים גֶעזָאגְט — וִויא וַוייט הָאט גֶעפֶעהלְט אִיהר זָאלְט חָלִילָה וְחַס דֶערְשָׁאסֶען וֶוערִין?

דָאס אִיז טַאקִי נוּר גִיוֶוען זְכוּת אָבוֹת וָואס אִיךְ בִּין אַלֶעבֶּעדִיגֶער אַרוֹיס פוּן זַיינֶע הֶענְד — הָאט דֶער חָתָן גִיעֶנְטְוֶוערְט — אִיהר שְׁפִּיעלְט זִיךְ עֶפֶּעס מִיט אַזַא גַנָב וָואס הַאלְט אַרֶעוָואלְוֶוער אִין דֶער הַאנְד? אַזַא מֶענְשׁ גֶעהט דָאךְ טַאקִי מִיט דֶער דֵעָה צוּ הַרְגֶענֶען יֶענֶעם וָואס וֶועט אִיהם אִין וֶועג שְׁטֶעהֶען.

מִיא וֶועט מִיר נִיט אַיינְשְׁמוּעֶסִן — הָאט חאצקעל וֵויינֶענְד גֶעשְׁרִיעֶן צוּ אֵיינִיגֶע פוּן זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד וָואס זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִיהם טְרֵייסְטֶען — דָאס הָאט מִיךְ בְּדַלוּת גֶעשְׁטֶעלְט אֵיינֶער פוּן מַיינֶע שׂוֹנְאִים, אָ וֶועה צוּ מַיינֶע יָאהרֶען! מִיא הָאט מִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, גְוַואלְד יוּדֶען רַחֲמָנִים שְׁוַוייגְט נִיט רוּהְט נִיט הֶעלְפְט מִיר זוּכֶען דֶעם רוֹצֵחַ וָואס הָאט מִיךְ אַזוֹא אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, אִיהר וֶועט דִיא גְרֶעסְטֶע מִצְוָה פֶערְדִינֶען, אִיהר וֶועט זִיךְ פֶערְטִיגֶע עוֹלָם הַבָּא קוֹיפֶען.

אָבֶּער וואוּ זוּכְט מַאן דֶעם גַנָב? דֶער עוֹלָם הָאט אִיהם גֶעוָואלְט אוֹיס=גֶעפִינֶען נִיט אַזוֹא צוּלִיעבּ חאצקלע׳ן אַטוֹבָה טָאהן נוּר אֵיינְפַאךְ וַוייל יֶעדֶער הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט דֶעם גַנָב גֶעפִינֶען וֶועט עֶר אַשַׁיינֶע מַטְבֵּעַ פֶערְדִינֶען.

און וֶועהרֶענְד אַלֶע הָאבִּין זִיךְ גֶעבְּרָאכִין דִיא פִּיס אוּנ דִיא קֶע[...] בּוֹא

(יוא״ג ח״ד)

געפינען

געפינען דעם גנב, איז דער גנב אליין געווען צווישן זיי און האט זיי געגעבן עצות וויא אזוי דעם דיעב צו געפינען.

טאקי שמונקע גנב אדער דער דעגענבורגער ישיבה בחור ער האט זיך קאלטבלוטיג אויס געהערט יעדענס ווערטער און מיינונג וועגן דעם גנב און האט אין זיך שטארק געלאכט, „יא מיינע טייערע" האט ער זיך געטראכט „איהר מאגט טאקע זיין די גאנץ גרויסע חכמים, אבער אין אייערע קלוגע קעפ וועט דאך ניט איינפאלען דער געדאנק אז איך אליין בין דער, וועגן וועמען איהר קלערט יעצט, יא די אלע טהייערע זאכען וואס מאן האט ביי מיין לעבין טהייערין מחותן צוגענומען זייגען ביי מיין ליעבען חבר זשוליק זאל לעבין, דאס איז ערשט אפארעדע צוא אונזער גרויסעם ווערק, אין דער גרויסער ווערק וועט ליעגין מיין מחותנ'ס גאנצעם קאפיטאל...

דער גאנצער טאג איז פארייבער אין רעש און טומעל, מאן האט אין דער גאנצער שטאדט פון קיין אנדער זאך גירעדט וויא נור פון רבי חאצקעלס גנבה, דער טהייערער חתן האט געטרייסט זיין כלה מיט זיינע מחותנים, ער האט זיי פערזיכערט אז דער גנב וועט זיך נאך געפינען און מיא וועט ביי איהם אלעס אבנעהמען, דאביי האט ער זיי ערצעהלט פיעלע עהנליכע געשיכטען פון גנבים וועלכע מאן האט געפונען און זיי האבין געמוזט צוריק אבגעבין דאס וואס זיי האבין געגנבעט.

נור קאנען זאלכע ווארטין געבין טרייסט אזא סוביעקט וויא דער געלד גיעריגער רבי חאצקעל איז געוועזן, דער געדאנק אז מאן האט ביי איהם זעקס טויזענד רובעל צוגענומען האט איהם זא צערשמעטערט, זא צוטומעלט דאס ער האט זיך ניכט געקאנט טרייסטין, ער איז פאר נאכט אהנמעכטיג געפאלען אויף אשטול און מאן האט איהם געמוזט לייגין קאלט וואסער צום קאפף.

שמונקע גנב איז אוועקגעגאנגען מיט דעם אויסרייד נאכפארשונגען צו מאכין וועגען דעם דיעב.

ער האט דעם ריכטיגען וועג געוואוסט און איז אין אקורצער צייט געוועזן ביי דער אלטער כשוף מאכערין נאסטאסטיע אין קליינעם שטיבעל.

מיט אפריידענגעשרייא האט איהם זיין חבר זשוליק עמפפאנגען, ביידע קאמעראדען האבין זיך הערצליך געקושט און די אלטע מוהמע האט באלד ארופגעטראגען אויפין טיש איהר פלאש שנאפס מיט פערשיעדענע צובייסאכין, די גוטע ברידער זאלין זייערע פערשמאכטע הערצער אביסעל ערקוויקען.

די קאמעראדין האבין זיך רעכט לוסטיג געמאכט און האבין זיך גע-

נומען בעטראכטען דיא סחורה וואס זייא איז אין דיא הענד אריינגעפאלען, זשוליק האט ארופגעטראגין דעם גאנצען פעקעל וואס ער האט דערטאפט ביא חאצקלען אין הויז, אונ דיא ביידע סוחרים זיינען אויסער זיך געווארין פון דיא טהייערע זאכין וואס זייא האבין דא געפונען, דא ווארען זאלכע אלטע אנטיקען וואס זיינען געלעגען ביא דעם פראצענטניק פערזעצט אונ חאצקעל אליין האט זייער גראסען ווערטה ניכט געוואוסט.

מיין מחותן האט זעהר שיין חתונה געהאט — האט שמונקע גנב געלאכט — ער האט מיט מיר זעהר גוט געטראפין, איך האב איהם פערשפארט דיא ארבייט מיר נדן צו געבין, איך האב אליין גענומען.

היינט שטעל זיך פאר וויא גליקליך ער וועט זיך פיהלען ווען מיר וועלין ענדיגען דיא חופה וועטשערע — האט זשוליק מיט דעם זעלבין טאן געענטווערט — דיא דרשה געשאנק וואס מיר וועלין זיך אליין נעהמען וועט נאך מעהר ווערטה האבין אלס דער נדן.

געוויס, געוויס, מיר דארפין אבער אן אונזער מחותנתטע אויך נים פערגעסין, איך מיין דער מוהמע נאסטאטסיע, מיא דארף איהר אויך איינטהיילען אשיינעם חלק פון דער חופה וועטשערע.

יא, זיא האט דאס ביא אונז כשר פערדינט, אבער זאג מיר מיין טהייערער שמונקע ווען וועלין מיר צוטרעטין צו דער חופה וועטשערע? דוא ווייסט אז פאר אונז ביידין איז דאס נים אזא גרויסע מעלה איך זאל דא נאך לאנג זיטצען, אקשיא אויף אמעשה וואס ס'קען זיך מאכין.

דאס האסט דוא אויך רעכט, עס קאן אויפפאלענד ווערין ווען מיא וועט דא בעמערקען אפרעמדע פערזאן אין שטעדטעל, קיין פאשפארט האסט דוא דאך געוויס נים.

פון וואנען זאל איך האבן אפאשפארט, דוא ווייסט דאך אז אין אסטראג נים מאן קיינע פאשפארטען.

אלזא מוז מאן צוא אלעם ערשטין פאר דיר בעקומען אפאשפארט, דאן וועסט דוא וועניגסטענס זיך קאנען ארום ספאציערען אין דיא ארומיגע שטעדטליך אונ דערפער.

וויא אזוא וועסט דוא מיר בעקומען אפאשפארט?

וויא אזוא וויים איך נאך נים, איך וועל מיך וועגין דעם בעמיהען, נור עס שאדעט ניכט אז פון דיין זייט זאלסט דוא אויך נים שווייגען אונ זאלסט זעהען ערגעץ בעקומען אפאשפארט, וויא אזוא דוא זאלסט דאס בעקומען דארף איך דיך נים לערנען, דוא האסט שוין נים איינמאהל ארויסגעגנבט ביא איינעם זיין פאשפארט.

ווען מיר וועלין ביידע זוכען וועלין מיר געוויס געפינען, דערווייל גלויבע

איך שאדעט ניכט ווען איך וועל אָנהייבּין צוא טראַכטין וועגין יענער נייער גבירה וואס וואהנט אין דעם דאָרף יענקי .

דוא מיינסט דיא פון וועלכער אונזער מוהמע האט דיר געזאָגט ?

יא , לויט וויא דיא מוהמע ערצעהלט קאן מאן בייא איהר דערטאפּין אנאנין גראַבּע אפּותיקא , דוא ווייסט שמעונקע וואס איך וועל דיר זאגין , אַז לויט מיר ווייזט אויס קאן מאן אין דיא קליינע שטעדטליך פיעל בעסערע געשעפטע מאכין אלס אין דיא גרויסע שטעדט , דאס הערין זאגט מיר אַז מיר וועלין פון דאנען ארויסגעהען נאך שענער אלס דיא יודען זיינען ארויס געגאנגען פון מצרים .

דוא דארפסט גאר אין דעם ניט צווייפלען , באלד וויא איך בין אין דעם שטעדטעל אריינגעפאהרען האב איך בעמערקט אַז דא איז אַנאַלדנרובּע , קאנסט פערשטעהן פון דעם אליין וואס איך זיטץ שוין דא אַזוא לאנג אונ קלער נאך מיר ניט אוועקצופאהרען , מיר האט נור געפעהלט אַצווייטע האנד אונ וויא באלד דוא ביזט דא האב איך שוין ביידע הענד אונ מיר קאנען דיא גלענצענדסטע גישעפטע מאכין , אַלזא זאל איך פאהרען הייטע נאך דעם דאָרף יענקי ?

נאך הייטע אבינד ווילסט דוא פאהרען ?

ווארום ניכט הייטע ? עס איז אַשאדע דיא צייט , פערגעס ניט אַז איך האב מיך אַזא לאנגע צייט אויסגערוהט אין אַסטראג אונ מיר ווילט זיך עפּעס טאהן , איך וויל אייגפּאך האפּין דעם היזק וואס איך האב גע־האט דורך מיין לאנגעס זיטצען אין דעם פערפלוכטען אַסטראג .

נוא ווען דוא ווילסט נור הייטע פאהרין וועל איך דיך ניט אָבּהאלטין , ווייסט דוא אָבער אַז דוא מוזט פאר דער נייער גבירה ערשיינען אלס אַמוזשיק , אום זיא זאל דיר איהר צוטרויען שענקען .

אלס מוזשיק ? חא חא חא ! — האט זיך זשוליק צולאכט — דוא ביזט מיין ליעבער שמעונקע גאר קאלע געוואָרין , ווען איך וועל פאר איהר אלס מוזשיק ערשיינען וועט זיא דאך מיט מיר קיין צווייא ווארטין ניט וועלין אויסריידען , דען זיא איז דאך יעצט אַגבירה איז זיא געווים זעהר שטאלץ .

וויא דען קלערסט דוא פאר איהר צו ערשיינען ?

אלס איין טאיני סאווועטניק (געהיימראטה) וואס איז געשיקט געוואָרין פונם גובערנאטאר מאכין בייא איהר אַנ'אָבּיסק צוא געפינט זיך בייא איהר קיין פאלש געלד ....

בראַוואָ זשוליק ! — האט שמעונקע העבּסט צופרידען אַגעשרייא געטאהן — דאס איז אַפּארטרעפליכער ראטה , איך מוז דיר זאגען אַז דוא שטייגסט שוין באלד איבער דעם רבּין .

(יוא״ג ח״ד)

ח.

אוים גבירה.

זעהר אנ'אפטער גאסט איז געוועזן סאווין דאמבראווסקי ביי אונזער בעקאנטער אגאפיען, ער האט איהר געמאכט דעם האף וויא אנ'עכטער קאוואליער, אגאפיע וואר אויסער זיך פאר פריידע, זיא האט פעסט געגלויבט אז דער פאן דאמבראווסקי איז אין איהר ערנסט פערליעבט אונ זיא האט שוין פאנטאזירט פון דעם גליקליכען צוקונפט ווען זיא וועט זיין דיא פערוואלטערין פון דעם דארף מארינקא אויף העלענאס ארט. סאווין האט שוין פון איהר ערפאהרען דאס זיא האט אסך געלד. אבער וואו זיא האט דאס געלד גענומען דאס האט זיא נאך ניט געוואלט זאגען.

איהר טאכטער וועלכע האט גוט געזעהען וויא איהר אלטע מוטער ראמאנסירט מיט דעם פאן דאמבראווסקי, וואר אויסער זיך פאר כעס. זיא האט געהאפט דאס נאך דר מוטערס טאדט וועט זיא אלס איהר איינציגע טאכטער אויך איהר געלד ערבין, אבער קוים וועט זיא זיך פערבינדען מיט דעם פאן דאמבראווסקי, האט זיא גוט פערשטאנען אז דער מוטערס געלד וועט אין אנדערע הענד אריינפאלען, דארום האט זיא זיך בעמיהעט דיא ליעבע איינצולעשין אדער צערשטערין.

צו אלעם ערשטין האט זיא אריינגעשריעבען אבריעף צו העלענאן אין וועלכין זיא האט איהר בענאכריכטעט פון איהר מאנטפערהעלטניסע צוא איהר מוטער, זיא האט געגלויבט אז קוים וועט העלענא דאפאן ערפאהרען וועט זיא שוין דעם מאן ניט לאזין פאהרין אהער, אבער צוא איהר גראסין פערדרוס האט זיא ערהאלטין פון העלענאן איין אנטווארט דאס זיא האט שוין לאנג בעמערקט אז איהר מאן האסט זיא אונ דארום פעראכטעט זיא איהם אזוא דאס איהר קימערט גאר ניכט וואס ער טוהט.

דיא זארגפאלע טאכטער האט יעצט געזוכט אנ'אנדער וועג וויא אזוא דער מוטער אבצורייסין פון איהר געליעבטין, אונ וויא עס האט אויסגעזעהען האט זיא דעם ריכטיגען וועג געפונען וויא אזוא איהר ציעל צו עררייכין.

אלס זיא איז מיט אגאפיען איין מאהל געזעסין נעבען דעם נייעם סאמאוואר אונ ביידע האבין פערגעניגט געטרונקען טהייא, האט מארינא (אזוא האט דיא טאכטער געהייסין) זיך געווענדעט צוא דער מוטער מיט פאלגענדע ווארטען:

דוא ווייסט מאמע וואס איך האב היינט געהערט ערצעהלען?

וואס? — האט אגאפיע נייאגיעריג געפרעגט.

זיא האט מיר ערצעהלט אז דער פאן סאווין דאמבראווסקי שטעהט זעהר שלעכט .

וואס הייסט שלעכט ?

נאר איינפאך ער איז זעהר ארם , אגעוויסער מענש האט מיר ערצעהלט אז זיין גאנצע אימעניע איז פערפפאנדעט (פערמשכנט) אונ עס וועט לאנג ניט גיווערין וועט מאן זיין גאנצעס איינענטהום פערקויפען פאר זיינע שולדין .

דאס איז אליגען , דאס קאן ניט זיין — האט אנאפיע מיט אנ'אונצופריעדענער מינע גיענטווערט .

ווארום גלויבסט דוא דאס ניכט ? האבין מיר שוין פיעל מאהל ניט געזעהען וויא זאלכע גוטסבעזיטצער וועלכע מאן האט אלס זעהר רייך גירעכינט זיינען זא ארם געווארען דאס מאן האט זאגאר זייערע קליידער פערקויפט ?

אבער דאמבראווסקי איז גענוג רייך , איהם וועט בעהיטע גאט אזעלכעס ניכט טרעפין .

ווארום ווילסט דוא זיין קליגער אלס אלע מענשין ? ווען אוועלט זאגט אויף איינעם אז ער איז געשטארבין אדער ער איז זעהר ארם געווארין דארף מאן ניכער גלויבין אלס ווען מיא זאל זאגין אז ער איז רייך געווארין , זאגט מאן אויף דאמבראווסקין אז ער איז אקבצן דארף מאן דאס גלויבען .

נוא אויב דוא ווילסט קאנסט דוא דאס גלויבין .

איך וויל אבער אז אויך דוא מוטער זאלסט דאס גלויבין .

ווארום פערלאנגסט דוא דאס ?

ווייל וויא איך פערשטעה האט דאמבראווסקי דערשמעקט אז דוא האסט געלד אונ ער וויל זיא בייא דיר אויסנארען , דוא פערשטעהסט, ער וויל זיך רעטען אין זיין שלעכטער לאגע דורך דיין געלד .

אנאפיע האט איהר פערוואונדערט אנגעקוקט .

יא יא מוטער — האט מארינא ווייטער געזאגט — דוא מוזט מיט דעם פאן דאמבראווסקי זעהר פארזיכטיג זיין , איז דיר גאר ניט איין געפאלען דיא פראגע: וויא קומט דאס וואס דער שטאלצער פאן איז פלוצלונג צוא דיר אזוא גוט געווארין ? דוא מיינסט געוויס אז ער האט דיך ליעב , אבער דוא דארפסט דאך אליין פערשטעהן אז אזא מענש וויא דער פאן דאמבראווסקי איז קאן זעהר לייכט יונגערע אונ שענערע פון דיר געפינען , נוא פערשטעהסט דוא דען ניכט אז ער קוקט דא אויס גאר אנ'אנדער זאך , ער וויל דער טאפין דאס געלד וואס דוא האסט, דאן וועט ער דיך פון זיך פערזאגין וויא דער ניעדעריגסטער דינסט .

דיעזע ווארטין זיינען גוט אריין אנאפיען אין קאפף , זיא האט זיך

אנגעהייבן צוא פערעכענען אז איהר טאכטער האט ווירקליך זעהר רעכט, דען וויא קומט דאס וואס אזא שטאלצער פריץ וויא דאמבראווסקי איז, זאל זיך פערליבען אין איהר אין אן׳אלטער פרויא פון דער ניעדעריגסטער קלאסע, קאן ער דען קיין שענערע יונגערע אונ פון אגרעסערין ארט ניכט אויסזוכען?

יא מיין טאכטער האט זעהר רעכט! — האט זיא צו זיך אליין געזאגט — ער האט דערשמעקט אז איך האב געלד וויל ער דאס פון מיר אויסצאפען אונ נאכדעם וועט ער מיר ווייזען אז ער איז דער פאן דאמבראווסקי אונ איך בין ניט מעהר וויא דיא אלטע פריהעריגע אגאפיע וועלכע קיינער האט אין שטוב ניט געוואלט אריינלאזען.

פון יענעם אבענד אן איז איהר גאנצער שטאלץ געבראכין געווארין, צוא איהר הייסגעליעבטען דאמבראווסקי האט זיא זיך געוויזען זעהר קאלט, זיא האט אויף איהם געקוקט מיט פערדעכטיגע בליקען, אונ האט איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט אנגעווענדעט דאצו, אויסצופארשין פון זיין געזיכט וואס ער דענקט אין הערצען.

סאווין האט בעמערקט דיא פערענדערונג וואס איז אין אגאפיען געווארין, ער האט פערשטאנען אז יעמאנד האט זיך דא אריינגעמישט אונ האט אגאפיען דיא אויגען גיעפינט זיא זאל זעהען אז ער איז אין איהר ניט שטערבליך פערליעבט, דאס האט איהם זעהר געקריינקט אונ ער האט אלע קרעפטע אנגעווענדעט זיא פארט איינצובילדען דאס ער ליעבט זיא אום פון איהר צו ערפאהרען דיא ריכטיגע אורזאכע ווארום דיא גרעפין האט איר געלד געגעבין, אבער איהם האט קיין זאך ניכט געהאלפין, אגאפיע האט זיך אין גאנצען אומגיענדערט אונ האט אויף אלע זיינע ליעבליכע ווארטין זייער קאלט גיענטווערט.

דאך האט סאווין דיא האפנונג אויף אנ׳ערפאלג ניכט אויפגעגעבין, ער האט געהאפט אז ענדליך וועט איהם פארט געלינגען פון איהר דיא נעטהיגע געהיימנס אויסצופארשין.

אונ מארינא אלס זיא האט געזעהען דאס איהר האט געלונגען דער מוטער אין איהר זייט צוא נייגען האט נאך מיט מעהר מוטה זיך גענומען אפיינדשאפט צוא מאכין צווישען דעם פאר פאלק, עס האט ווירקליך געהאלטין דאביי א אז אגאפיע זאל מיט שטאלץ ארויס געגען דאמבראווסקין אונ זאל איהם זאגין דאס זיא פערשטעהט זיין פאלשקייט אונ זיא וויל מעהר מיט איהם קיינע געשעפטין האבין, נור פלוצלונג האט זיך געמאכט אזא צופאל וואס האט דיא אלע פערהעלטניסע איבערגעדרעהט.

אין אשיינעם פריא מארגען איז אינ׳ם דארף געקומען ארוססישער מיליציאוניק בעגלייטעט פון אזשאנדאר, ער איז גלייך צוא געפאהרען צוא

דעם פאלאסט וואו דער פריץ פונ'ם דארף האט געוואהנט און האט גע־הייסען דעם בעדינטען מעלדען זיין הערען דאס דער טאיני סאוועטניק בארבאנאוו ווינשט מיט איהם צו שפרעכין.

פאר אטאיני סאוועטניק האט אפאלנישער פריץ גרויס רעספעקט, דער פאן גראזינסקי האט דעם גאסט אריינגעבעטין צוא זיך אין זאל און האט איהם געפרעגט וואס ער פערלאנגט.

מאן האט דעם גובערנאטאר בענאכריכטעט — האט דער טשינאווניק שארף געזאגט — דאס ביי דיר אין דארף געפינען זיך זאלכע פערזאנען וואס האנדלען מיט פאלשע סיגנאטשעס, דארום האט מיך דער גובערנאטאר אהער געשיקט שטרענגע נאכפארשונגען צו מאכין וועגען דעם, איך צווייפלע נאר ניכט דאס איהר הער גראזינסקי וועט מיר העלפין דיא פערברעכער אויסצוגעפינען.

אויב זאלכע פערזאנען געפינען זיך נור אין מיין דארף וועל איך זייא געוויס ניכט שאנען און וועל זייא דיר ארויסגעבין — האט דער פריץ ער־שראקין גיענטוועררט — האט מאן דיר אויך אנגערופין דיא נעמען פון יענע פערדעכטיגע פערזאנען ?

איין נאמען האט מאן מיר אנגעגעבין ער לויטעט אגאפיא בארניצקאיא.

דיא קאן איך זעהר גוט — האט גראזינסקי גיענטווערט — איך האב אויך ערפאהרען דאס זיא האט פיעל געלד, פון וואנען דאס געלד האט זיך צוא איהר גענומען ווייס איך ניכט.

דאס איז אריכטיגער בעווייז אז מאן האט וועגין איהר קיין ליגען ער־צעהלט — האט דער טשינאווניק געזאגט — און איך מוז באלד ביי איהר אין דיין און אין דעם סטארשינאס געגענווארט אנ'אונטערזוכונג מאכין.

עס שטעהט דיר פרייא צו טאהן וואס דוא ווילסט — האט גראזינסקי ערווידערט — איך שיק שאן רופין דעם סטארשינא און דו קאנסט באלד צוא דער אונטערזוכונג צוא טרעטין.

דוא וועסט מיר אגעפאלען טאהן ווען דוא וועסט מאכין איך זאל מיין פפליכט אם שנעלסטין ערפיעלען.

גראזינסקי האט גלייך געשיקט רופין דעם סטארשינא און האט דערווייל דעם גאסט איינגעלאדין צו אגלאז פונש.

באלד האט זיך דער סטארשינא געמעלדעט, דער טשינאווניק האט איהם ערקלערט אום וואס דא האנדעלט זיך און האט איהם אויפגעפאר־דערט איהם נאמען פון געזעטץ ער זאל מיט איהם געהן אין אגאפיעס הויז אנ'אביסק מאכין.

דער סטארשינא וועלכער האט געטראפין דעם טשינאווניק זיטצענד

מיט דעם פאן גראזינסקי בייא אגלאז פונש, האט ניט געצווייפעלט אז ער איז ווירקליך געשיקט פונ'ם גובערנאטאר, דארום איז ער באלד מיט דעם טשינאווניק אין דער בעגלייטונג פון דעם זשאנדאר געגאנגען צוא אנאפיעס הויז.

אנאפיע וויא אויך איהר טאכטער זיינען ערציטערט געווארין אלס זייא האבין אין זייער הויז פלוצלונג דערזעהען א טשינאווניק מיט א זשאנדאר אונ זייער סטארשינא.

ווער פון אייך ביידען הייסט אנאפיא בארניצקאיא? — האט דער טשינאווניק שטרענג געפרעגט.

דאס בין איך — האט אנאפיא ערציטערט גיענטווערט.

דעם גובערנאטאר האט מאן געמעלדעט אז דוא האסט בייא זיך פאלש געלד — האט דער טשינאווניק ווייטער געזאגט — אלזא מוזט דוא מיר דיין גאנץ געלד ווייזין וואס דוא האסט בייא זיך.

איך האב פאלש געלד? — האט אנאפיע אויסער זיך פאר שרעק גיענט= ווערט — וויא קום איך צו פאלש געלד?

רייד ניט פיעל אונ בעוויז דיין געלד.

אנאפיע איז מיט ציטערנדע הענד צוגעגאנגען צו איהר אייזערנעם פער= שלאסענעם שראנק האט איהם גיעפינט אונ האט פון דארט ארויסגענומען אהיבשען פאק סיגנאטשעס.

דער טשינאווניק האט גענומען דאס פעקעל געלד אין דיא הענד האט עס פונאיינאנדער גענומען אונ האט מיט פארשענדע בליקן דאס געלד בעטראכט.

דאס איז פאלש געלד! — האט ער אגעשרייא געטאהן.

וואס רעדט איר גאט איז מיט אייך — האט אנאפיע געזאגט אונ איהר געזיכט איז לייכענבלאס געווארין — דאס געלד האט מיר געגעבין דיא גרעפין טאבאלסקי, איהר קאנט בייא איהר פרעגין, בייא איהר איז קיין פאלש געלד ניטא.

איך וויל גאר ניט וויסען וואו איהר האט דאס געלד גענומען, איך זעה אז דאס איז פאלש געלד, נור אום ריכטיג צו ערפאהרין אויב דאס איז וויא איך זאג, וועל איך דיא מינוט דאס גאנצע געלד אבשיקען גלייך צום גובערנאטאר אונ ער וועט שאן ארויכטיגע מיינונג זאגין וואס פאר געלד דאס איז.

ער האט זארגפעלטיג דאס גאנצע געלד אריינגעלייגט אין אליינוואנד האט עס גוט איינגענעהט אונ פערזיגעלט מיט זיין זיגעל, נאכהער האט ער געהייסין דער סטארשינא זאל אויך זיין זיעגעל אויף דעם לייגין אונ אז אלעס איז שוין פערטיג גיוועזן האט ער דעם פערזיגעלטין פאקעט איבער=

געגעבין דעם זשאנדאר אונ האט איהם בעפאהלען ער זאל דאמיט דיא מינוט אוועקפאהרין אין מינסק צום גובערנאטאר.

דער זשאנדאר האט צו גענומען דאס פעקעל האט זיך פערניינט אונ איז שנעל ארויסגעגאנגען.

ווען איך האב אנ'אירטהום — האט דער טשינאווניק געזאגט צוא אגאפיען וועלכע איז געשטאנען ציטערנד וויא פון פיבער — אויב עס וועט זיך הערויסצייגין אז דאס געלד איז ניט פאלש וועט איהר דאס נאך דיעזע וואכע בעקומען צוריק, ווען אבער דער גובערנאטאר וועט אויסגעפינען אז דאס איז פאלש געלד קאנט איהר זיך צו גרייטין צו אוועטער רייזע, אזש אין דער ווייטער סיבריען, דער וייל אדיע.

מיט דיא ווארטען האט ער אגאפיעס הויז פערלאזען.

ט.

אנ'אומזאנסטע שרעק.

פון דעם טאג וואס דער וועכטער יערמעי האט ביי יאהאן קארניצקי דאס געלד גענומען, איז יאהאן וויא מעלאנכאליש ארום געגאנגען, ער האט געוואלט וואס גיכער אנטלויפען פון דיעזען שרעקליכען ארט וואו דיא ערד וואנקט אונטער זיינע פיס זא דאס ער קאן יעדען אויגענבליק אין אבגרונד זענקען.

ער האט ניט אויפגיהערט עליזאבעטהען צו בעטען זיא זאל מיט איהם וואס גיכער נאך פאריזש פאהרען, אבער זיינע ביטען האבען גאר ניט געהאלפען, דיא גרעפין האט ניט געוואלט פריהער אוועק פאהרען פון דאנען וואו זיא זאל ניט פערקויפען אלע גיטער וואס איז איהר געבליבען פון איהר מאן. „איך וויל פון דאנען אוועק פאהרען אויף אימער" האט זיא איהר געליעבטען גיענטפערט, קומען פון פאריז אהער נאך אמאהל וויל איך ניט, דארום בין איך פעסט ענטשלאסען פריהער פערקויפען אלעס וואס איך האב אונ מיט בארעס געלד פאהרען נאך פראנקרייך.

זיא האט געמעלדעט אין אלע צייטונגען דאס זיא וויל פערקויפען דעם גראף טאבאלסקים אלע אונבעוועגליכע גיטער וויא אויך אלע בעוועגליכע געגענשטענדע וואס געפינען זיך אין זיין שלאס, יעדען טאג האט זיך געמעלדעט אנ'אנדער קויפער אבער דיא אלע קויפער האבען געשטעלט זאלכע ביליגע פרייזען דאס דיא גרעפין האט זיך ניט געקאנט ענטשליסען דעם פערקויף צו מאכען.

קארניצקי איז פון דער הויט געשפרונגען, ער האט גיזעהן אז דיא

געשיכטע קאן זיך אוועק ציהען דעם גאנצען ווינטער און ווער וויס וואס אונטער דער צייט קאן זיך מאכען.

ער האט זיך פיעל מאהל בעשלאסען אליין אוועק צו פאהרן נאך פאריז דארט ווארטען ביז עליזאבעטהע וועט דא ענדיגען איהרע געשעפטע און וועט צו איהם קומען, ער האט דאס אבער ניט געטאהן, אום פורכט דאס אין זיין אבוועזענהייט קאן זיך אונטער רוקען איינגער רייכער גראף צו דער רייכער וויטווע און וועט איהר הערץ אבקויפען, דאן בלייבט ער יאהאן וויא אבגעשמיסען, פון אלע זיינע פלענער וועט זיך אויסלאזין ארויך.

עס איז איהם גיוועזן ביטער פון אלע זייטען און ער האט געמוזט נאך געבען דעם ווילען פון דער גרעפין און ווארטען.

איך וועל שוין וויא עס איז דיא קורצע צייט אבווארטען — האט ער זיך געטראכט — האב איך געקאנט ביז אהער דער וועלט דיא אויגען פערבלענדען, וועל איך דאס וואהרשיינליך ווייטער אויך קענען, מען מוז אביסעל ליידען, נאר וואס קאן מען העלפען.

דיא גרעפין האט אין דער טהאט קיין גאטהוועוענדיגקייט געהאט פון דאנען וואס ניכער צו אנטלויפען, קיינע בעסערע פערגעניגען וויא זיא האט דא געהאט האט זיא אויך אין פאריז ניט געקאנט ערווארטען, זיא האט דא געלעבט אין אלעם גוטען, אין שלאס וואר אימער זעהער לוסטיג און פרעהליך, אין פרעהליכע געסטע איז קיין מאנגעל גיוועזן. דיא אלע פריינדע וואס פלעגין פריהער קומען צום גראף טאבאלסקי זיינען יעצט נאך מיט מעהר חשק געקומען צו דער יונגער שיינער גרעפין, דיא אונפערהייראטעטע האבין געהאפט צו געווינען עליזאבעטהעס ליבע צוזאמען מיט איהר גרויסער ירושה, און דיא פערהייראטעטע האבין זיך אין עליזאבעטהעס געגענווארט גליקליכער געפיהלט אלס געבין זייערע ווייבר אין דר היים.

יאהאנען פלעגט זעהער אפט פלאצען דיא גאל אלס ער האט געזעהען דאס עליזאבעטהע מאכט חנדעלאך צו איינעם פון איהרע געסטע, ער האט שטארק געציטערט מיא זאל דער גאלדענער פייגעלע פון זיינע הענד ניט אויסחאפען, אבער ביי אלע שמערצען וואס ער האט געפיהלט האט ער געמוזט צייגען אפרעהליכע מינע.

עליזאבעטהע האט איהם פאר איהרע געסט פארגעשטעלט אלס איהר הויזארצט, דאך האבען דיא אלע געסטע בעמערקט אז צווישען זייא ביידע איז אנ'אנדער פערהעלטניסע, אבער קיינער האט געוואגט דיא מינדעסטע אנמערקונג וועגען דעם צו געבען, זעלבסט פערשטענדליך אז אלע עליזאבעטהעס פערעהרער האבען דעם ארצט שרעקליך געהאסט, ווייל זייא האבען איהם בעטראכט וויא אשטיין אין זייער וועג.

וועגען קארמעליען האט מען אינ'ם שלאס שוין מעהר ניט גירעדט, מיא האט קיין מאהל זאנאר איהר נאמען דער מאהנט ריכטיג וויא אזא נאמען זאל קיין מאל עקסעסטירען, אלע אהן אנ'אויסנאהמע האבען יעצט דער גרעפין בעטראכט אלס איינציגע פערוואלטערין פון דעם גאנצען שלאס, אונ האבען זיא פערשאטען מיט זיירע קאמפלימענטע וויא עס פאסט פאר אזא רייכער אונאבהענגיגער וויטווע.

עליזאבעטהע האט זיך דארום דא זעהער צופריעדען געפיהלט, זיא האט זיך זעלבסט בעטראכט וויא איינע אלמעכטיגע הערשערין וואס איזט געהולדיגט פון טויזענדער אנבעטער אונ אונטערטהאנען, נור מאנכעס מאל האט מען זיא געזעהען זיטצענדיג איינזאם זעהער טרויעריג, דיא ערינערונג אן איהר ערמארדעטעס קינד האט איהר מוטערהערץ זעהער אפט מיט שווערען קומער אנגעפיהלט.

קאליא! דיא ליעבע צו דעם קליינעם יונגע, דיא האט ניט געקאנט פערלאשען ווערען, זיא פלעגט יעצט אויך פערגעניגען האבען זיך צו ערינערן אן זיין ליעבליכען שמייכעלע, אן זיינע אונשולדיגע מונטערע בליקען מיט וועלכע ער פלעגט זיא בעגעגנען אונ דאביי האבען זיך אין איהרע אויגען טרערען געוויזען.

דאס קינד האט איהר געפעהלט, ווען ער זאל יעצט לעבען וואלט זיא דיא גליקליכסטע אין דער וועלט גיווען.

צוזעהענד איין מאהל צו איהר קאמאדע האט זיא געפונען קאליאס בילד וואס יודעלע האט איהר איינסט אלס פריזענט געבראכט, זיא האט דאס בילד שוין לאנג געזוכט דען זיא האט ניט געדענקט וואו זיא האט איהם געלייגט, יעצט האט זיא איהם צופעליגער ווייזע געפונען אונ איז אויסער זיך געוואורין אויס איבערראשונג.

קאליא האט דא אויס געזעהען וויא לעבענדיג, ער האט יעצט אויך אויף דער מוטער געקוקט מיט זיין זאנפטען שמייכעלע, דיא ליעבליכע בליקען פון זיינע בלאע אויגען האבען זא שארף געקוקט דאס דיא גרעפין איז וויא פערשטיינערט שטעהען געבליעבען אויף איהר ארט אונ האט זיך קיין ריהר געקאנט טאהן.

קאליא! דאס איז ער, ער לעבט — האט עס איהר אין קאפף געטומעלט, זיא האט ענדליך דאס בילד געהאפט אין איהרע הענד האט עס בעדעקט מיט הייסע קיססע אונ אשטראם טרערען האט זיך פון איהרע אויגען אנאס געטאהן.

יעצט ערשט האט זיא פערשטאנען דעם גרויסען ווערטה פון דיעזען בילד, זיא וואר יעצט יודעלען זא דאנקבאר דאס ווען זיא זאל איהם אין דער מינוט דערזעהן וואלט זיא איהם אויך געקושט פאר דער טהייערער מתנה וואס ער האט איהר געגעבען.

לאנג זעהער לאנג האט זיא געקוקט אויף דעם בילד אונ האט איהרע בליקען פון איהם ניט געקאנט אבריסען.

ענדליך האט זיא דאס בילד גענומען, האט איהם איינגעפאסט אין אגרויסער גילדענער ראם אונ האט איהם אוועק געשטעלט אויף אשטול נעבען איהר בעט, ארום דעם שטוהל האט זיא אנגעשטעלט פערשיעדענע בלומען, טעפ מיט פרישע דופטענדע בלומען זא דאס ניט דיא שטוהל אויך ניט דיא ראם האט זיך ארויס געזעהען, מען האט נור געזעהן אלעבענדיג קינד פערשטעקט צווישען בלומען.

בעזאנדערס וואר דיא עהנליכקייט מערקווירדיג אלס דיא גרעפין האט דעם גרויסען לאמפ וואס האט בעלייכטעט איהר צימער געשטעלט אן אזייט דאן האט דער קליינער קאליא שטעהענדיג אין שאטטען צווישען דיא בלומען אויס געזעהען זא לעבענדיג דאס דיא גרעפין האט געמיינט אז זיא זעהט פאר זיך איהר לעבענדיג קינד, זיא האט צו איהם גירעדט וויא צו אלעבענדיג קינד אונ אין דער מינוט האט זיא אן דער גאנצער וועלט פערגעסען.

אקלאפ אין טיהר האט זיא פון איהרע געדאנקען אויפגעריסען, זיא האט דעם קלאפ זעהער גוט געקאנט, דאס וואר יאהאנס געוועהנליכעס קלאפען, זיא וואר זעהער אונצופריעדען דאמיט וואס מען שטערט זיא אין איהר פערגעניגען, אבער ניט עפענען איהר געליעבטען יאהאגען דאס האט זיא ניט געקאנט.

זיא האט דיא טיהר גיעפינט אונ דער דאקטאר איז אריין געקומען העכסט מונטער אונ פערגעניגט.

איך ווארט שוין צוויא שטונדען אינ׳ם זאאל אויף דיר מיינע הערצענסגעליבטע — האט ער געזאגט — אונ דוא זיצט אלס פערשפארט אין דיין צימער, איך בין זעהער אונרוהיג געווארין אונ האב מיך ניט געקאנט איינהאלטען ניט אריין צו קומען צו דיר זעהען וואס דו מאכסט, זאג מיר מיין לעבען ווארום זיצט דוא זא איינזאם אונ טרויעריג אין דיין צימער?

מאנכעס מאהל פערשאפט דיא איינזאמקייט פיעל מעהר פערגעניגען אלס דיא פרעהליכסטע געזעלשאפט — האט זיא גיענטפערט זייפצענד.

איך גלויב אבער אז דיין איינזאמקייט האט אגעוויסע אורזאכע, האסט דוא אין דיזען אבענד געהאט שמערצען פון עטוואס?

גיין קיינער האט מיר הייטע שמערצען פערשאפט.

נוא ווארום זשע ווייזט דוא אויס זא אונמוטהיג?

ער האט זיך געזעצט אויף דער בעט וואו זיא איז געזעסען אונ האט

זיא געוואלט אומארמען אלס זייגע בליקען זייגען געפאלען אויף קאליאס בילד וואס איז ריכטיג געגען בעט געשטאנען, וויא געביסען פון אגיפטיגע שלאנג איז ער שנעל פון בעט אויפגעשפרונגען און מיט אציטטערענדען געשרייא „מיין גאטט!" האט ער זיך אנגעהאפט אן דער פארענטשע פון דער בעט ער זאל ניט פאלען.

יאהאן וואס איז דיר? — האט דיא גרעפין ערציטטערט אגעשרייא געטאהן איהם ערגרייפענד ביא דער האנד, איהר שרעק האט זיך נאך מעהר פערגרעסערט אלס זיא האט דער זעהן וויא לייבענבלאס ער איז געוואָרין און זייגע אויגען האבען זא ווילד געקוקט וויא דיא אויגען פון אוואהנזיניגען.

אבער יאהאן האט ניט גיענטפערט, ער האט מיט זייגעביידע הענד פערדעקט דאס געזיכט און אלע זייגע גליעדער האבען אין איהם געציטערט וויא פון אשרעקליכען פיבער.

אום גאטעס ווילען מיין טהייערער יאהאן וואס פעהלט דיר? האט דיא גרעפין פערצווייפעלט געפרעגט איהם אומארמענד.

דער דאקטאר האט דיא הענד פון געזיכט אראפ גענומען און האט מיט שרעקעדיגע בליקען אקוק געטאהן אין יענעם זייט וואו קאליאס בילד איז געשטאנען, ער האט אבערמאלס אנגעהויבען צו ציטערן ביא אלע גליעדער אבער ביסליך ווייס איז ער רוהיגער געוואָרין דען ער האט באלד בעמערקט אז דאס איז נור אבילד.....

מיר איז עפעס ניט גוט געוואָרין — האט ער גיענטפערט זיך בעמיהענד צו שמייכלען — איך פיהל מיך ניט פאללקאממען געזונד זייט איינינע טעג.

א מיין טהייערער! דוא מוזט געזונד זיין — האט עליזאבעטהע צערטליך געזאגט איהם אומארמענד — דוא ווייסט דאך אז אן דיר הייגט מיין גאנצעס לעבען, יא דוא מוזט געזונד זיין, איך בעפעהלע עס דיר.

זארג ניט מיינע טהייערע איך בין שוין פאללקאממען געזונד—האט ער זיא בערוהיגט — קוים בין איך געבען דיר פעהלט מיר שוין קיין זאך ניט, איך גלויב אז דיא היגע הערבסט לופט ווירקט אויף מיר שלעכט, ווען מיר זאלען קאנען צוריק נאך פראנקרייך קומען וואלט איך נייאבעלעבט געוואָרין.

ווען עס זא איזט וואלט מיין ראטה גיוועזן דוא זאלסט אליין פאהרען נאך פראנקרייך און דארט ווארטען ביז איך וועל דא ענדיגען אלע מיינע געשעפטע דאן וועל איך צו דיר קומען.

אהן דיר פאהרן? א ניין! ווייסט דוא דען ניט אז אהן דיר קאן איך ניט איין טאג לעבין.

(יוא״ג ח״ד) עליזאבעטהע

עליזאבעטהע האט איינינע מינוטען נעטראכט אונ האט ענדליך גע־זאגט: מיר וועלען זעהען פיעלייכט וועל איך מיך בעוועגען אז מיר זאלען קאנען נאך דיא וואכע פאהרען צוזאמען נאך פראנקרייך.

דיא ווארטען האבען יאהאנען ערקוויקט אונ עליזאבעטהע וואר שטארק צופריעדען אלס זיא האט דער זעהען דאס איהר געליעבטער איז הייטער אונ מונטער געווארען.

י׳

דער מיטרייזענדער.

דיא שטארקע ליעבע וואס האט יעצט צוא געבונדען יודעלען צוא דער שיינער מאליאן, האט איהם ניכט אפּ געהאלטען פון זיין אונטערנעהמונג אוים צוא געפינען דיא ווירקליכע מערדער פון דעם קליינעם קאליא אונ אראפּ צוא נעהמען דעם שמוץ פון דער טויטער קארמעליע. וויא מיר ווייסען האט ער זיך פעסט בעשלאססען צוא פאהרען נאך מינסק איבער צוא געבין דעם סליעדאוואטעל דיא נאכריכט וועגען דעם טאליסמאן אונ איהם דאבייא צייגען יאהאנס בריף צוא זיין פריינד פעטער סלאווין אין פאריז.

ער האט ערצעהלט מאליאן פון זיין רייזע אונ זיא האט איהם דאפאן ניכט אפּ געהאלטען. אין געגענטהייל זיא האט איהם געמונטהיגט ער זאל מיט אלע קרעפטע ארבייטען אום דיא מארדטהאט אין איהר ריכטיגע פארב פאר דער וועלט צוא צייגען.

בעפאר ער איז נאך מינסק אוועק געפאהרען האט ער בעזוכט דעם גראף שווענטערעצקי וועלכער האט איהם אוים געפאדערט ער זאל צוא איהם קומען זיין טאכטערס בילד אפּ צוא מאלען.

דער שטאלצער גראף וויא אויך זיין גאנצע פאמיליע, האבין יודעלען זעהער פריינדליך עמפפאנגען אונ מען האט אים געגעבין אנ׳ארדער ער זאל דרייא בילדער מאלען, פון דעם אלטען גראף, פון זיינער פרויא אונ פון זייער טאכטער אמאליא.

מיר האבין שוין פריהער געשילדערט דער יונגער גרעפין אמאליא, זי איז געוועזען איינע אבשטאסענדע פערזאן, אמעדבען אהן שיינקייט אונ אהן דעם מינדעסטען חן, דאך האט זיא געגלויבט אז זיא איז דיא שענסטע אין דער וועלט, זיא האט מיט קארמעליען זעהער גוט געלעבט, זיא האט איהר דיא הייסטע פריינדשאפט געוויזען ווערהענד אין הערצען האט זיא איהר געהאסט דער פאר וואס אלע רייכע שיינע קאוואליערען האבין זיך נור צוא איהר געשדכנט.

אלס קארמעליע איז בעשולדיגט געווארען אין ברודער מארד האט אמאליא פאסט געטאנצט פאר פריידע. זיא האט ראכע געזעהן אן איהר שייגער קאנקורענטין נאך מעהר אלס זיא האט פערלאנגט. זיא האט ניט אויפגעהערט איבעראל צוא פויקען פון קארמעליעס נידערטרעכטיגקייט אונ האט געזאגט איהר מיינונג אז נור דער טויט קאן דער מערדערינס מארד־טהאט אפ וויטשען.

זאגאר יעצט אלס עס האט זיך פערבר{ייטעט דער קלאנג דאס קארמעליע איז פאר ברענט געווארען, האט אמאליע ניט אויפגעהערט צוא ריידען מיט האס פון קארמעליען אונ בייא יעדער געלעגענהייט.

דיא הערצלאזע פריילין האט יודעלען פריינדליך עמפפאנגען ניט מעהר דער פאר ער זאל איהר בילד שיין מאכען, אין הערצען אבער האט זיא איהם פערקאכטעט אלס אין „זשיד אשאכער מאכער" וויא דיא פאליאקען פלעגין זיך אויס דריקען.

יודעלע האט זיך גענומען ענערגיש צוא דער ארבייט, מען האט איהם פאר דיא דרייא בילדער זעהער אגוטען פרייז געשטעלט אונ דאס געלט האט ער זעהער נייטיג באדארפט האבין. אין פערלויף פון אכט טאג זיינען אלע דרייא בילדער פערטיג געווארען, זייא האבין איהם אזויא געלונגען דאס יעדער וואס האט זייא נור דער זעהען האט זיך ניט גיקאנט גענוג אפ וואונדערין פון דער עכטהייט אונ מערקווירדיגער עהנליכקייט וואס זייא האבען געהאט צוא דיא פערזאנען וועלכע זייא האבען פארגעשטעלט.

גראדע צוא יענער צייט האט זיך בייא דעם גראף שווענטערצקי אין הויז געפונען אגאסט אויס ווארשויא אן׳אלטער פאלנישער גראף קרישצינסקי, דיעזער גראף וועלכער וואר אגרויסער מבין אויף זאלכע ארבייט האט גאר ניט געוואלט גלויבין אז יודעלע האט גירענעד דיא קונסט גילערינט אונ ער האט איהם איינגעלאדען ער זאל קומען צוא איהם נאך ווארשויא אויך פאר איהם איינינע פאמיליען בילדער צוא מאלען.

יודעלע האט איהם פערשפראכען אין אפאר וואכין ארום צוא קומען נאך ווארשויא אונ דער אלטער גראף וואר דאמיט זעהער צופרידען.

זיטצענדיג איין מאהל מיט דיא אלע האהע פערזאנען ביים טיש איז צוא רייד געקומען וועגין טאבאלסקים אונ קארמעליעס ענדע.

דא האט אמאליע איהר גאנצען האס אויס געדריקט צוא דער אונגליק־ליכער קארמעליען אונ האט דעם גראף קרישצינסקי מיט פייער ערצעהלט וויא זיא האט אימער בעמערקט דאס קארמעליע איז איינע נידערטרעכטיגע מעדכען אונ דארום האט זיא זיך גאר ניט געוואונדערט אלס זיא האט גיהערט דאס קארמעליע האט איר ברודער ערמארדעט.

אלע פארבין האבין זיך אין יודעלעס געזיכט געביטין פאר כעס, ער האט זיך ענדליך ניט גיקאנט איינהאלטען אונ האט גיזאגט: איהר וועט מיר

 ענטשולדיגען

ענטשולדיגן גרעפין איך מוז אייך זאגן דאס אייער אורטהייל וועגן דער גרעפין קארמעליע איז ניט ריכטיג.

ניט ריכטיג! — האט אמאליא וויטהענד געפרעגט.

יא עס איז ניט ריכטיג — האט יודעלע מיט אנ'ערנסטע מינע געענט־פערט — איך בין אין דער לעצטער צייט געוועזן אבעשטענדיגער איינגעהער צום גראף טאבאלסקי אין הויז און האב דארום געהאט דיא געלעגענהייט צוא ערקאנען אלע פערזאנען וואס האבין זיך געפונען ביים גראף אין שלאס. וויא ווייט איך האב אויסגעפונען וואר קארמעליע דיא איינציגע ארדענטליכע פערזאן נאך איהר פאטער אינ'ם גאנצען שלאס, אויסער איהר האב איך דארט געזעהן זאלכע אונמענשין אין באנדיט גרעסער פונ'ם צווייטען. זעלבסט פערשטענדליך אז איין שעפעלע צווישען זא פיעל וועלף האט געמוזט אלס אפפער פאלען.

האט נאך אייער מיינונג קארמעליע דעם מארד ניט בעגאנגען, האט דער גראף שווענטערעצקי גיפרעגט.

דאס איז ניט מיין מיינונג, זאנדערין מיין פעסטע איבערצייגונג, האט יודעלע מיט אפעסטער שטימע געענטפערט.

אמאליע האט אויף איהם אצירנענדען בליק געווארפען און האט מיט אגיפטיג שמייכעל געזאגט: ניט אומזאנסט זאגט מען אז דיא זשידעס זיינען דיא פרעכסטע מענשען אין דער וועלט, זייא מוזען דיא גרעסטע מענשין איבער שפארען און זאגען פאר קעהרט אלס דיא ווארהייט איז.

יודעלעס געדולד האט געפלאצט, ער איז פון זיין ארט אויפגעשטאנען און האט מיט פייער אגעשרייא געטאן: אויב דער זשיד האט פערדינט דיא שענדליכסטע בעליידיגונג נור דער פאר וואס ער קאן ניט הערען וויא מען בעשולדיגט אונשולדיגע, האט ער נאך מיינער מיינונג זיך ניט צוא שעמען געגין דיא אלע פערזאנען וואס זיינען בעגליקט מיט דעם שיינעם טיטעל גרעפין. איהר קאנט מיך מיינע הערען און דאמען אנרופען וויא איהר ווילט, איך ווידער האלע מייגע ווארטען דאס קארמעליע האט קיין מארד בעגאנגען, זיא איז דאס אונשולדיגסטע אפפער אין דער וועלט. נאך אין אגאנץ קורצער צייט וועט איר זיך איבער צייגען אז דער זשיד האט אייך דיא ריינע ווארהייט געזאגט.

אמאליע האט געוואלט עפעס ענטפערין אבער דער פאטער האט זיא מיט אוואונק דאפאן אפ געהאלטען. ער האט אריין גערופען יודעלען אינ'ם צווייטען צימער און האט מיט אביזעס געזיכט געזאגט:

איהר האט זיך צוא פיעל ערלויבט יונגער מאן, ווען איך זאל ניט אכטען אייער מאלענט וואלט איהר פון מיין הויז גאנץ אנדערש ארויס געגאנגען, נאר ווייל איך בין צוא פרידען פון אייער ארבייט וויל איך אייך קיינע אונאנגענעהמליכקייט מאכען, דא האט איהר הונדערט רובעל פאר

אייער ארבייט אונ דיא מינוט זאל אייער פוס דא ניט זיין.

יודעלע האט מיט ארוהיגע מינע דאס געלד צו גענומען אונ האט טאקע דיא מינוט דעם גראפס הויז פערלאזען.

איך געפין מיך ניט בעליידיגט פון אזעלכע שטאלצע אונמענשען — האט ער געזאגט אלס ער איז שוין אין דרויסען געשטאנען — אזעלכע דומקעפף וואס זיינען איינגעבילדעט אז ווען זייא זאגען אויף טאג נאכט מוז מען זייא גלויבען אויפן ווארט, דיא זיינען קיינע מענשען אונ עס איז ניטא אויף וועמען פעראיבעל צוא האבען.

ער איז נאך אהיבשע ווייל געשטאנען אינ'ם הויף אונ איז נאכהער ארוים געגאנגען אין דארף זוכען אפוהר וואס זאל איהם פיהרען נאך מינסק.

ער איז נור איינינע שריטע פונ'ם הויף אפ געגאנגען אלס ער האט ערהערט יעמאנד רופט איהם בייא זיין פאמיליען נאמען. ער האט זיך אום גיוועגדעט אונ האט דער זעהן דעם אלטען גראף קרישצינסקי.

יונגער מאן! — האט דער אלטער געזאגט גוטמוטהיג ארויפלייגענד זיין האנד אויף יודעלעס אקסעל — איך האב דיך ליב פאר דיין אפענהערציגקייט אונ שטאלץ. וועסטו האלטען דיין פערשפרעכען אונ וועסט קומען צוא מיר נאך ווארשויא?

יא — האט יודעלע געענטפערט.

דא האסט דוא מיין אדרעססע — האט דער אלטער געזאגט איהם איבער רייכענד אקארטע — דורך דער קארטע וועסט דוא מיין הויז זעהער לייכט אוים געפינען. איך פערזיכערע דיר אז דוא וועסט ניט בערייהען ווען דוא וועסט צוא מיר קומען. איך קאן דיר אין אלע פאכען בעהילפיג אונ נוטצליך זיין.

איך דאנקע אונ איך וועל געוויס קומען.

דער אלטער איז צוריק אריין געגאנגען אין שטוב אונ יודעלע האט זיך געלאזט גיין אין דארף זוכען אפוהר. וועלכען מושיק ער האט בעגעגענט האט ער געפרעגט צוא קאן ער אים אפ פיהרען נאך מינסק.

קום איך וועל דיר ווייזען אמענשען וואס וועט דיך אפ פיהרען נאך מינסק — האט איין מושיק צוא איהם געזאגט — דען ער פיהרט יעצט אפ אנ'אנדער פאססאזשיר אין מינסק.

יודעלע איז מיט איהם געגאנגען, דער מושיק האט איהם צו געפיהרט צוא אקליין בויערנהויז וואו פאר דער טיהר איז געשטאנען אוואגען געשפאנט צוא איין אלט פערד אונ אין איהם איז געזעסען איונגער מאן זעהער רייך געקליידעט.

איהר פארט נאך מינסק? — האט יודעלע דעם יונגען מאן געפרעגט צוא געהענד צום וואגען.

(יוא"ג ח"ד)

יא — האט דער פראנט גיענטפערט—ווילט איהר דען אויך פאהרען אין דער זעלבער שטאט ?

יא .

זעהער אנגענעהם , עס וועט זיין פרייליכער אין צווייען צוא פאהרען , דער מוזשיק וואס פיהרט מיך אפ וועט אייך געוויס אויך מיט נעהמען גאר פאר אקליינינקייט .

יודעלע איז אריינגעקומען אין שטוב , האט איבער גירעדט מיט דעם איינגענטהיממער פון דעם אלטען פערד אונ יענער האט באלד איינגעווילינגט דעם נייעם פאססאזשיר אפצופיהרען נאך מינסק פאר דרייא גולדען מיט אגוטען טרונק ספירט .

עס האט לאנג ניט גיוועהרט האט דיאס פוהר אונזערע ביידע פאס־סאזשירען געפיהרט אין דער בלאטיגער וועג , וואס האט זיך געצויגען פון דעם דארף צו דעם שאסייא .

יודעלע האט זיך מיט דעם נייעם מיטרייזענדען פונאיינאנדער גירעדט אונ האט פון איהם ערפאהרען אז ער איז אמינסקער רייכער קויפמאן וואס קויפט איין געטריידע אין דיא ארומיגע דערפער .

אלס זייא זיינען אפגעפאהרען פינף שטונדען , האט זיך זייער פוהר צוגעשטעלט נעבען אגרויסע קרעטשמע וואס איז געשטאנען אין מיטען וועג , דא האט זיך דאס פערד בעדארפט גוט אויסרוהען אום ער זאל האבין קרעפטע צוא שלעפין זיינע פאסאזשירען דיא איבעריגע זעקס שטונדען רייזע ביז מינסק .

יודעלע מיט זיין נייעם פריינד זיינען אראפגעגאנגען אין דער קרעטשמע , זייא האבען דא געטראפין גוטען שנאפס אונ פערשידענע שפייזין אונ האבין זיך דארום געזעצט עסען אונ טרינקען .

עס וואר שוין שפעט אין דער נאכט , ביידע פאסאזשירען ווארען מיעד פון דער רייזע דארום איז בייא זייא געבליעבין זייא זאלען .זיך צולייגען שלאפען .

יודעלע וועלכער האט אויסגעטרונקען אפאר גוטע כוסות האט באלד פעסט איינגעשלאפען .

ער האט זיך אויפגעחאפט אלס עס איז שוין גיוועז גרויסער טאג , דער פוהרמאן האט איהם אויפגעוועקט ער זאל שוין געהן אין וואגען דען ער וויל שוין פאהרען .

וואו איז דער צווייטער ? האט יודעלע געפרעגט .

דער האט זיך בעגעגינט דא מיט זיינעם אבעקאנטען וועלכער האט איהם איינגירעדט ער זאל אריינפאהרען אין דעם נאהענטען דארף איינקויפין אגרויסע פארטי ווייץ .

אלזא וועל איך אליין פאהרען ?

יא — האט דער מוזשיק גיענטוועררט — דאס איז פאר אונז ביידען בעסער, מיין פערד וועט ניט דארפין שלעפין אצוגרויסע לאסט אונ דיר וועט זיין גערייטער צו זיטצען אליין אין וואגען.

יודעלע האט זיך אריינגעזעצט אין וואגען אונ איז אוועקגעפאהרין, נאך האלבין טאג איז ער אנגעקומען אין מינסק אונ איז דארט אריינגעפאהרען אין דעם האטעל וואו ער איז איינגעשטאנען דאס ערשטע מאהל אלס ער איז גיוועזן אין מינסק.

וויא דיא איינפיהרונג איז אין אלע האטעלין דאס דער נומערנאי פארדערט ביא דיא פאסאזשירען זייערע פאשפארטין, איז דא אויך דער נומערנאי צוגעגאנגען אונ האט געבעטין ביא דעם גאסט זיין פאשפארט.

יודעלע האט אריינגעשטעקט דיא האנד אין זיין בוזים טאש דעם פאשפארט ארויסצונעהמען אונ האט ערשראקען אגעשרייא געטאהן: איך האב אין וועג מיין פאשפארט פערלארען.

איהר ברויכט זיך ניכט צו שרעקין — האט איהם דער בעדינטער בערוהיגט — עס איז קיין געפאהר וויל איהר האט שוין ביא אונז איין מאהל קוואהטירט מיט אפאשפארט, עס וועט זיין גענוג ווען איך וועל נור אייער נאמען מעלדין אין דער פאליציא.

יודעלע האט זיך אביסעל בערוהיגט דאך האט איהם זעהר באנג געטאן וואס ער איז אין אפרעמדער שטאדט אהן אפאשפארט געבליעבען.

יא.

אגראססער ערפאלג.

מאן קאן זיך זעהר לייכט פארשטעלען אנאפיעס לאגע, פון אלע איהרע גרויסע גליקען האט זיך פלוצלונג אויסגעלאזט ארויך, איהר געלד האט מאן פון איהר צוגענומען אונ עס איז נאך אגרויסע סברא אז מאן זאל זיא בעשולדיגען דאס זיא האנדעלט מיט פאלשע סיגנאטשעס.

זיא האט אנגעהייבין צוא קלערין פיעלייכט האט איהר ווירקליך דיא גרעפין טאבאלסקי פאלש געלד געגעבין אויס כעס דערפאר וואס זיא האט פון איהר געלד אויסגעפרעסט, דער געדאנק האט זיא זעהר וויטהענד געמאכט אונ זיא איז געפליגין נאך טאבאלסקים שלאס דער גרעפין צוא רעדע שטעלען.

אלס מאן האט געמעלדעט עליזאבעטהען דאס אנאפיע וויל מיט איהר אונבעדינגט שפרעכין איז זיא ערציטערט געווארין, זיא האט פערשטאנען אז אנאפיע וועט צוא איהר גלאט אזוא ניט קומען.

זיא הָאט זיך אָבֶער דֶערְמָאהנְט אַז דיא צָוָאה וָואס איז גִיוֶוען בַּייא אנאפיען אין דיא הֶענְד הָאט זיא בַּייא איהר צוּגֶענוּמֶען אַלְזָא דַארְף זיא דָאךְ פַאר איהר קֵיין פוּרְכְט הָאבֶּען דַארוּם הָאט זיא גֶעהַייסִין איהר אַרַיינְ־לָאזֶען אין איהר בּוּדוּאַר.

מִיט דֶעם עֶרְשְׁטִין בְּלִיק אוֹיף אנאפיען הָאט דיא גְרֶעפִין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זיא איז גֶעקוּמֶען זיךְ מִיט איהר קְרִיגֶען, זיא הָאט זיךְ אָבֶער גֶעמַאכְט גִיכְט פֶערְשְׁטֶעהֶענְדִיג אוּנ הָאט רוּהִיג אָבֶּער עֶרְנְסְט גֶעפְרֶעגְט וָואס פֶערְ־לַאנְגְסְט דוּא פוּן מִיר?

גְרֶעפִין! — הָאט אנאפיע פְרֶעךְ גֶעזָאגְט — איהר הָאט גֶעמוּזְט גָאר פֶערְגֶעסִין אַז איהר הָאט מִיר בֶּעצָאהלְט גֶעלְד דֶערְפַאר וָואס איךְ הָאבּ אַייךְ גֶעמַאכְט פַאר דֶער עֶרְבִּין אִיבֶּער קארמעליעס קַאפִּיטַאל, וִויא אַזוֹא זֶשֶׁע הָאט איהר זיךְ עֶרְלוֹיבְּט מִיר צוּא גֶעבִּין פַאלְשׁ גֶעלְד?

פַאלְשׁ גֶעלְד? — הָאט עליזאבעטהע מִיט אַזַא צָארְנִיגֶען טָאן אַנְגֶעשְׁרִייא גֶעטָאהן דָאס אנאפיע איז עֶנְטְמוּטְהִיגְט גֶעוָוארִין, אוּנ הָאט זיךְ רֶעסְפֶּעקְטְ־פָאל אָבְּגֶעצַייגִין אַפָּאר טְרִיט אַהִינְטֶער.

יַא גְרֶעפִין — הָאט זיא גִיעֶנְטְוֶוערְט שׁוֹין מִיט אַרוּהִיגֶן טָאן — דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד וָואס איהר הָאט מִיר גֶעגֶעבִּין הָאט מַאן בַּייא מִיר צוּגֶענוּמֶען דֶערְ־פַאר וָואס מַאן הָאט זיךְ אַרוּמְגֶעזֶעהֶן אַז דָאס איז פַאלְשׁ גֶעלְד.

וָוער הָאט דָאס בַּייא דִיר צוּגֶענוּמֶען?

אַטְשִׁינַאוְוניק פוּן מינסק.

וִויא קוּמְט עֶר צוּ דִיר?

דֶעם גוּבֶּערְנַאטָאר הָאט מַאן עֶרְצֶעהלְט אַז איךְ הַאנְדֶעל מִיט פַאלְשׁ גֶעלְד, דַארוּם הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אַטְשִׁינַאוְונִיק עֶר זָאל בַּייא מִיר אַנ׳אוּנְטֶערְזוּכוּנְג מַאכִין, דֶער טְשִׁינַאוְונִיק הָאט בֶּעטְרַאכְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד וָואס איךְ הָאבּ בַּייא אַייךְ גֶענוּמֶען אוּנ הָאט אוֹיס גֶעפוּנֶען אַז דָאס איז פַאלְשֶׁע סִיגְנַאטְשֶׁעס, דַארוּם הָאט עֶר דָאס אָבְּגֶעשִׁיקְט דוּרְךְ אַזְשַׁאנְדַאר צוּם גוּבֶּערְנַאטָאר אין מינסק.

נוּא הָאסְט דוּא שׁוֹין גֶעהַאט אַנ׳עֶנְטְוֶוער?

נֵיין נָאךְ נִיכְט.

וַוייסְט דוּא גֶעוִויס אַז דֶער טְשִׁינַאוְונִיק איז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארִין פוּן דֶעם גוּבֶּערְנַאטָאר?

עֶס פֶערְשְׁטֶעהְט זיךְ אַז איךְ וַוייס גֶעוִויס, דֶען עֶר איז בַּייא מִיר גִיוֶוען מִיט אוּנְזֶער סְטַארְשִׁינַא צוּזַאמֶען, קְוַוארְטִירְט הָאט עֶר בַּייא אוּנְזֶער פַאן גראזינסקי.

אוֹיבּ עֶר איז ווירְקְלִיךְ גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארִין פוּנ׳ם גוּבֶּערְנַאטָאר וֶועט מַאן דִיר דָאס גֶעלְד צוּרִיק אָבְּשִׁיקִין, וַוייל איךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבִּין גוּט גֶעלְד, איךְ הַאנְדֶעל נִיכְט מִיט פַאלְשֶׁע אַסִיגְנַאטְשֶׁעס.

בעהיטע גאט ווער זאגט דען אז איהר האנדעלט מיט פאלשע סינגאטשעס? — האט זיך אגאפיע פערענטווערט — איך דערצעהל דאך אייך נאר דאס וואס מיט מיר האט פאסירט.

נוא האב איך דאך שוין גיהערט און איך האב דיר געזאגט אז אויב דיין געלד איז בייא דעם גובערנאטאר וועט ער עס דיר צוריק אבשיקען ווייל דאס געלד איז ניט קיין פאלשע.

איך פערשטעה אבער אייערע ווערטער ניט וואס איהר זאגט, אויב בייא דעם גובערנאטאר איז מיין געלד, בייא אייך איז דען נאך ארפעק צוא דאס געלד איז ביים גובערנאטאר?

וואס ווייס איך ווער בייא דיר איז גיוועזען, פיעלייכט איז אנ'אנדערער געקומען אינ'ם נאמען פון גובערנאטאר און האט דיין געלד אויסגענארט.

אנ'אנדערער? ווער קאן דען קומען נעהמען בייא מיר געלד אינ'ם נאמען פונ'ם גובערנאטאר?

ווער? — האט דיא גרעפין געלאכט — עס זייגען דא גענוג שווינדלער אין דער וועלט.

גלויבט איהר אז יענער טשינאווניק איז גיוועזען אשווינדלער?

עס קאן אלץ זיין, עס שאדעט ניט דוא זאלסט דורך אפראשענע אנפרעגן ביי'ם גובערנאטאר, צו געפינט זיך בייא איהם דאס געלד וואס זיינער אטשינאווניק האט בייא דיר צוגענומען.

איך קאן דאך אבער ניט שרייבין.

געה אריין אין שטאדט צו אשרייבער און בעט איהם וועט ער דאס אין דיין נאמען אנשרייבין.

איך וועל אייך פאלגין גרעפין — האט אגאפיע גיענטווערט — וויא וועט אבער זיין ווען דאס איז בעהיטא גאט טאקע גיוועזען אשווינדלער?

דאן איז דיין געלד פערפאלען.

פערפאלען? וועל איך אבערמאלס בלייבין אהן געלד?

ווער איז דיר שולדיג, האסט דוא בעדארפט פארזיכטיג זיין.

ניין גרעפין מיר גלויבט זיך דאס ניט אז דאס איז גיוועזען אשווינדלער, דער מענש האט אויסגעזעהן וויא אר ייכער עדעלמאן, נור ווען גאט זאל איינהיטען ער איז טאקי גיוועזען אשווינדלער און מיין געלד וועט פערפאלען זיין, דאן וועט איהר מיר מוזען געבין אנדערע געלד.

וואס? — האט עליזאבעטהע העכסט צארניג אנגעשרייא געטאן — דו מוזט געווים בערוישט זיין, איך זאל דיר געבין אנדערע געלד? און דוא וואגסט מיר דאס צו זאגען?

איך וועל קיין אנדער מיטעל ניט האבין און וועל מוזען בייא אייך בעטען געלד.

איך זאג דיר פאראויס אז איך וועל דיר איין קאפיקע ניט געבין, נור וואצו זאל איך מיט דיר אזוא פיעל ריידין, געה זיך געזונדער הייט און מעהר זאלסט דוא זיך ניט וואגען מיך מיט דיינע דומהייט צו בעלעסטיגען, דען איך וועל דיך געוויס דורך מיינע הענד פון דאנען פעריאגין.

זייט ניט אזוא אין כעס גרעפין — האט אנאפיע שטאלץ געזאגט — דערוויל בעט איך בייא דיר קיין געלד ניט און אז איך וועל שאן יא בעטען וועסט דוא מיר מוזען געבין.

מארש פון מיין שלאס! — האט עליזאבעטהע געשריען ציינגענד מיט דעם פינגער אויף דער טיהר.

טרייב מיך ניט איך געה אליין, נאר איך זאג דיר נאך אמאל אז אהן געלד וועל איך ניט בלייבין, וועל איך נור בייא דיר בעטין עטוואס וועסט דוא מיר מוזען געבין, יא דוא וועסט מוזען.

בייא דיא ווארטין איז זיא ארויסגעגאנגען פון דער גרעפינט צימער און האט דעם שלאס פערלאזט.

יא זיא וועט מוזין געבין — האט אנאפיע צו זיך אליין געטענהט ארויס געהענדיג פונ'ם שלאס, זיא וויים נאר ניט אז איך האב נאך אבריעף פון איהר געשטארבענעם מאן, ווען איך וועל איהר דעם בריעף אווייז טאהן וועט איהר פינסטער און ביטער ווערין אין דיא אויגען...

זיא איז גלייך אוועקגעלאפין אין שטאט האט זיך גיווענדעט צוא אנ'אדוואקאט און דיעזער האט איהר געראטהען זיא זאל אליין פאהרין נאך מינסק צום גובערנאטאר און זיך פאר איהם בעקלאגען דאפיר וואס מאן האט בייא איהר גוט געלד צוגענומען אונטער דעם פארוואנד אז עס איז פאלש געלד.

אנאפיען וואס דער גרעפינס ווארטין איז גוט אין קאפף אריין האט זיך ניכט געפוילט און איז נאך מינסק אוועקגעפאהרען און האט גלייך צוטריט בעקומען צום גובערנאטאר.

מאן קאן זיך לייכט פארשטעלען איהר שרעק אונד פערצווייפלונג אלס זיא האט ערפאהרען אז דער גובערנאטאר האט צוא איהר קיין מאהל קיין טשינאווניק געשיקט בייא איהר אנ'אונטערזוכונג צוא מאכין.

דער גובערנאטאר האט אפילו באלד אשטרענגען בעפעהל געגעבין מאן זאל יענעם שווינדלער אויסגעפינען, אבער דערוויל האט געביך דיא גליקליכע אנאפיע געמוזט צוריק פאהרען אהיים מיט פוסטע קעשענס און מיט אפערביטערט הערץ.

זיא האט קוממענדיג אין דעם דארף יענקי אין איהר הויז געטראפין דעם פאן דאמבראווסקי וועלכער האט שאן פון אנאפיעס טאכטער ער-

פאהרען דיא געשיכטע מ׳ט דעם טשינאווניק אונ דארום האט ער ביי-גיעריג געוואַרט אויף אנאפיען אום פון איהר צו ערפאהרען פאר וואס מאן האט גראדע זיא בעשולדיגט אז זיא האט פאלש געלד.

יעצט האט אנאפיע דיא בעסטע פראבע געקאנט מאכען, יעצט אז מאן האט איהר געלד ביי איהר צוגענומען האט זיא געקאנט ריכטיג וויסען צו איז דאמבראווסקי נור איהר געלד אויסען גיוועזן אדער ער האט טאקי נור זיא אליין ליעב.

זיא האט דיא פראבע באלד געמאכט, מיט טרעהנענדע אויגען האט זיא איהם ערצעהלט וויא אשווינדלער האט זיא בדלות געשטעלט אונ האט ביי איהר דאס גאנצע געלד וואס זיא האט געהאט אויסגענארט אונ יעצט איז זיא געבליבען ארם וויא פריהער.

דאס איז ווירקליך אנ׳אונגעהערטער שווינדעל — האט דאמבראווסקי יענטווערט. — אבער איהר דארפט ניט זיין זא פערצווייפעלט ליעבע אנאפיע, איך וועל אייך ניט לאזען מאנגעל ליידען, איך בין פערטיג מיט אייך צו טהיילען דעם ביסען פונ׳ם מויל.

אנאפיע האט פערוואונדערט אויף איהם אקוק געטאהן, יעצט וואר שאן ביי איהר קיין צווייפעל מעהר דאס סאווין איז ווירקליך אין איהר שטערבליך פערליעבט, פריידענטרעהנען האבין געפלאסען פון איהרע אויגען, זיא האט ערגריפין דאמבראווסקין פאר דער האנד אונ האט ענטציקט אויס-געשריען: אך וויא גליקליך איהר מאכט מיך ליעבער סאווין, זאל איך גלויבין אז איהר האט מיך טאקע שטארק ליעב?

אונ ביי דיר איז דאס גיוועזן ביז אהער אצווייפעל? — האט ער צערטליך גיענטווערט — האב איך דיר שאן לאנג ניט געזאגט אז דוא ביזט ביי מיר טהייער וויא דיא אויגין אין קאפף, אז אהן דיר קאן איך ניט לעבין, איך מוז דיר זאגין מיין לעבין אז אין דער לעצטער צייט האסט דוא מיך זעהר אונרוהיג געמאכט, דען דוא האסט זיך געוויזען צוא מיר קאלט אונ האסט געמאכט אזא מינע וויא דוא זאלסט צווייפלען אין מיין ליעבע אונד טרייהייט צו דיר.

איך וועל אייך דיא וואהרהייט געשטעהן — האט זיא וויא פערשעמט גיענטווערט — דאס מיר האט זיך ניט געוואלט גלויבען אז איהר האט מיך פון טיעפין הערצען ליעב, דען לאמיר זיך ניט נארען ווער בין איך אונ ווער זענט איהר, איהר זענט אגעבארענער עדעלמאן אונ אגוטסבעזיטצער אונ איך בין אגעבארענע מוזשיצקע אונ שאן אפרויא אין דיא עלטערע יאהר.

דאס איז אלץ אמאהל גיוועזן — האט סאווין מיט אפריינדליכען שמייכעל

(יוא״נ ח״ד)

גיענטפערט

ניענטפערט — אמאהל האט דער געבארענער עדעלמאן און דער נוטס־
בעזיצער בעטראכט אלע איבעריגע מענשען וויא זיינע שקלאפען, הייטע
אבער זיינען אלע מענשען גלייך, זייט דער גוטער קייזער אלכסנדר דער
צווייטער האט בעפרייעט דיא מושיקעס פון זייער שקלאפעריי, שטעהט
דער מושיק אויף דער זעלבער שטופע וואס דער עדעלמאן, יעדער מענש
האט זיך זיין געשמאק, און וויא באלד דוא געפעלסט מיר דארף איך ניט
קוקען פון וואנען דוא שטאמסט און וויפעל יאהר דוא ביזט אלט, איך
ווייס נור איין זאך אז מיין גאנצעס גליק הייננט אן דיר, נור דוא אליין
קאנסט מיין לעבען פערזיסען.

יעצט פערשטעה איך אז איהר מיינט דאס ערנסט.

און ווארום האסטו פריהער אנדערש געמיינט?

ווייל מען האט מיר געזאגט אז... נור איהר זאלט אויף מיר קיין
פעראיבעל ניט האבען פאר דעם וואס איך רייד איבער זאלכע נארישקייט.

ניין איך וועל קיין פעראיבעל האבען.

מיא האט מיר געזאגט אז איהר צייגט מיר ליעבע נור דער פאר
וואס איהר קוקט אוים מיין געלד.

חא חא חא! — האט זיך סאווין פונאיינאנדער געלאכט — אזויא
האט מען אייך געזאגט? איך מוז אייך זאגען אז יענער וואס האט אזעלכע
ווארטען גירעדט איז אשופט, איך בין גענוג רייך, אייער געלד דארף
איך ניט.

יא יעצט זעה איך אז יענער האט מיר פאלש געזאגט.

עס פערשטעהט זיך אז דאס איז פאלש, איך מוז דיר זאגען מיין
לעבען אז איך האב ביז היינט גאר ניט געוואוסט אז דוא האסט געהאט
אסך געלד, דען וויא קומסט דוא צו רייכטהום? דוא האסט אימער שווער
און ביטער געארבייט פאר דיין שטיקעל ברויט.

דורך אצופאל איז מיר פיעל געלד אריין געפאלען.

דורך אצופאל? איך בין זעהער נייאגיעריג צו וויסען וואס וואר דאס
פאר אצופאל וואס דורך איהם קאן מען פיעל געלד בעקומען.

דאס איז אזא געהיימניס וואס איך טאהר ניט אויסזאגען.

דוא טאהרסט ניט? האלטסט דוא מיך פאר אפרעמדען וואס דוא
ווילסט מיר דיינע געהיימניסע ניט פערטרויען, אדער פיעלייכט האסט דוא
פורכט פאר מיר איך זאל דיך ניט פערראטהען.

אגאפיע האט געשוויעגען, זיא האט זיך קיין ראטה געקאנט געבין
וואס צו טאהן, ענדליך אבער האט זיא זיך גיווענדעט צו דאמבראווסקין
און האט געזאגט:

איך קאן מיך ניט איינהאלטען אייך דיא געהיימניס ניט צו ערצעהלען

איך זעה און האב מיך איבערצייגט אז איהר זענט מיין איינציגער פריינד, דארום מוז איך אייך אלץ ענטדעקען.

זיא האט איהם ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון דיא צוייא בריעף וואס דער גראף טאבאלסקי האט איבער געלאזט און וויא זיא האט בייא עליזאבעטהען פאר איינעם פון דיעזע בריעפע צעהן טויזענד רובעל גענומען.

נוא און פון דעם צווייטען בריעף ווייס זיא נאך ניט? — האט סאווין העכסט איבערראשט פון דער געהיימניס געפרעגט.

זיא ווייס ניט — וואר אגאפיעס אנטווארט — אזא נאר בין איך ניט איך זאל זיך ניט קענען בענוטצען מיט אזא געלעגענהייט, איך האלט דעם צווייטען בריעף בעהאלטען בייא זיך און ער וועט מיר נאר פרישע טויזענדער געבען.

בראווא מיינע ליבע אגאפיע! — האט סאווין מונטער געזאגט — יעצט זעה איך אז דוא ביזט ווירקליך זעהער קלוג, איך בין זעהער נייאגיעריג דעם צווייטען בריעף צו זעהען אום צו ראטהען דיר וויפיעל געלד דוא זאלסט בייא דער גרעפין פאר איהם אויספרעסען.

איך קאן דיר איהם בעווייזען — האט אגאפיע צופריעדען פון סאווינס קאמפלימענט געענטפערט.

זיא איז צוגעגאנגען צו איהר אייזערנעם קאסטען האט איהם געעפינט און פון אגעהיימער קיסטכען אפאפיר ארויס גענומען.

דאס איז דער צווייטער בריעף — האט זיא געזאגט איהם איבער רייכענד דאמבראווסקין.

סאווין האט נייאגיעריג געכאפט דעם בריעף אין דער האנד האט איהם דורכגעלעזען און זיין געזיכט האט פאר פריידע אנגעהויבען צו שטראהלען, „דאס איז אטהייערער שאטץ!" האט ער אויס געשריען.

אקליינינקייט צו דאס איז אשאטץ — האט אגאפיע מיט אצופרידענעם שמייכעל גיענטפערט — איך וועל דעם בריעף אונטער 25 טויזענד רובעל דער גרעפין ניט אבגעבען.

סאווין האט זעהער געשיקט אומגעביטען דעם בריעף אויף אנ־אנדער פאפיר וועלכען ער האט אבגעגעבען אגאפיען מיט דיא ווארטען: נעהם בעהאלט דאס גוט אין דיין קעסטעל, יעמאנד זאל בעהיטע גאט איהם בייא דיר ניט צונעהמען.

דאס קאנסט דוא זיכער זיין אז קיינער וועט דעם שאטץ פון מיינע הענד רויבען — האט אגאפיע לאכענד גיענטפערט צונעהמענד דעם פאפיר וואס דאמבראווסקי האט איהר געגעבען.

זארגפעלטיג האט זיא איהם אריינגעלייגט צוריק אין דער געהיימער קיסטכען און האט דעם שראנק גוט פערשלאסען.

(יוא"ג ח"ד)

דאמבראווסקי

דאמבראווסקי האט זיך זעהער ליעבליך מיט איהר געזעגנעט אונ איז אוועק געגאנגען שטארק צופריעדען פון דעם ערפאלג וואס ער האט געהאט .

יב.

בילדער אויס אמעריקא .

אין דער צייט ווען יודעלע איז געוועזען אין מינסק האט זיין גראסס־פאטער גרונם ערהאלטען אבריעף אויס אמעריקא אדרעסירט אויף יודעלעס אדרעסע .

דער בריעף האט געלויטעט פאלגענדעס :

מיין ליעבער טהייערער פריינד יודעלע !

דיין בריעף האב איך ערהאלטען , איך האב גרויס פערגעניגען געהאט דער פון וואס דוא שרייבסט מיר אז דוא מיט דיין פאמיליע זייט גאט זייא דאנק געזונד , מיט דער זעלבער נאכריכט קאן איך דיר אויך ערפרייען , איך מיט מיינע עלטערין זיינען אויך ברוך השם געזונד אבער מיר זיינען נאך דער ווייל אויף גרויסע צרות .

מיין טאטע דער גרויסער בריה איז דא אשרעקליכער שלימזלניק , ער שלעפט זיך ארום גאנצע טעג מיט אגרויסען פאק אויף די פלייצעס אונ פערדינט דורך דעם קוים אהאלבען דאללאר אטאג , מיינע שוועסטער האבען מיט מזל אריינגעטראטען אין אשאפ (פאבריק) אלס שטעפערקעס אויף מאשינען אונ פערדינען מיט גרויסע צרות צו צווייא דאללאר אוואך , איך האב נאך דער ווייל גיט צו וואס זיך צו חאפען , ווערען אפשוטער ארבייטער דאצו קאן איך מיך נאך ניט בעשליסען , דאבייא איז מיר דער קאפף פערדרעהט פון מיין געוועזענער כלה ראזא גלאנץ .

וויא איך האב דיר אין פאריגען בריעף געשריעבען דאס איך ווייס ניט וואו איך האלט מיט איהר , זיא ווייזט זיך צו מיר זעהער פריינדליך אונ איז דאך ניט מיינע , אזויא איז היינט אויך , מאנכעס מאהל בע־האנדעלט זיא מיך אזויא דאס איך בין פעסט איבערצייגט אז זיא איז אין מיר שטערבליך פערליעבט אונ מאנכעס מאהל צייגט זיא זיך צו מיר קאלט וויא אייז , דאבייא בעגעגען איך זיא זעהער אפט אין דער געזעלשאפט פון אנדערע יונגע לייט צו וועלכע זיא בעווייזט זיך זא פריינדליך וויא זיא צייגט זיך אין דער גוטער שעה צו מיר .

דא אין נויארק איז פאר די מיידלאך אפרייע אפענע וועלט , בייא אונז צום בייאשפיל וועט זיך אבעל הבתיש מיידעל ניט ערלויבען צו ראמאנסירען

מיט צווייא יונגע לייט אין איין צייט, זיא שעמט זיך פאר לייטען אונ האט מורא פאר לייטישע רייד, דא אבער איז קיין שאנדע פאר לייטען פערהאנדען, ווייל איינער ווייס פונ'ם אנדערין ניט, יעדער מענש פיהלט זיך דא וויא צווישען פרעמדע מענשין וואס ער קאן זייא ניט אונ זייא ווייסען ניט ווער ער איז, פון דיא וויינינע לאנדס לייטע וואס ער האט דא איז ער ווייט אונ אבגעזונדערט, ווייל יעדער איז דא פערנומען אין זיינע ביזנעס (געשעפטע), דארום האט ער פאר לייטישע רייד גאר קיין מורא ניט, דארום ערלויבען זיך דיא מעדכענס צו ראמאנסירען מיט עטליכע יונגע לייט אין איין צייט, דאס הייסט אייגענטליך ניט ראמאנסירען נור "ביזנעס געמאכט", יעדעס מעדכען וויל זיין פערזיכערט זיא זאל חלילה ניט פערזיטצען ביז אין גראען צאפ אריין, אז איינער פון דיא בחורים וואס דרייען זיך ארום איהר זאל מוזען מיט איהר הייראטען, דערווייל האלט זיא זייא אלע וויא אויף אשטריקעל אום פון זייא אויס צו קלייבען דעם בעסטען.

איך גלויב אז מיין ראזע "מאכט אויך אזעלכע ביזנעס", אונ דארום האלט זיא מיך אויך אויף איהר שטריקעל, אום אין אנאטהספאל זאל זיא האטש קאנען מיט מיר חתונה האבין, איך בין אבער ניט אזא נאר איך זאל מיך לאזין פיהרען וויא אבהמה אויף אשטריקעל, איך וועל נאך אביסעל ווארטען אונ וועל זעהן אויב זיא וועט מיט מיר ווייטער אזא ראליע שפילען, וועל איך איהר זאגין דעם אמעריקאנישען "גוד בייא" (אגוטען טאג) אונ וועל זיא שוין מעהר אין זינען ניט האבין, דערווייל איז מיר דער קאפף אלס איינס פער־דרעהט וועגין אבעשעפטיגונג, איך האב אנ'אויסזיכט צו ווערין אמיטארבייטער אין דער יודישער צייטונג וואס הייסט "ארטהאדאקסישע שמאטע", איהר רעדאקטאר אונ הערויסגעבער איז אגעוויסער "דאקטאר פיפערנאטער".

דוא קאנסט דאך ליבער פריינד מיינען אז דער דאקטאר פיפערנאטער איז אגרויסער געלעהרטער מאן אונ זיין צייטונג בעשעפטיגט זיך מיט וויכטיגע זאכין וואס זיינען נוגע דעם כלל ישראל, זאג איך דיר אז דוא האסט אגרויסין טעות, דא אין דער פרייער אמעריקא דארף מען גאר פיל ניט ארבייטען אום דעם טיטעל דאקטאר צו בעקומען, דא קאן מען אין איין מינוט הייסען דאקטאר זאגאר פראפעסאר, מען בעגעגינט דא אזעלכע מענשין וואס אין זייער אלטער היימאטה וואריז זייא פשוטע וואסער טרעגער צו קוימענקעהרער, אדער מעקלער, מלמדים אונ גלאט שלימזלים וואס האבין ניט געטויגט צו גאט אונ צו לייט, אונ דא אין נויארק טראגין זייא צילענדער היט אונ הייסען דאקטורים אדער פראפעסארין, קומט אהער צו פאהרען אקליין שטעטעלדיגער כלי זמר שרייבט ער זיך דא אונטער אלס פראפעסאר מוזיקא אונ אלע רופען איהם מיסטער פראפעסאר.

אזא סארט דאקטאר איז מיסטער פיפערנאטער דער רעדאקטאר פון דער צייטונג "ארטהאדאקסיסע שמאטע", אלע ווייסין אז אין זיין אלטער

היימאטה איז ער גיוועזן אמעקלער פון פערשידענע סחורות, דארט האט ער פערהאפט עטליכע רובעל אונ איז געקומען אין נויארק, ער האט זיך געהאפט צו פערשידענע פרנסות אונ קיין זאך האט איהם געגליקט, דארום האט ער אנגעהייבן ארויס געבין אציייטונג אונ האט זיך אנאמען געגעבין דאקטאר.

דא אצייטונג ארויס געבין בפרט נאך אידישע איז אזו גרינג וויא ביי אונז אין הארידאק איז גרינג צו התרת נדרים אדין מומחה צו ווערין, קיין צענזורע איז דא ניטא, דרוקערייען זיינען פאראן אויף יעדין טריט, פאלט איינעם אריין דיא מחשבה ארעדאקטאר פון אצייטונג צו ווערין געהט ער אונ שרייבט אן עטליכע ארטיקלען וואס איין ווארט קלעבט זיך ניט צום צווייטען ניט דאס אנאמען ארטהאדאקסישע שמאטע אדער יודישע בלאטע, אונ דרוקט דאס אב אויף ווייך פאפיר אונ ער הייסט שוין רעדאקטאר פון אצייטונג.

עס איז פאסט ניטא דיא וואך וואס דא ערשיינט ניט אנייע צייטונג מיט אפרישען נאמען אונ טאקי באלד שטארבט זיא אב.

דער דאקטאר פיפערנאטער האט אבער צו זיין שמאטע מזל, זיא געהט שוין ארויס זייט עטליכע יאהר אונ לעבט נאך, קאנסט דוא דאך אפשר מיינען אז זיא עקסעסטירט דערפאר וואס מען לעזט זיא איבעראל. חלילה! קיינער וויל זיא אין האנד ניט נעהמען, מען ווייס זאגאר ניט אז זיא עקסעסטירט, אונ דאך געהט זיא וועכענטליך ארויס ניט מעהר וויא אין דרייא הונדערט עקזעמפליארען, אונ דער רעדאקטאר פיפערנאטער פערדינט פון איהר אסך געלד, וויל ערשטענס שטיטצען איהם דיא ארטהאדאקסען אויס פורכט ער זאל ניט אויסזאגין זייערע חטאים. צווייטענס איז דער דאקטאר פיפערנאטער אזא פייגעל וואס קאן ווייזען פשוטע וואונדער, ער בילדעט איין אלע גרעסטע סוחרים אז זיין צייטונג ערשיינט אין מיליאנען עקזעמפליארען, אונ דארום גיבען זייא אריין ואין זיין שמאטע דיא אנאנסען פון זייערע געשעפטע, פאר דיא אנאנסען צאהלט מען דא אסך געלד, אונ דארום קאן דער מיסטער פיפערנאטער מאכין אשיין לעבין.

ניט אומזאנסט זאגט מען ביי אונז אז אמעריקא איז אגליקליכע וועלט, זעהר פיל טויזענטער ניכטסען האבין דא זייער גליק געפונען, מענשין וואס קאנען קיין שייטעל עברי ניט ווערין דא זעהר לייכט רבנים (רעווערענטען), שוסטער וואס קאנען ניט דאווענען ווערין דא היא חזנים, יונגלאך וואס קאנען קיין צווייא ווערטער ניט אויפשרייבען ווערין דא זעהר לייכט זשורנאליסטען אדער רעדאקטערע.

אונ דאס איז גאר קיין וואונדער ניט, אין נויארק אליין געפינען זיך איבער דרייא הונדערט יודישע חברות, העכער אפירטעל מיליאן יודען אונ דיא אלע דארפין ימים נוראים (דער גרעסטער טהייל אויך אלע שבת) דאווענען אין אשול, נוא מוזען זייא דאך האבין חזנים, אונ וואו נעהמט מען אזו פיל חזנים?

(יוא"נ ח"ד)

דארום

דארום האפט מען זיך אן יעדען שלימזל וואס האט נור אשטיקעלע שטימע און מען קריינט איהם פאר אחזן, דיא אלע יודען מוזען אויך האבין אמסדר קדושין צו זייערע חתונות אמאל פאר זייערע קינדער, דארום ווערין דא בעשאפין אלערליא רעווערענטען וואס זייער אויפגאבע איז מוהל זיין דיא נאייגעבארענע קינדער און מסדר קדושין זיין אויף חתונות, דער גרעסטער טהייל פון דיא יודען זיינען פשוטע איינפאכע מענשין וואס קאנען קוים לעזין, נוא איז ביא זיא רעכט וואס פאר אביכעל אדער אצייטונג מען גיט זייא, אבי זייא זעהן פאר זיך געדרוקטע אותיות איז שוין גענוג פאר זייא.

קאנסט דוא דאך פילייכט מיינען אז דא אין אמעריקא זיינען קיינע וואהרע געבילדעטע מענשין פארהאן, זאג איך דיר ליבער יודעלע אז דוא זאלסט דאס גאר ניט קלערין, דוא געפינסט דא דיא גרעסטע יודישע שרייבער, דיא ער־האבענסטע פאעטין, די טאלענטפאלסטע העברעאישע שרייבער, אבער דיא אלע ווערין אזו פערפאלגט פון דיא טאלענטלאזע שרייבער דאס זייא קאנען קיין קאפף אויפהייבין, דוא בעגעגינסט דא זעהר אפט געריהמטע יודישע שריפט־שטעלער ארבייטען אלס איינפאכע ארבייטער אין דיא פעקטורעס און שאפען, ווייל זייערע קענטניסע גיבען זייא קיין ברויט, דארום זיינען זייא דא געווארין ארבייטער און שעמען זיך גאר ניט מיט דעם וואס זייא הייסען אפערייטער (שניידער), אדער העטמעקער (קירזשנער) א. ז. וו.

אמעריקא מאג שטעהן ביז משיח וועט קומען נור דערפאר וואס אין איהר איז ארבייט קיין שאנדע, אין גענענטהייל דיא גרעסטע שאנדע איז דא ווען מען שעמט זיך מיט אנ׳ארבייט אדער מען פוילט זיך צו ארבייטען, דיא גרעסטע מיליאנערין שעמען זיך ניט אליין אום צו קעהרין זייערע קאנטארען, דיא רייכסטע לענדלארדס (איינענטהימער פון הייזער) פוילען זיך ניט אליין אבצוקעהרין דיא טראטוארען וואס נעבין זייערע הייזער, דיא עדעלסטע דאמע שטעהט אליין ביים אייזען און קאכט מיטאג, וואשט דיא וועש פון איהר מאן און קינדער, דינסטען האלטען דא נור זאלכע רייכע לייט וואס האבין אסך קליינע קינדער, אבער אזו איז דא גאר אשאנדע אדינסט צו האלטין, דאביא לאהנט דא טאקי ניט אדינסט צו האלטין, ווייל דא לאזין זיך ניט דיא דינסטען טרעטין פון זייערע באלעבאסטעס מיט דיא פים וויא ביא אונז. זייא מוזען עסין ביא דעם זעלבין טיש וואו זייערע ווירטהינען עסין און קיינער דארף וואגען זייא אגראב ווארט צו זאגין, אויך זייער געהאלט איז זעהר גרויס, ווענינער פון אכט דאלאר (אונזערע זעכצעהן רובעל) אמאנהייט נעהמט דא אדינסט ניט, דאס ברייננט דאצו דאס זאגאר אונזערע רוססישע פרויען וואס האבין זיך אין דער היים ניט גיקאנט אריהר טאן אן אדינסט, אויך זייא ארבייטען בעסער אלץ אליין און ווערין זעהר גיך געוואהנט מיט דער ארבייט אבוואהל זייא ווערין נוט פערשווארצט בעפאר זייא געוואונען זיך דאצו.

דיא ארבייט איז דא אזו נעאכטעט דאס זאגאר דיא רעגירונג גיט אכטונג אז יעדער מענש זאל זיך מיט עטוואס בעשעפטיגען, קיינער זאל ארום געהן ליידיג, וויל אמאן גיט ארבייטען פאר דער פאמיליע אונ זיין ווייב בעקלאגט זיך אויף איהם פאר דעם ריכטער פון איהר קווארטעל, ארעסטירט מען איהם אונ מען צווינגט איהם ער זאל ארבייטען, וויל אבחור זיך ניט נעהמען צו דער ארבייט אונ זיינע עלטערין בעקלאגין זיך אויף איהם אז ער איז פויל שיקט מען דעם בחור אוועק אויף אנ'אינזעל אונ מען געוועהנט איהם דארט צו דער ארבייט מיט געוואלד.

עס איז היר אזו אנגענומען געווארין דער רעגעל דאס יעדער זאל פאר זיך אליין ארבייטען, דאס דא איז בעשאפען געווארען אווערטיל „העלפ יור סעלף" (העלף זיך אליין), אונ מיט דעם ווערטעל בענוצט מען זיך דא איבעראל, קומט אנארמער קרוב צו אבייכען איהם בעטין ער זאל איהם טאן אטובה, בעקומט ער דעם אנטווארט „העלפ יור סעלף" אדער אויף פראסט יודיש: דא אין אמעריקא מוז יעדער מענש ארבייטין אליין פאר זיך, אונ דער וואס זיך זעלבסט גיט ערנעהרין, וויל דער האט ניט פערדינט מען זאל זיך ווענין איהם קימערין, אין אמעריקא מוז מען זיין פלייסיג, טהעטיג, אונ שנארען (בעטלען) איז דיא גרעסטע שאנדע.

וואס פאר אנ'אירטהום עס האבין ביא אונז אין איראפא דיא מענשין וואס פאהרען נאך אמעריקא צו זייערע רייכע קרובים, מיט דער האפענונג ביא זייא שטיטצע צו געפינען, דא ווילען דיא רייכע ניט וויסען פון שטיצען ארמע קרובים, זאגאר דיא פערזאנען וואס זיינען גיוועזען אין רוסלאנד מילד אונ פרייאגיעביג, ווערין דא זא הארט הערציג דאס זייא ווילען פון ערבארמען אויף ארמע קרובים ניט וויססען.

אנ'אירטהום האבין אויך דיא מענשין וואס מיינען אז אין אמעריקא איז אגרויסער יקרות אויף ספרים, אונ דארום קומען זייא אהער אנגעלאדין מיט פערשידענע יודישע ספרים, איך האב שוין גיזעהן זאלכע מענשין וואס האבין דעם שכל געטאן אונ האבין מיט זיך געבראכט אסך יודישע ביכער אונ זיינען דא געצוואונגען גיוועזן זייא צו פערקויפין פאר אצעהנטיל געלד.

אמעריקא איז אין דעם הינזיכט ניט ערגער פון רוסלאנד, דא זיינען פאראן זאלכע סקלאדען ספרים וואס דארפין זיך ניט שעמען געגין דיא גרעסטע רוססישע יודישע בוכהאנדלונגען, איך בין איין מאהל אריין געקומען דא אין נייארק אין אסקלאד ספרים וואס אווילנער מוכר ספרים האט דא איינגעריכטעט בין איך אויסער זיך געווארין פאר ערשטוינען, איך האב ביא איהם געפונען פון אתחנה אמהות ביז אגרויסען ווילנער נייעם ש"ס, פון אבבא מעשה ביז דעם גרעסטין אנטיק אין דער העברעאישער שפראכע, אונ אלעס בילינגער וויא אין רוסלאנד, קורץ אונ גוט דער וואס וויל זיך נור דא בעשעפטיגען מיט

יודישקייט , אדער מיט דער יודישער ליטעראטור קאן דא אלעס בעקומען וואס
ער ווינשט , ליידער אבער זיינען דא פאראן זעהר ווייניג מענשען וואס בעשעפטיגען
זיך מיט דער יודישער ליטוראטור , ווייל וויא איך האב דיר פריהער געשריבען :
יעדער איינציגער פיהלט זיך דא פערפפליכטעט צו ארבייטען אונ ליטעראטור
ליגט איהם גאר אין זינען ניט .

דער פאר אבער שטעהט דא „דיא יודישקייט" אין איהר פאלער
קראפט .

אונטער דאס ווארט „דיא יודישקייט" מיין איך דיא פרומקייט וועלכע מיר
בעגעגנען אין אונזערע קליינע שטעדטליך , דא לייפט מען אויך אין דיא שולען
הערין מגידים וואס ערציילען נסים ונפלאות פון יענער וועלט , דא הרגעט מען
זיך אויך פאר אפעטע עליה אזו וויא ביא אונז, אונזערע רוססישע ברידער וואס
וואהנען דא זוכען אויך כבוד נור אין שול .

אין נויארק זיינען פאראן זעהר פיל שולען , צווישען זייא זיינען דא
אזעלכע וואס האבען גיקאסט איבער אמיליאן דאלאר , איך זאג דיר אז דאס
זיינען וואהרע בית המקדשין , אבער דיא פראכטפאלע שולען גיהערין צו דיא
רעפארמירטע יודען וועלכע דאוונען אין שול אהן היטלען , אונ דעם חזן
בעגלייטעט אקאהר פון מענער אונ פרויען אויך אנ'ארגעל , אבער אונזערע
רוססישע עסטרייכישע אונ רומינישע יודען האבען זעהר ווייניג שולען , אונ דיא
זיינען אויך איינפאכע אזו וויא אין אונזערע שטעדט , אין זייא זיינען אלע
פלעמצער פערקויפטע , אונ דיא איבעריגע צעהנדליגער טויזענדער יודען וואס
געפינען זיך דא מוזען זיך דינגען גרויסע צימער דארט צו דאוונען .

אונ וואו מיינסט דוא קלייבען זיך אוים אונזערע רוססישע יודען שולען
צום דאוונען , אין דיא פינסטערע וויסטע שאפען וואו דיא גאנצע וואך ארבייטין
דארט הונדערטער מענשען , אונ שבת אונ יום טוב , בעזאנדערס ימים נוראים
דינגען זייא פאר שולען לעבודת הבורא , איך זאל דיר פארשטעלין אזא שול
וועסט דוא דאס גאר ניט גלויבין , פאר אזעלכע שולען פאסט ניכער דער נאמען
שטאלען , אונ אין אזעלכע שמוטציגע ערטער קלייבין זיך אן אזו פיל מענער
מיט פרויען דאס עס איז דארט איינפאך אונמעגליך זיך אריהר צו טאן , אפרישער
מענש ווען ער קומט אהין אריין מוז דיא נאז צו האלטין ווייל מען קאן דארט
פון עפוש ניט איין שטעהן , זעהר אפט טרעפין אין דיא ימים נוראים דיא
גרעסטע אונגליקען אין אזעלכע שולען , דען עס מאכט זיך אפייער אונ אלע
הייבין זיך אן צו שפארין ארוים צו לייפען , ווערין דאמאלס ערשטיקט פילע
מענשען .

אויך זיינען דא פאראן אזעלכע סאלונען (זאאלען) וואס אהין קלייבין זיך
אוית יעדין אווינד דיא מיטגלידער פון אחברה אבצוהאלטין דארט זייערע
מיטהינגען (פערזאמלונגען) , אונ ווען קיין מיטהינג איז דארט פאראן קלייבען

זיך אהין אויף בחורים מיט מיידלאך און מעו לערינט זיך טאנצען, אויך אזעלכע סאלוגען דינען פאר אונזערע יודען אלס שולען, איך ווייס פון אזא סאלאן וואס אהין קלייבין זיך אויף דיא יודישע אנארכיסטען און פרעדיגען דארט אז עס איז קיין גאט ניטא, און אלע שבת איז דארט אמנין וואו אונזערע יודעליך גיסען אויס זייערע הערצער פאר גאט.

גיפעלט דיר עפעס דער קאנטראסט?

דוא וועסט גלויבען יודעלע אז פון אגעוויסען אונגליק וואס דא איז פערהאנדען קומט פאר דיא אמעריקאנישע יודען אין אלגעמיין אגרויס גליק ארויס, אויף דעם האב איך גילייענט דעם פסוק „מעז יצא מתוק”.

איך ווייס בעשטימט אז אויך אין דיא נויארקער גאסן וואלט מען בעגעגינט אזעלכע פערדריפעטע יודעליך אין זייערע פערשליומפערטע אלט מאדישע קאסטיומען וויא אין אונזערע גאסין, צום גליק אבער איז דא פאראן אזא אונגליק וואס דערלאזט צו אזא שאנדע ניט, דאס אונגליק בעשטעהט אין דעם וואס דיא היזיגע לויפערס פערוואריפען אלע יודען וואס געהן אלטמאדיש געקליידעט, מיט שטיינער.

דיא לויפערס זיינען דיא אמעריקאנישע יונגליך און בחורים אדער אזו גלאט מענשעליך וואס האבין פיינד איודען, דיזע חברה לייט ווען זייא דער זעהן אגרינעם אפריש אנגעקומענעם איראפייער מיט זיינע קליידער וואס מען טראגט אין זיין אלטער היימאטה, לאזין זייא איהם ניט בשלום זיין וועג געהן, זאנדערין זייא פערווארפען איהם מיט שטיינער און בלאטע, אדער זייא ברעכין איהם גלאט אויס דיא ביינער, דארום האבין אלע אלטמאדישע יודען מורא ארויס צו געהן אין גאס געקליידעט אין זייערע היימישע קאסטיומען, און בעמיהען זיך מיט אלע קרעפטע ארויס צו געהן אין גאס זא געקליידעט מען זאל ניט ערקאנען אז זייא זיינען איראפייאישע אדער גרינע יודען.

נור אין איינינע גאסין האבין אונזערע רוססישע פאנאטישע יודען דאס פערגעניגען צו ערשיינען אין דיא עכטע, קליידער וואס זייערע אורעלטערין האבין געטראגין, דיא נאסין הייסען העסטער, לודלאוו, עסעקס ארטשארד, דיא אלע נאסין זיינען בעוואהנט נור מיט רוססישע פאלנישע יודען, אז מען קומט אריין אין דיא נאסין מיינט מען אז מען איז אויף ווילנער שולהויף, אויף יעדין שריט באגעגינט מען דארט פערדריפעטע יודענעס, פערשמאלצענע יודען, נייבער סעדיבעס, פעדלער, פעדלינרקעס, אין העסטער סטריט האבען דיא רוססישע סוחרים גיעפינט גישעפטע פון אלע סחורות וואס געפינען זיך אין דער וועלט, און מערקווירדיג איז דאס וואס אלע סחורות זיינען דארט ביליגער אלס אין גאנץ נויארק, און פאסט אלע יודען פון דאנטאן (אונטערשטע שטאדט) קויפען אלע זייערע נאטהוועגדיגע זאכין און לעבענס מיטעל אין העסטער סטריט וועלכע האט באקומען דעם ליבען נאמען „חזיר מארק”.

ריידענדיג פון דיא היגע מערקע מוז איך דיר זאגין אז דיא לעבינס מיטעל

אין נויארק איז פיל בילינער אלס ביא אונז אין הארידאק , מען בעקומט דא דיא בעסטע פיש צו פינף סענט (אהיגע קאפיקע) אפונט , אונ זעהר אפט בעקומט מען דא פיש צו איין סענט אפונט , פלייש איז ניט טייערער פון צוועלף סענט , פשוטע פלייש בעקומט מען פאר זעקס סענט , פון פריכטע איז גאר קיין רעדע , דאס איז דא אונגלויבליך בילינ , צום ביא שפיל אנ׳אפעלסין קאסט דא איין סענט , צוייא לימאנען (ציטרין) אסענט , עפעל בארין דאס בעקומט מען פאר חצי חנם .

אמעריקא איז אזא גיבענטשט לאנד דאס מען געפינט אין איהר אלע פריכטע וואס וואקסען אין פערשידענע וועלט טהיילע , דוא זעהסט דא אונזערע שווארצע אונ רויטע יאגדעס וואס וואקסין אין אונזערע וועלדער וויא אויך דיא אנאנאסען וואס וואקסען נור אין דיא ווארמע לענדער , אונ אלע פריכטע פער־קויפין זיך זעהר בילינ , קליידער זיינען דא אויך זעהר בילינ , אבער דיא היגע קליידערשטאפען זיינען זעהר שוואך , אנייע פאר קאמאשען קויפט מען דא פאר איין דאלאר , אבער מעהר טראגט מען זייא ניט וויא צווייא מאנאטען .

איך האב דיר געוואלט נאך פערשידענע זאכען שרייבען וואס דוא וויא אויך אלע אונזערע הארידאקער איינוואהנער ווילען וויסען , אבער איך האב יעצט קיין צייט ניט , דען אין דער מינוט האב איך דורך דער שטאדט פאסט ערהאלטען אבריף פון מיין שיפסשוועסטער בערטהא שטאלץ , זיא בעט מיך איך זאל צו איהר באלד קומען וועגין זעהר אוויכטיגער זאך .

מיט דער בערטהאן האב איך מיך געזעהן פארגעסטערין , איך האב זיא אונערווארטעט בעגעגינט אין לודלאוו סטריט (גאס) אונ מיר האבין איינער דעם אנדערין אונזערע אדרעסין געגעבין .

איך מוז לייפען צו איהר הערין וואס זיא בעדארף מיך .

דער וייל אדיע , אין אכט טעג ארום וועל איך דיר נאך אבריף שרייבין .

איך פערבלייב דיין בעסטער פריינד .

זיססעל דארף .

יג.

געהאפט .

דיא געשיכטע פון דער עפערע וואס האט פאסירט אין דעם דארף יענקי , וויא אויך דיא גנבה וואס האט שטאטגעפונדען ביא חאצקלען אין הויז האט אגרויסין רעש געמאכט אין דעם גאנצען געגינד , אלע האבין פערשטאנען אז דער יענקיר עפעריסט וואס האט ביא אנאפיען אויס גענארט איהר גאנצעם געלד , מוז זיין דער זעלבער וואס האט ביא חאצקלען ארויס געגנבט דאס גאנצע גאלד אונ זילבער .

(יוא״ג ח״ד) איבערהויפט

איבערהויפט האט דיא געשיכטע שטארק פעראינטערעסירט דעם יענקיר גוטספעזיטצער גראזינסקי, איהם איז דאס זעהער ניט אנגעשטאנען וואס ער האט זיך געלאזט אזויא לייכטזיניג פערפיהרען פון אזא עפעריסט אונ ער האט נאך מיטגעהאלפען דער גנב זאל זיין ציעל ערייכען.

ער האט זיך דארום פעסט בעשלאסען אלע קרעפטע אנצווענדען דעם עפעריסט אויס צו געפינען, ער האט פערשטאנען אז דער גנב וועלכער האט אין דעם געגענד אזא ערפאלג געהאט, וועט געוויס ניט אזויא שנעל דעם פלאטץ פערלאזען, ער וועט אהנע צווייפעל נייע אפפער זוכען, דארום האט גראזינסקי ארויס געשיקט מענשען אין אלע ארומיגע שטעדטליך אונ דערפער פיעלייכט וועלין זייא בעגעגנען אזא פערזאן זאלען זייא איהם געפאנגען נעהמען, ער זעלבסט האט אויך געמאכט אריזע אין דעם געגענד מיט דער אבזיכט פיעלייכט וועט ער צופעלליג דעם עפעריסט בעגעגנען.

אכט טאג איז ער ארום געפאהרין אהנע ערפאלג, ער האט שוין דיא האפנונג דעם גנב צו געפינען פאסט פערלארען אונ האט זיך שוין גע־וואלט אומקערען אהיים.

ער וואר דאן אין דעם קליינעם שטעדטעל שווערזין וואס איז ניט וייט פון מינסק, ער האט דארט קווארטירט אין אנ'איינפאכע אכסניא וואס איוד האט געהאלטען, אינ'ם שטעדטעל האט דיא אכסניא געהייסען „פריצעשע אכסניא".

אין דעם פריהמארגען וואס גראזינסקי האט בעדארפט אוועק פאהרען צוריק אהיים, איז צו איהם אריינגעקומען דער ווירטה פון דער אכסניא מיט אקליין קעסטעלע אין דער האנד אונ האט דעם פריץ געפרעגט פיעלייכט האט ער לוסט צו קויפען אפאר ברילליאנטענע אהררינגע.

גראזינסקי האט איהם גיענטפערט דאס ער האט קיין פרויא אונ דארום דארף ער קיינע אהררינגע.

אבער פריץ! — האט דער בעל אכסניא געזאגט—אבוואהל איך בין קיין מבין אויף אזעלכע זאכען, דאך פערשטעה איך אז דיא אהררינגע האבין אגרויסען ווערטה אונ מיא קאן זייא קויפען זעהער ביליג.

בייא דיא ווארטען האט ער אויפגיעפינט דאס קעסטעלע אונ גרא־זינסקי איז איבעררראשט געווארען אלס אין זיינע אויגען האט אבלישצע געטאהן אשיין פון צווייא טהייערע ברילליאנטען.

ער האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען דאס אנטיקעל ניט צוא בע־טראכטען, ער האט דאס קעסטעלע גענומען אין דיא הענד, האט איניגע מינוטען בעטראכט די אהררינגע אונ האט געזאגט: דאס איז ווירקליך

(יוא"ג ח"ד) אנ'אנטיק

אנ׳אנטיק, וויפיל בעט מען פאר זייא?

50 רובעל — האט דער בעל אכסניא געענטפערט.

50 רובעל? — האט גראזינסקי פערוואונדערט אגעשרייא געטאהן — ווער וויל דאס פערקויפען?

איינער מאן וואס איז געסטערן אבענדס צו מיר אריין געפאהרן דער וויל דאס פערקויפען, ער האט נאך איינינע אנטיקען וועלכע מען קאן קויפען אין גלייכען געלד.

פופציג רובעל פאר אפאר אהרינגע וואס האבען דיא ווערטה מינדעסטענס דרייא הונדערט רובעל, דאס איז גראזינסקין אריין גוט אין קאפף, ער האט זיך גיווענדעט צום הויזווירטה אונ האט געזאגט: איך בין בערייט דיעזע אהרינגע צו קויפען, איך וויל אויך יענע אנטיקען וואס דיין גאסט האט בייא זיך, וויא אזויא קאן איך זייא זעהען?

ווען איהר ווילט זיך בעמיהען אריין געהן צו דעם גאסט אין צימער קאנט איהר דאס אלעס זעהען.

זעהער גוט איך געה.

ער איז אויפגעשטאנען אונ איז נאכגעגאנגען דעם בעל אכסניא וועלכער האט איהם געפיהרט אין איינעם פון דיא צימער וואס דיא פענסטער קומען אריין אין הויף.

קוים האט גראזינסקי דיא שוועל פון דעם צימער בעטראטען אונ האט דער זעהן דעם גאסט האט ער אין איהם באלד ערקאנט יענעם טשינאווניק וועלכער האט אויסגענארט אנאפיעם געלד.

אויך זשוליק (דאס וואר ער) האט גלייך ערקאנט דעם פריין פונ׳ם דארף יענקי, ער איז בלאס געווארין וויא דער טויט, דען ער האט פערשטאנען אז אונטער דער צייט האט מען זיך געוויס ארומגעזעהען אז ער האט בעשווינדעלט יענער פרויא, באלד אבער האט ער מוטה געפאסט אונ האט זיך געמאכט וויא ער קאן גאר דעם מענשען ניט.

גראזינסקי האט אין דעם מאמענט געפאסט אפלאן וויא אזויא דיזען באנדיט פעסט צו נעהמען, ער האט זיך אויך געמאכט וויא ער קאן גאר דיעזען גאסט ניט, מיט אנ׳אונשולדיגע ערנסטע מינע האט ער גיבעטען דעם פרעמדען ער זאל איהם זיינע אנטיקען בעווייזען.

מעהר וויל איך ניט פערקויפען וויא דיא אהרינגע — האט זשוליק גיענטפערט — אויב איהר ווילט זייא קויפען צאהלט מיר אב 50 רובעל אונ זייא זיינען אייערע.

פופציג רובעל איז אבער צו טהייער איך קאן בילליגער ניט לאזען,

איהר וועט נעהמען 40 ?

ניט איין קאפיקע וועל איך פון 50 רובעל ארונטער לאזען .

נוא אסוף איך וועל אייך געבען דאס געלד וואס איהר פערלאנגט — האט גראזינסקי וויא נאכדענקענד געזאגט — אבער איהר וועט מיר ערלויבען דיא אהרריינגע אריין צו טראגען צו איין יוועליר ער זאל עס שאטצען אונ מיר זאגען צו האבען זייא דיא ווערטה דאס געלד וואס איהר בעט ?

דאס קאנט איהר טאהן — האט זשוליק גיענטפערט — אבער מאכט דאס גיכער אום איך זאל דעם צוג וואס געהט נאך מינסק ניט פערשפעטיגען , דען איך מוז מיט דעם צוג אוועק פאהרען .

ניט מעהר וויא אין איין פירטעל שטונדע בין איך דא צוריק — האט גראזינסקי גיענטפערט אונ איז ארויס געלאפען פונ'ם צימער .

באלד איז ער געשטאנען אין גאס אונ האט דעם ערשטען גארדאוואי וואס ער האט בעגעגענט ערצעהלט אז דא קווארטירט אגעוויסער שווינדלער וועלכער האט אויס גענארט אין זיין דארף בייא אפרויא צעהן טויזענד רובעל , דער גארדאוואי איז מיט איהם באלד אריין געגאנגען צו זשוליקען אין צימער , זייא האבען איהם געטראפען זיך פאקענדיג אום פערטיג צו זיין צו דער רייזע .

יעצט ערשט אלס זשוליק האט דער זעהען דעם פריץ מיט דעם גארדאוואי , האט ער פערשטאנען מיט וואס ער שמעקט , אונ אין איין אויגענבליק האט ער אשפרונג געטאהן צום פענסטער אונ האט זיא אויס געבראכען אום דורך איהם אין הויף ארויס צו שפרינגען , אבער דער גארדאוואי וואר נאך פלינקער פון איהם , ער האט אויך אפלינקען שפרונג געטאהן וויא אקאטץ וואס שפרינגט ארויף אויף דער מויז וואס וויל פון איהר אנטלויפען , ער האט איהם אנגעהאפט ביים קארק זא פעסט דאס דער באנדיט האט זיך ניט געקאנט ריהרען .

וואס ווילט איהר פון מיר ? — האט ער מיט אציטטערנדע שטימע געפרעגט אראפ קריכענדיג צוריק פונ'ם פענסטער .

איך וויל דיך ארעטירען — האט גראזינסקי גיענטפערט .

מיך ארעטירען ? — האט דער גנב וויא פערוואונדערט געפרעגט — פאר וואס ?

דער פאר וואס דוא ביזט אגנב אונ אשווינדלער , דוא מיינסט אז איך האב דיך ניט דערקאנט ? איך האב דיך גוט ערקאנט , דאס ביזט דוא דער טשינאווניק וואס האט אויסגענארט בייא אגאפיא בראניצקאיא צעהן טויזענד רובעל .

איך ? וואס רעדט איהר ? וויא קום איך צו אזעלכע זאכען ? אלע קאנען מיך פאר אהויפט ארדענטליכען מאן .

פון וואנען ביזט דוא ? — האט איהם דער גארדאוואי געפרעגט .

פון דעם שטעדטעל הארידאק .

וואו איז דיין פאשפארט ?

זשוליק האט ארויס גענומען אפאשפארט אונ האט איהם איבער געגעבען דעם גארדאוואי וועלכער האט אין איהם געלעזען דעם נאמען יודעל בערקאוו פיינהערץ .

פרעגט אן אויף מיר אין הארידאק — האט דער גנב געזאגט — וועלין אייך אלע זאגען אז איך בין אנ׳ארדענטליכער מאן .

דער גארדאוואי וואר שוין געניינט איהם אבצולאזען , נור דער פאן גראזינסקי האט אגעשרייא געטאהן : דוא קאנסט איהם ארעטירען אויף מיין פעראנטווארטליכקייט , איך וויים בעשטימט אז ער איז יענער מאן וואס איז ביא מיר אין הויז גיוועזען אלס משינאווניק געשיקט פון גובער־נאטאר אנ׳אונטער זוכונג צוא מאכען ביא אגאפיען וועגען פאלשע קינגאטשעס .

דער גארדאוואי איז געהארזאם גיוועזען , ער האט דעם גנב ארעטירט אונ האט איהם אוועק געפיהרט צו דעם גאראדניטשע פונ׳ם שטעדטעל .

דער גאראדניטשע האט אויס גיהערט גראזינסקים ווערטער , אונ האט פערשטאנען אז ער האט רעכט , ער וואר אויך מיט דער מיינונג דאס דער זעלבער שווינדלער האט בעגנבעט חאצקלען אונ דיא אהרינגע מיט דיא איבעריגע אנטיקען וואס ער האט מוזען זיין פון דיא זאכען וואס ער האט געגנבעט ביא איהם .

גראזינסקי האט דעם גאראדניצע געבאטהען ער זאל דיא אהרינגע אריין שיקען אין הארידאק צום פריסטאוו , אום ער זאל ערפאהרען צו זייא זיינען ווירקליך פון חאצקעלס געגנבעטע זאכען , דער גאראדניצע האט איהם געפאלגט אונ האט אזויא געטאהן , רבי זשוליקן האט ער דער וייל געשמידט אין קעטען אונ גוט פערשפארט אין געפענגענים .

צופריעדען מיט דעם ערפאלג האט זיך גראזינסקי צוריק אהיים אומ־געקעהרט אונ האט ערפרייעט אגאפיען מיט דער נאכריכט דאס דער שווינדלער וואס האט איהרע געלד צוגענומען איז געפאנגען געווארין אונ זיא קאן האפען דאס זיא וועט איהר געלד צוריק בעקומען .

(יוא"נ ח"ד)

אונערווארטעט

י.

אוּנֶערְוואַרְטֶעט בֶּעגֶעגְנֶט.

יודעלע הָאט דֶעם מינסקער סְלְיֶעדָאוואַטֶעל עֶרְצֶעהְלְט אַלֶעס וָואס ער וַייס וֶועגֶען יאהאן קארניצקי, עֶר הָאט אִיהם דאַבּייא אויךְ יאהאנס בְּרִיעף צוּ זַיין פְּרַיינְד אִין פּאריז אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען.

וִויא מִיר הָאבֶּען שׁוֹין פְרִיהֶער עֶרְצֶעהְלְט, הָאט יודעלע בַּייא זַיין עֶרְשְׁטֶען פֶּערְהֶער גֶעפִינְט דֶעם סְלְיֶעדָאוואַטֶעל דִיא אוֹיגֶען עֶר זָאל זֶעהֶן דָאס קארמעליע אִיז נִיט אַזוֹיא שׁוּלְדִיג וִויא עֶר מֵיינְט, אָבֶּער דָאס וַוארֶען נוּר אֵיינְפַאכֶע מֵיינוּנְגֶען אָהְנֶע בֶּעוַוייזֶע אוּנ אָהְנֶע פַאקְטֶען, יֶעצְט אָבֶּער אַלְס דֶער סְלְיֶעדָאוואַטֶעל הָאט עֶרְהֶערְט זָאלְכֶע דַייטְלִיכֶע בֶּעוַוייזֶע הָאט עֶר זִיךְ זֶעהְר עֶרְפְרֵייעט וָואס עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע וִויא אַזוֹיא דִיא רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם מָארְדְטְהַאט צוּ עֶרְפַאהְרֶען, עֶר הָאט יודעלען הֶערְצְלִיךְ גֶעדַאנְקְט פַאר דִיא עֶנְטְדֶעקוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט אוּנ הָאט אִיהם פֶערְשְׁפְּרָאכֶען, זֶעלְבְּסְט נָאךְ הארידאק צוּ פָאהְרֶען אוּנ דָארְט אַזוֹיא עֶנֶערְגִישׁ אַרְבֵּייטֶען בִּיז אִיהם וֶועט גֶעלִינְגֶען דִיא גַאנְצֶע מַאסְקֶע פוּן דֶעם רַאמְה־זֶעלְהַאפְטֶען מָארְדְטְהַאט אַרוּנְטֶער צוּ רֵייסֶען.

יודעלע אִיז גֶעוֶוען אִינ'ם זִיעבֶּענְטֶען הִימֶעל אַלְס עֶר הָאט דִיא וָוארְטֶען עֶרְהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייעט וָואס זַיין מִיהֶע וַואר נִיט אוּמ־זָאנְסְט אוּנ עֶנְדְלִיךְ וֶועט דוּרְךְ אִיהם פָּארְט קארמעליע'ס אוּנְשׁוּלְד עֶנְט־דֶעקְט וֶוערְדֶען, עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אָן דֶעם סְלְיֶעדָאוואַטֶעלְס וָוארְטֶען דָאס עֶר וֶועט ווירְקְלִיךְ מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער עֶנֶערְגִיֶע אַרְבֵּייטֶען אוּם יאהאנס מֶערְדֶערַייא רִיכְטִיג אוֹיס צוּ גֶעפִינֶען.

עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיים פָאהְרֶען אַלְס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמָאהְנְט אָן דֶעם גְרַאף קרישצינסקי וֶועלְכֶער הָאט אִיהם גִיבֶּעטֶען עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִיהם נָאךְ ווארשויא וָואוּ עֶר וֶועט אִיהם פִיעל גֶעלְד גֶעבֶּען צוּ פֶערְדִינֶען.

אַשַׁאדֶע דָאס פֶערְדִינְסְט פוּן דֶער הַאנְד אַרוֹיס צוּ לָאזֶען — הָאט עֶר זִיךְ גֶעקְלֶערְט — אִין הארידאק קָאן אִיךְ גָאר נִיט פֶערְדִינֶען אוּנ אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַזאַ צוּפַאל וָואס מִיר קָאן אַרַיינְפַאלֶען אַשֵׁיינֶע סוּמֶע אִין דִיא הֶענְד אַרַיין מוּז אִיךְ מִיךְ מִיט אִיהם בֶּענוּטְצֶען.

אָבֶּער וִויא פָאהְרְט מֶען נָאךְ ווארשויא אָהְן אַפַּאשְׁפָּארְט?

עֶר הָאט עֶרְצֶעהְלְט דֶעם ווירְטְה פוּנ'ם הָאטֶעל זַיין לֵייד אוּנ דִיעזֶער הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעלַאכְט פוּן זַיין שְׁרֶעק. הָאט גָאר קֵיין פוּרְכְט יוּנְגֶער מַאן — הָאט עֶר צוּ אִיהם גֶעזָאגְט — קוּים הָאט אַייךְ דֶער גְרַאף קרישצינסקי אַיינְגֶעלַאדֶען אִיהר זָאלְט אִיהם בֶּעזוּכֶען וֶועט עֶר אַייךְ שׁוֹין נֶעהְמֶען אוּנְטֶער

זיין שוטץ אונ איהר דארפט קיין פאשפארט האבען , נור אויסער דעם וועל איך איך געבען אבריעף צו מיינעם אבעקאנטען בעל אכסניא אין ווארשויא , ביא איהם אין האטעל וועט איהר קענען וואהנען וויא לאנג איהר וועט וועלין אהן אפאשפארט .

פון יודעלען איז דיא גאנצע שרעק ארונטער אונ ער האט זיך בע-שלאסען צו פאהרען נאך ווארשויא .

נאך אין יענעם טאג איז ער אוועק געפאהרען פון מינסק אונ איז אויף מארגען פריא געקומען אין ווארשויא , ער איז אריין געפאהרען אין דעם האטעל וואס זיין מינסקער בעל אכסניא האט איהם געהייסען אונ דער ווירטה פון דעם נייעם האטעל האט נאכדעם אלס ער האט איבער גע-לעזען דעם בריעף וואס יודעלע האט איהם געבראכט , דעם גאסט פער-זיכערט אז ער קאן ביא איהם קווארטירען אהן אפאשפארט וויא לאנג ער וויל .

יודעלע האט זיך פיין אנגעצויגען אונ איז אוועק געגאנגען צו דעם גראף קרישצינסקי וועלכער האט איהם זעהער פריינדליך עמפפאנגען אונ האט איהם פארגעשטעלט פאר זיין פרויא אונ קינדער אלס זעלטענעם קינסטלער , אונ האט איהם בעאופטראגט ער זאל פאר איהם פיער פאמיליענבילדער מאלען .

דיא ארבייט האט ביא אונזער קינסטלער בעדארפט גיוועהרין אגאנצען מאנאט , ער האט זיך ענערגיש גענומען צו דער ארבייט , דעם גאנצען טאג פלעגט ער זיצען פערשפארט אין זיין צימער אונ ארבייטען , נור פאר נאכט פלעגט ער ארויס געהען אין זאקסישען גארטען אביסעל ספאצירען אונ פרישע לופט געניסען .

ער האט זיך אין דער צייט זעהער גליקליך געפיהלט , ארבייט האט ער געהאט אונ אזא ארבייט פאר וועלכער ער וועט געוויס זעהער גוט בעלאהנט ווערען , דאצו האט אויף איהם דיא שיינע רייכע שטאדט ווארשויא זעהער אגוטען איינדרוק געמאכט . ארוים געהענדיג אין דיא ווארשעווער ברייטע גאסען וועלכע זיינען אימער פאלל מיט פערשיעדענע מענשען אדער ספאצירענדיג אין דעם פראכטפאלען זאקסישען גארטען וואו עס האט טראטץ דעם קאלטען הערבסט זא גוט געשמעקט האט ער זיך געפיהלט וויא אין אבעסערער וועלט .

אין דיא ערשטע פאר טעג וואס ער איז גיוועזען אין ווארשויא האט ער צו זיין מאליען אליעבעפאלען בריעף געשריבען .

ער האט ווירקליך נאך איהר געבענקט , ער האט אנגעהויבען צו פיהלען דאס ער ליעבט זיא אונ עס ציהט איהם צו איהר , אין דעם בריף האט ער איהר בעשריבען דיא שיינקייט פון דער שטאדט ווארשויא אונ

פון דיא פערגעניגען וואס ער האט דא, ער האט דעם בריעף געענדיגט מיט דיא ווארטען: נור איין זאך פעהלט מיר דא אונ לאזט מיך ניט פאללקאממען גליקליך זיין, דאס ביזט דוא אליין מיינע טהייערע מאליע, ווען איך האב דיך דא געבען מיר וואלט איך דער גליקליכסטער אויף דער ערד געוועזען, אויך צו זיינע עלטערען האט ער אבריעף געשריבען אין וועלכען ער האט זיא ערצעהלט דאס איהם שטעהט צו פערדיענען אגרויסע סומע געלד אונ דארום מוז ער דא פערוויילען אפאר וואכען.

אין דעם זעכסטען טאג פון זיין קומען נאך ווארשויא וואר ער שוין מיט איין בילד פאסט פערטיג, ער האט איהם געטראגען צו דעם גראף קרישצינסקי ווייזען אונ דער גראף וויא אויך זיין גאנצע פאמיליע זיינען איבערראשט געווארין פון דער מייסטערהאפטער ארבייט. קרישצינסקי האט איהם שוין געגעבען 50 רובעל האנדגעלד אונ יודעלע איז מיט דעם בילד העכסט פערגעניגט צוריק אהיים געגאנגען.

דורך געהענדיג דיא שטראסע עליזאבעטהע, איז פארביא איהם וויא דורכגעלאפען אמעדכען אין שווארצען געקליידעט, יודעלע איז ערשטוינט שטעהן געבליבען אונ דאס בילד איז אויס איבערראשונג שיער פון זיינע הענד ארויס געפאלען, דאס מעדכען וואר זא עהנליך צו קארמעליען דאס ער וואלט געשווארין ביא אלעם וואס איז הייליג אז דאס איז דיא יונגע גרעפין קארמעליע.

ער האט איהר נאכגעקוקט ביז זיא איז אריינגעגאנגען אין אהויז אין דער זעלבער שטראסע.

אז דאס איז ניט קארמעליע דאס וואר ביא איהם קיין צווייפעל, דען ער ווייס דאך בעשטימט אז קארמעליע איז פערברענט געווארין, אבער דיא עהנליכקייט צו דער אונגליקליכער גרעפין האט איהם איבערראשט, אזא עהנליכקייט האט ער אין זיין לעבען נאך ניט בעגעגנט.

איך מוז זיא זעהען נאך אמאהל — האט ער צו זיך אליין געזאגט — יא איך מוז זיא נאך איין מאהל זעהען אום איך זאל קענען דעם וואונדער ערצעהלען צוריק קומענדיג אהיים, איך גלויב אז ווען איהר פאטער זאל לעבען אונ ער זאל דאס מעדכען דער זעהן וואלט ער אויך געזאגט אז דאס איז זיין קארמעליע.

ער איז צוגעגאנגען צו דעם הויז אין וועלכען דאס מעדכען איז אריין געקומען, האט אקוק געטאהן אויף דעם נומער פון דעם הויז, דאס וואר № 36, ער האט דאס פערשריבען אין זיין נאטיץ בוך אונ איז אין זיין קווארטיר אוועק געגאנגען.

ער האט שוין פון דער מינוט אן ניט געקאנט רוהען, דאס מעדכען וואס וואר זא עהנליך צו קארמעליען איז איהם פון קאפף ניט ארויס גע-

נאנגען, ער וואלט קיין מאהל געגלויבט אז אין דער וועלט קענען זיך געפינען זאלכע צוויא גלייכע פערזאנען וואס זיינען אין אלע הינזיכטען גלייך איינער צום צווייטען וויא צוויא טראפען וואסער, ער האט פון זיך אליין געלאכט וואס אזא נארישקייט האט אויף איהם אזא איינדרוק געמאכט, אבער ער האט דאצו ניט געקאנט העלפען, דער געדאנק האט איהם ניט געוואלט אבלאזען, ער האט שוין דעם רעסט פון דעם טאג ניט געארבייט און דיא גאנצע נאכט האט ער ניט געקאנט שלאפען.

איהם איז איינגעפאלען אזעלכטזאמער געדאנק, פיעלייכט איז קארמעליע אין יענעם בראנד ניט פערברענט געווארין, זיא האט דאמאלס דיא געלעגענהייט געהאט צו אנטלויפען און דיא נאכריכט פון איהר טויט איז נור אן איינבילדונג, אלזא קאן דאך זיין אז דאס איז ווירקליך קארמעליע, אז זיא האט ער געסטערין בעגעגנט.

דיא נאכט האט זיך ביי איהם וויא איינע עוויגקייט אויס געצויגען ער האט שוין געוואלט ערלעבין טאג אום ער זאל זיך קאנען איבערצייגען צו האט ער געטראפען דיא רעטעניש.

דער טאג איז ענדליך אנגעקומען און וויא נור דיא אוהר האט געוויזען דיא נייגטע שטונדע איז ער געלאפען אין דער שטראססע עליזאבעטהע האט אוים געזוכט דעם № 36 און האט דארט אנגעקלונגען.

דער דווארניק איז ארויס געגאנגען און האט איהם געפרעגט וועמען ער בעדארף דא.

דא וואהנט מיינע אקוזינע — האט יודעלע גיענטווערט.

וויא הייסט זיא?

דא איז יודעלע שטעהען געבליעבען, ער האט פערשטאנען אז ווען קארמעליע וואהנט ווירקליך דא טראגט זיא אויף זיך אן אנדער נאמען, אלזא וואס ענטווערט מען דעם דווארניק אויף אזא פראגע.

מיין קוזינא הייסט קארמעליע — האט ער נאך אקורצער פויזע געענטווערט אום אנטוארט ניט שולדיג צו בלייבען.

קארמעליע? — האט דער דווארניק נאכדענקענד געזאגט — אין דעם הויז געפינט זיך ניט אזא פרויא.

זיא איז נאך אמעדכען, זיא געהט געקליידעט אין שווארצען.

פיעלייכט מיינט איהר דער נייטארין דאמבראווסקאיא?

יא איהר פאמיליע איז דאמבראווסקאיא — האט יודעלע אונטער געכאפט, וואו וואהנט זיא דא?

זיא וואוינט אויף דעם דריטען שטאק ביי דער פאמיליע קראנסעוויטש אין אבעזונדער צימער.

יודעלע האט זיך געלאזט גיין צום דריטין שטאק.

אויב דאס איז ניט זיא — האט ער זיך געקלערט — וואס פאר אפנים

וועל איך ביא איהר האבין ווען איך וועל אונבעקאנטער ווייזע צוא איר אריין קומען. ער האט זיך דער מאהנט אז דער דווארניק האט איהם געזאגט דאס זיא איז אנייטארין, נוא וויא באלד אנייטארין קאן ער דאך זאגין אז ער האט פאר איהר אשטיקיל ארבעט.

ער איז אריין געקומען אין דער וואוינונג אינ'ם דריטען פלאר אונ האט דארט געטראפען אנ'אלטער פרויא קאכענדיג קאפפע.

וואוינט דא דיא נייטארין דאמבראווסקאיא? — האט ער געפרעגט.

יא זיא וואוינט דא.

קאן איך מיט איהר שפרעכען?

וואצו בעדארפט איהר זיא?

איך האב פאר איהר אשטיקיל ארבעט.

געהט אריין צוא איהר אין צימער זיא זיצט דארט ביא דער ארבייט.

וואו איז איהר צימער?

דיא טיהר — האט דיא אלטע גיענטפערט אנצייגענד אויף אטיהר אין דער לינקער זייט.

ער איז צוא געגאנגען צוא דער אנגעצייגטער טיהר האט אקלאפ גיטאן אונ האט ערהערט אבאקאנטע שטימע: אנטרעט!

ער האט דיא טיהר אויפגיעפינט אונ איז אריין געגאנגען אין דעם צימער אונ קוים האט ער דער זעהן דאס מעדכען וועלכע איז געזעסען ביא אקליינער פום מאשינע אונ האט גענייט האט ער אגעשריי געטאן ניט מיט זיין שטימע: קארמעליע!

דאס מעדכען איז וויא ווילד פון איהר ארט אויפגעשפרונגען. איין מינוט איז זיא בלאס געווארען וויא דיא ווייסע העמד וואס זיא האט גינייט, באלד אבער איז זיא געקומען צוא זיך אונ האט מיט אגעזעמפטער שטימע געזאגט: ש ש ש ש ש! איהר זאלט מיך ניט רופין קארמעליע איך הייס ליזא דאמבראווסקאיא......

מיין גוטער גאט! — האט יודעלע שוין אויך שטילער געזאגט אונ פרייד'ען טרערין האבין זיך געוויזין אין זיינע אויגען — זאל איך מיינע אויגען גלויבין, דאס זענט איהר ווירקליך גרעפין?

ווער האט אייך געזאגט אז איך בין דא?

דער צופאל האט מיך צוא אייך געפיהרט — האט יודעלע גיענטפערט אונ האט איהר ערציילט וויא אזויא ער האט ערפאהרען אז זיא איז דא אין דעם הויז.

דאס איז נאך אגליק וואס דער צופאל האט מיך פאר אייך געוויזען ליבער פריינד — האט זיא געזאגט איהם דיא האנד דריקענד — ווען בעהיטע

גאט אנשטאט אייך וואלט מיך דער זעהן איינער פון מיינע אלטע באקאנטע וואלט איך אין גרעסטין אונגליק געשטירצט.

אבער עדלע גרעפין ערצעהלט דאך מיר וויא אזויא זייט איר גירעטעט געווארען פון טויט אונ פון אסטראג.

דא איז זעהער אנ'איינפאכע געשיכטע. מיין איינציגע פריינדין העלענא דאמבראווסקי האט שוין לאנג אונטער געקויפט דעם וועכטער פון מיין אסטראג ער זאל מיך בעפרייען פון געפענגעניס. דער וועכטער האט אבער דאצו דיא געלעגענהייט ניט געהאט, ביז עס האט אויס געבראכען אפייער אין אסטראג דאן האט ער געהאט דיא מעג־ליכקייט מיך פון מיין געפענגעניס ארויס צוא פיהרען אהנע דאס יעמאנד האט דאס בעמערקט, ער האט מיר אויך געלד אונ קליידער געגעבען איך זאל באלד פון מינסק אוועק פאהרען, איך האב מיך נאך אין דעם זעלבען אבענד געזעצט אויף דעם צוג וואס גייט אפ נאך ווילנא אונ בין אוועק געפאהרען, פון ווילנא בין איך געפאהרען נאך ווארשויא דא האב איך מיך באלד געמעלדעט צוא איינעם פון דיא אגענטין וואס פערשאפט ארבייט פאר ארבייטער אונ ער האט מיר פערשאפט אפלאטץ אלס גייטארין ביי אשניידערין. מיר איז אבער גיוועזן זעהער שלעכט דא צוא זיצען אהן אפאשפארט דארום האב איך אריין געשריבין אבריף צוא העלענאן אונ האב זיא געבעטען זיא זאל מיר אין דעם בעהילפיג זיין, דיא גוטע העלענא וועלבע האט געהערט אז איך בין פאר ברענט געווארען אונ האט מיך דארום שוין בעקלאגט, דער גוטער ענגעל איז אויסער זיך געווארען פאר פריידע אלס זיא האט מיין בריף עמפפאנגען אונ זיא איז באלד געקומען צוא מיר אהער אונ האט מיר געבראכט אפאשפארט אויף איהר שוועגערינס נאמען ליזא דאמבראווסקי. נוא יעצט קאנט איהר שוין לייכט פאר שטיין דאס איהר זעהט פאר זיך דער לעבענדיגער קארמעליע — האט דיא יונגע גרעפין מיט אשמייכיל איהר ערצעהלונג געענדיגט.

אך גרעפין! — האט יודעלע ענטציקט געזאגט — איך בין ניט אין שטאנד מיין פריידע אויס צוא דריקען, איך שווער אייך ביי גאט, דאס ווען איך זאל דער זעהן מיין פערשווונדענעם פאטער וואלט איך מיך ניט אזויא ערפרייט וויא איך פרייע מיך יעצט דאמיט וואס איך זעה אייך לעבענדיג אונ געזונד.

וויא קומט איהר אהער ליבער פריינד — האט קארמעליע געפרעגט גערירט פון זיין הייסער פריינדשאפט — איהר קאנט מיר גלויבין אז מיך פרייעט אויך וואס איך זעה אייך יעצט, ווייל איך בין איבער צייגט אז איהר זענט דער איינציגער פריינד נאך העלענא'ן וואס איז מיר געטריא מיט לייב אונ לעבען.

יא גרעפין, נאך אזא גוטען וואהרען פריינד וויא איך בין אייך האט איהר געוויס ניט — האט יודעלע מיט פייער געזאגט — אבעוויז האט איהר דאס אויך דאן ווען איך האב געגלויבט אז איהר זענט טויט האב איך ניט אויפגעהערט צוא ארבייטען אום אייער אונשולד צוא ענטדעקען אונ איך בין פעסט איבער צייגט דאס באלד וועט איהר זיך מאגין פרייא אהנע פורכט פאר דער וועלט צייגען.

וויא אזויא? — האט קארמעליע ערשטוינט געפרעגט.

יודעלע האט איהר ערציילט אלס וואס ער האט ערפאהרען אונ וויא אזויא ער האט דאס איבער גיגעבין דעם סלעדאוואטעל.

קארמעליע איז אזויא ענטציקט געווארען פון דעם יונגעמאנס פריינשאפט דאס זיא איז איהם אום דעם האלז געפאלען אונ האט זיך אויף זיין ברוסט פון איינאנדער געוויינט וויא אקליין קינד.

זיא האט ניט געוואוסט דאס מיט דער צערטליכקייט וואס זיא האט איהם יעצט בעוויזען האט זיא איהם פון זיין גליק גערויבט...

טו.

אגוואלד אין שטאט.

נאך איז דער וואלקין וואס איז גילעגין אויף חאצקעלס הויז ניט פאר שוואונדען. דער היזק וואס דער פראצענטניק האט געהאט וואר אזויא פיהלבאר דאס ער האט איהם ניט גיקאנט זא לייכט פאר געסין, דען אויסער דעם שאדען וואס ער האט געהאט, האבען איהם פילע פון זיינע שולדנער זעהער געדריקט דאמיט וואס זייא האבען בייא איהם געמאהנט זייערע משכנות.

ווער דער גנב איז אונ וואו ער איז אהינגעקומען דאס האט מען נאך ניט געוואוסט אונ מען האט דאס ניט גיקאנט ערפאהרען.

האצקעל איז אהאלבער מענש געווארען, ער האט פאר לארין דעם אפעטיט פון עסין אונ האט ניט גיקאנט שלאפין, איהם האט יעדע נאכט אויס געזעהען דאס גנבים קריכען אין זיין צימער אונ ווילען אויך זיין בארעס געלד צוא נעהמען.

זיין טאכטערס חתן, דער דענענבורגער ישיבה בחור האט אויך אלאנגע צייט געהאלפען זיין מחותן טרויערין אויף דעם גוואלדיגען היזק וואס ער האט געהאט, ענדליך אבער האט ער אנגעהויבען שטריינג פון האצקלען צוא פאדערין ער זאל פייערין זיין האכצייט אונ דער ליבער מחותן האט איהם ניט גיקאנט ענטזאגען אויס פורכט פיליכט וועט ער גאר דעם שידוך אפ

לאזין אונ ועט טאן אנ׳אנדער שידוך, דארום האט ער געגען זיין ווילען איין געווילינט דיא מזלדיגע חתונה צוא מאכען.

וויא אויפין הערצען איז ביטער, אקינדס חתונה מוז מען פייערין מיט דעם גרעסטען שיק אום לייט זאלין ניט האבין וואס צוא ריידין, שונאים זאלין ניט לאכין אונ גוטע פריינד זאלין פערגעניגען האבין.

רבי חאצקעל האט זיך אויך געגעבען אקגיפה אין באק דיא פארב זאל שטעהען, ער האט זיך געוויזען פאר זיינע שטאט לייט מונטער אונ האט אנגעהויבען גרויסע פארבערייטונגען צוא מאכען צוא דער חתונה.

דיא פארברייטונגען האבין ניט לאנג גיוועהרט אונ ריכטיג אום שבת בראשית האט בעדארפט דיא האכצייט געפייע־ט ווערין.

דער חתן, אדער שמעון׳קע גנב, האט געציילט דיא מינוטין זיין חתונה זאל שוין זיין. ער האט ערשטינם מורא געהאט פיליכט קאן מען צופעליג ערפאהרען ווער ער איז, צווייטינם האט ער שוין געוואלט דערטאפען חאצקעלס מזומנים אונ מאכען דיא פליטה. אזא גנבה האט ער אנדערש ניט גיקאנט מאכין נור דאן ווען ער וועט שוין זיין אפאלקאמענער בן בית ביא האצקלען אין הויז אונ ער וועט האבען אצוטריט אין אלע צימער.

דאס הערץ האט איהם זעהער געשראקען וועגען זיין חבר זשוליק וועלכער איז שוין זייט אכט טאג אוועק געפאהרען פראקטיצירין אין דיא ארומיגע שטעטלאך אונ דערפער אונ איז נאך צוריק ניט געקומען, שמעון׳קע האט געוואוסט אז וויא זשוליק איז פארזיכטיג אונ געאיבט אין זיין ארבעט קאן ער דאך אריין פאלען אין איין אונגליק אונ דאן ווער וויס צוא וועט ער איהם זיין מיט ארבייטער אויך ניט אויס געבין.

דאס האט איהם אויך געטריבען דאצו ער זאל זעהן וואס גיכער חתונה האבען דער טאפען חאצקעלס קאפיטאל אונ מאכין דיא פליטה.

ער האט ערלעבט דעם טאג פון דער חתונה.

דיא הארידאקער כלי זמר האבען ביא חאצקלען אין הויז אנגעהויבין צוא ווייזען זייער קונסט אונ בריה׳שאפט אויף זייערע אלטע פאר שימעלטע אינסטרומענטען. אלע שענסטע בעלי בתים פונ׳ם שטעטיל געקליידעט אין יום טוב׳דיגען האבען זיך דא צוא זאמען געקליבען פיהר דעם חתן דער כלה בעדעקין. דער חתן אליין וואר געקליידעט אין דיא נייע קליידער וואס דער מחותן האט איהם געמאכט. זייא ווארען גענייט האלב אלטמאדיש אונ האלב נייא מאדיש. אויף זיין געזיכט איז גילעגין זייער אפרומע מינע, אפרומע מינע וואס קיינער קאן אין איהם עכטהייט ניט צווייפלען.

דא איז צוא געגאנגען וויא ביא אלע יודישע חתונות, דער בדחן האט געזאגט גראמען, דיא כלי זמר האבען אונטער געשפילט, מיא האט

בעזעצט דער כלה, דער חתן האט זיא באדעקט אונ מען האט זיא אוועק געפיהרט צוא דער חופה.

ענדליך איז מען געגאנגען פון דער חופה בתופים ובמחולות, אלע הארידאקער כשרה ווייבער האבען געטאנצט פאר דעם חתן מיט דער כלה אונ האבען דאביא צוא געפליעסקעט מיט דיא הענד, ביז מען האט דאס פאר פאלק געבראכט אהיים אונ מען האט זייא געזעצט ביא אטיש אונ זייא דער לאנגט דיא גילדינע יויך.

אלע אנוועזענדע זיינען זעהער ערשטוינט געווארען אלס דיא טיהר האט זיך גיעפינט אונ דער הארידאקער פריסטאוו איז אריין געקומען.

דער חתן איז בלאס געווארען וויא דער טויט אז ער האט דעם פריסטאוו דער זעהן. דאס איז שוין אנ׳אלטע זאך אז אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל. ער האט געמיינט אז דער פריסטאוו האט געוויס ערפאהרען ווער ער איז אונ איז דארום געקומען נאך זיין נשמה, ער האט שוין בדעה גיהאט אויף צוא שטיין אונ מאכען אויברח, אבער ער האט גיזעהן אז אויב דער פריסטאוו איז ווירקליך נאך איהם געקומען וועט איהם קיין זאך העלפען, דארום איז ער געבליבען ערשראקען זיצען אויף זיין ארט אונ האט געווארט אויף אשרעקליכער ענדע.

אויך חאצקעל איז ערשטוינט געווארען אלס ער האט דעם פריסטאוו ביא זיך אין שטוב זא אונגעריוארטעט דער זעהן אונ האט איהם זעהער נייגיע-ריג אנגעקוקט אונ האט ענדליך געפרעגט:

האט מען פילייכט געפונען דעם גנב וואס האט מיך בעגנבעט?

יא — האט דער פריסטאוו גיענטפערט.

שמעון׳קע גנב איז שיער פון זיין שטול אראפ געפאלען אויס שרעק אלע ציין האבען אין זיין מויל זיך געטרעסעט.

אזויא? — האט חאצקעל העכסט ערפרייט אנגעשרייא געטאן — מען האט געהאפט דעם גנב?

אזויא ווייזט דאס אויס — האט דער פריסטאוו גיענטפערט ארויסנעמענדיג אקליין קעסטעלע פון טאש. ער האט זיא גיעפינט אונ האט געזאגט: ערקאן זייען דאס דיינע אהורינגע.

מיינע! — האט חאצקעל אנגעשרייא געטאן — דאס האט ביא מיר פאר זעצט דיא גרעפין קאבילאווא.

נוא אויב דאס זייען דיינע האט מען דעם גנב געהאפט.

ווער איז ער אונ וואו איז ער? האט חאצקעל האסטיג אונ זעהער אונגעדולדיג געפרעגט.

איך קאן אים ניט — האט דער פריסטאוו ערווידערט — נור וויא מען האט מיר געמעלדעט איז ער אהיגער.

אהיגער? — האבען איינגע נייגיעריג געפרעגט.

יַא ,ער איז אַהיגֶער .

וויא איז זַיין נָאמֶען ?

עֶר הייסט יודקא בערקאוו פיינהערץ .

אַלֶע הָאבֶען גֶעשְׁווִיגֶען .קיינֶעם איז נִיט אַיינְגֶעפַאלֶען וֶוער דֶער יודקא בערקאוו איז , נור חאצקעל וֶועלכֶער הָאט אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען גֶעקְלֶערְט הָאט פְּלוּצְלִינְג אַנְגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאן : יודעלע ?

יֶעצְט איז אַלֶעמֶען דֶער גֶעדַאנְק אַיין גֶעפַאלֶען אַז דָאס מוּז זַיין יודעלע גרונם׳ס און ,עס איז גֶעוָוארֶען אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער רַעַשׁ אין דֶעם גַאנְצֶען הויז .

דֶער פְּרִיסְטַאוו הָאט ,עֶרְצֵיילְט דָאס מֶען הָאט דֶעם גַנָב גֶעחַאפְּט נִיט וַוייט פון מינסק און ,ער זִיצְט גֶעשְׁלָאסֶען אין .קייטִין .

יודעלע ! — הָאט חאצקעל ווִילְד אַנְגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאן — דֶער מַמְזֵר הָאט דָאס מִיר בְּדַלוּת גֶעשְׁטֶעלְט , אָ יוּדֶען רַאטֶעוֶועט ! איך גְלויבּ אַז דֶער אַלְטֶער גרונם הָאט מַיין גָאלְד און זִילְבֶער בַּאהַאלְטֶען בַּייא זיך , דֶען ,ער איז נִיט בֶּעסֶער פון זַיין טַייֶערֶען אֵיינִיקִיל .

עֶר הָאט גֶעוויס אַוֶועק גֶעפִירְט דיא גַאנְצֶע גְנֵבָה ,עֶרְגֶעץ צוּא פַאר קויפֶען — הָאבֶּין אֵיינִיגֶע זַייעֶר מֵיינוּנְג גֶעזָאגְט .

עֶס הָאבִּין זיך גֶעפוּנֶען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבִּין ,עֶרְצֵיילְט אַז אין יֶענֶער נַאכְט וֶוען מֶען הָאט חאצקלען בֶּעגַנְבֶעט הָאבֶען זַייא גִיזֶעהֶן יודעלען זיך אַרוּם דְרֵייעֶן אַרוּם חאצקעלס שְׁטוּבּ .

יודעלע איז דֶער גַנָב !

בַּייא .קֵיינֶעם איז דָאס מֶעהר .קיין צְוֵוייפֶעל גִיוֶועןֹ . חאצקעל הָאט יֶעצְט מִיט רֶעכְט גֶעשְׁרִיעֶן גְוַואלְדֶען , אַז ,ער הָאט .קיין טָעוּת גֶעהַאט דַאמִיט וָואס עֶר הָאט דֶעם יודעלען גֶעהַאלְטֶען פַאר אַפְּל בּוּנִיק און דָאס הֶערְץ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז ,ער וָועט אִיהם בְּדַלוּת שְׁטֶעלֶין ,עֶר הָאט אויס גֶעפִּיהרְט דֶער פְּרִיסְטַאוו זָאל מִיט אִיהם גֵיין צוּא דֶעם אַלְטֶען גרונם׳ן דָארְט מַאכִין אַיין אונְטֶער זוּכוּנְג פִילַייכְט וֶועט מֶען גֶעפִינֶען פון דיא גֶעגַנְבֶעטֶע זַאכֶען .

מֶען קָאן זיך פָארְשְׁטֶעלִין גרונם מִיט אסתר׳ס שְׁרֶעק אַלְס מֶען איז פְּלוּצְלוּנְג זייעֶר הויז בֶּעפַאלִין און מֶען הָאט דָארְט אַנ׳אונְטֶערְזוּכוּנְג גֶעמַאכְט , נָאך גְרֶעסֶער וַואר זַייעֶר שְׁרֶעק אַלְס זַייא הָאבִין ,עֶרְפַאהרֶען דָאס מֶען הָאט בַּייא יודעלען גֶעפוּנֶען חאצקעלס גֶעגַנְבֶעטֶע זַאכִין און אִיהם אַלֵיין הָאט מֶען אַרֶעטִירְט און אין קֵייטֶען פֶערְשְׁמִידְט , בַּייא זַייא הָאט מֶען זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיך גָאר נִיט גֶעפוּנֶען , אָבֶער דיא חֶרְפָּה וַואר זַייעֶר גְרויס .

דִיא נַאכְרִיכְט דָאס מֶען הָאט רִיכְטִיג ,עֶרְפַאהרֶען אַז יודעלע הָאט בֶּעגַנְבֶעט חאצקלען און דָאס מֶען הָאט אִיהם אַרֶעטִירְט , און אין .קייטֶען פֶערְשְׁמִידְט , הָאט זיך פֶערְבְּרֵייטֶעט שְׁנֶעל וויא אַבְּלִיטְץ אִיבֶער גַאנְץ הארידאק , וואו מֶען איז גֶעשְׁטַאנֶען און גֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען נור דַאפָאן גִיהֶערְט רֵיידִין , זָאגַאר

יודעלעס בעסטע פריינדע האבין דאס געמוזט גלויבען .

וועלכע פעדער איז אין שטאנד פארצושטעלין דעם איינדרוק וואס דיא נאכריכט האט געמאכט אויף מאליא ראזענהויז · · · ·

שמועקע גנב וואר אויסער זיך פון דער מערקווירדיגער נאכריכט , ער האט אנפאנגס גאר ניט פערשטאנען וואס דא טוהט זיך , ענדליך אבער האט ער אנגעהייבין צו ערגרינדען דיא אורזאכע פון דער זאנדערבארער געשיכטע , ער האט אנגעפאנגען צו פערשטיין דאס ענטוועדער זשוליק האט ביי יודעלען דעם פאשפארט גענגבט אונ איז אריין געפאלין דער פאליצייא אין דיא הענד אריין , אדער יודעלע האט ביא זשוליקען געקויפט איינע אנטיקען פון תאצקעלס זאכין אונ דאדורך איז אויף איהם געפאלין דער פערדאכט אז ער איז דער גנב .

וויא דיא זאך איז — האט ער זיך גיקלערט — מוז מען זעהן וואס גיכער אבציהען פון דאנען , דען עס הייבט אן גיפעהרליך צו ווערין · · ·

טז.

ארעטירט .

אונטער יאהאן קארניצקים פים האט דיא ערד אנגעהייבין שטארק הייס צו ווערין , ערשטענס האט איהם דער וועכטער פונ'ם שלאס וויא אויך זיין ווייב שטארק בעלעסטיגט , זייא האבין זיך ניט געפוילט איהם אבעזוך צו מאכין יעדע וואך , זייא האבין שטרענג געפאדערט פון איהם געלד אונ ער האט געמוזט געבין . צווייטענס האט ער פון עליזאבעטהען ניט בעמערקט דיא זעלבע ליבע וואס פריהער , זיא איז עפעס געווארין אשטארקע מוזותנתטע מיט דעם יונגען גראף דאבראוואלסקי . ער האט זייא ביידען איינינע מאהל געטראפען צוזאמען זעהר אין אפערדעכטיגע לאגע . דריטענס האט ער ערפאהרען דאס העלענא דאמבראווסקי וואהנט אין שכנות פון דעם שלאס , אונ ער האט גע־ציטערט זיא זאל אין איהם ניט ערקאנען יענעם פראנצאזע וועלכער האט גראזינסקים פרויא צום טויט געבראכט .

אנטלויפען פון דאנען .

דאס וואר יעצט זיין איינציגער געדאנק אונ ער האט ניט אויפגיהערט עליזאבעטהען צו בעטין זיא זאל מיט איהם צוריק פאהרען נאך פראנקרייך מיט דעם אויסרייד דאס ער קאן דיא היגע הערבסט לופט ניט ערטראגין , אונ ער פיהלט זיך שטארק ניט געזונד .

אין דער גרעפין האט מען גיקאנט לייכט בעמערקן אגרויסע פערענדערונג , מען האט גיזעהן דאס אין איהר ברוסט וויטהעט אקאמפף צווישען איהר ליבע צו קארניצקין אונ איהר נייגונג צו אנ'אנדערין .

מיר בעגעגנען זעהר אפט אינ'ם לעבען זאלכע סצענען דאס די זאך צו וועלכע יעמאנד שטרעבט בעפאר ער קאן זיא ערדייכען ווערט ביי איהם ווערטהלאז אין דער צייט ווען ער האט זיא שאן ערדייכט , פריער אלס דער אלטער גראף האט געלעבט אונ זיא וואר פון קארניצקין ווייט וויא הימעל פון דער ערד וואר איהר איינציגער וואונש זיך מיט איהם צו פעראייניגען , יעצט אבער אלס אלע הינדערניסע זיינען פון איהר וועג אבגעשאפט געווארין , אונ זיא האט גיקאנט זעהר לייכט ווערין יאהאנס ווייב , יעצט האט זיא זיך ארום גיזעהן דאס אויסער איהם זיינען דא נאך יונגע לייט וועלכע האבין דיא ווערטה מען זאל זיך אין זייא ליבען .

עס קאן אויך זיין אז דיא זייטיגע אומשטענדע האבין דאצו געבראכט זיא זאל צו קארניצקין קאלט ווערין , דען אלס טאבאלסקי האט געלעבט האט זיך קיין אנשטענדיגער מענש געוואגט נאהענט צו איהר צו געהן אונ זיא צו ליבען , יעצט אבער אלס זיא איז אוויטווע געבליבען האבין פיעלע פארנעהמע לייטע וועלכע ווארען זעהר געלד בעדירפטיג זיך צו איהר אשאר געמאן אונ האבין געזוכט איהר ליבע צוליב איהר רייכטהום , צווישען זייא האט זיך אויך געפונען דער שיינער יונגער גראף דאבראוואלסקי וועלכען זיא האט אימער פערהאסט נור דער פאר וואס ער האט זיך געשדכנט צו קארמעליען , יעצט אז ער האט דיא זעלבע ליבע צו איהר געוויזען האט זיא זיך בארעכינט אז ער איז פאר איהר אבעסערער פארטייא אלס קארניצקי .

אבער זיא האט זיך פאר זיך זעלבסט געשעמט געגצליך צו ענטזאגען דעם מאן מיט וועלכען זיא האט אזא לאנגע צייט ראמאנסירט , דעם מאן וואס צוליב איהם איז זיא אונטרייא געווארין איהר אייגענעם מאן אונ האט דאדורך אויף איהם דעם טויט געבראכט .

דארום האט זיא געשוועבט צווישען דיא ביידע ליבעס , ריכטיגער געזאגט צווישען דיא ביידע מענער , אונ האט זיך ניט גיקאנט ענטשליסען וועמען פון זייא זיא זאל איהר האנד רייכען אונ דאס הערץ אוועק שענקען .

ווען זיא פלעגט זיטצען מיט קארניצקין צוזאמען האט זיא זיך געפיהלט צו איהם היינגעצאגען פונקט וויא פריהער , אונ דאן האט דאבראוואלסקי זיין ווערטה אין איהרע אויגען פערלארין , קוים פלעגט זיא אבער צוזאמען קומען מיט דאבראוואלסקין האט דאן קארניצקי זעהר ניכטסווירדיג פאר איהרע אויגען ערשיינט , אונ זיא וואר פעסט באשלאסין נור מיט דעם יונגען גראף צו הייראטען .

מיר זעהן זיא יעצט זיטצענדיג מיט קארניצקין , ער ווייזט אויס זעהר אינמוטהיג פאסט מעלאנכאליש , שווייגענד זיצט ער אנגעשפארט אויף זיין שטוהל אונ רויכט קרעפטיג דעם ציגאר וואס ער האלט אין מונד , דיא שטארקע

קוואלע רויך וואס שפארען זיך ארויס פון זיין מונד צייגען אז ער איז זעהר אויפגערעגט אונ שטארק אונרוהיג .

זיטצענדיג צוזאמען מיט אמענשען וועלכען מיר האבין דא ניט לאנג פערגעטערט , אונ יעצט פיהלען מיר זיך נענין איהם זינדיג איז אונז זעהר אונאנגענעהם , מיר האבין קיין אויגען אונ קיין שפראכע , אונזערע ווארטען קלעפין זיך ניט איינס צום אנדערין , אונז איז דער רוים וואו מיר זיטצען צו ענג פאסט ערשטיקענד .

אין אזא לאגע איז יעצט גיוועזן עליזאבעטהע , זיא האט איהר ליבען יאהאנען יעצט ניט גיקאנט אין דיא אויגען קוקין , זיא האט אויך קיינע ווארטען געפונען וואס מיט איהם צו שפרעכין , זיא האט פערשטאנען אז ער פערשטעהט דאס זיא איז צו איהם ניט אזו היים וויא פריער , אונ איהר מאסקע וואס זיא טראגט אין זיין געגענווארט קאן ניט פערדעקין איהר פאלשהייט .

ווארום זיצט דוא אזוי פערטראכט יאהאן ? — האט זיא ענדליך איהם נעפרעגט מיט אצערטליכען טאן .

וויא מיר שיינט — האט ער גיפטיג גיענטפערט — מאכסט דוא מיר זאלכע פראגען נור פון יוצא וועגין , האב איך דיר דען שוין פיעל מאהל ניט געזאגט דאס דיא היגע הערבסט לופט איז פאר מיר זעהר שעדליך איך קאן זיא ניט ערטראגין , אונ ווען איך וועל דא נאך אקורצע צייט זיטצען וועל איך געוויס שטערבין .

וואס זשע פערלאנגסט דוא פון מיר ?

איך וויל מיר זאלין ביידע נאך דיזע וואכע אוועק פאהרען פון דעם גיפטיגען ארט , אויב דוא ווילסט ניט איך זאל שטערבין .

אבער אום גאטעס ווילען דוא ווייסט דאך אז איך קאן נאך ניט אוועק פאהרען , איך מוז אנ'ארדענונג מאכין אין אלע מיינע גיטער , ווען ניט וועל איך רואינירט ווערין .

דאס איז נור געזאגט — האט ער צארניג אונ פערצווייפעלט גיענטפערט — דער אלטער גראף טאבאלסקי פלעגט אימער זיטצען אין אויסלאנד אונ דאך איז ער ניט רואינירט געווארין , זאג דיא װאהרהייט אז דוא ווילסט איך זאל שטערבין , ווייל איך בין שוין אויף דיר צו לאסט געפאלען .

ער האט דאס געזאגט מיט אזא טאן וואס האט עליזאבעטהען שטארק גערירט , זיא האט אויף איהם אין דער מינוט זא רחמנות געהאט דאס זיא האט פערגעסין איהר געליבטען דאבראוואלסקין , אונ פאלענדיג יאהאנען אום דעם האלז האט זיא מיט פייער אויס געשריען : ניין מיין טייערער יאהאן , איך וויל ניט דוא זאלסט שטערבין , איך וויל דוא זאלסט לאנג לעבין דען אהן דיר וועל איך אויך ניט קאנען לעבין , דוא ווייסט דאך וויא ליב איך האב דיך , צוליב אונזער ליבע האב איך זיך ערלויבט צו טאן אזעלכע זאכין וואס קאנען מיך אין גרעסטין פייער ברייננגען .

(יוא״ג ח״ד) אגליקליכער

אגליקליכער שמייכעל האט זיך געוויזען אויף קארניצקעס געזיכט, ער האט פערשטאנען אז דיא ווארטען האט זיא זעהר ערינסט געשפראכען אז יעצט איז דיא בעסטע צייט זיך צו בענוטצען מיט איהר לייכטזיניגקייט.

ווען דוא ליבסט מיך יא זא שטארק וויא דוא זאגסט — האט ער גיענטפערט זיא צודריקענד פעסטער צו זיין ברוסט — ווארום ווילסטו מיר דען געפאלען ניט טאן אונ מיט מיר צוריק פאהרען נאך פאריז, האב איך דיר ניט פיהל מאל געזאגט דאס דיא היגע הערבסט לופט מאכט מיך קראנק?

איך האב ניט גיקאנט מיין טייערער — האט זיא צערטליך ערווידערט — גלויב מיר אז איך האב דאס ביז אהער ניט גיקאנט טאן, נור היינט...

נוא היינט?

וועלין מיר פאהרען, יא מיין ליבער יאהאן מיר וועלין געוויס פאהרען, איך היים באלד אלע מיינע זאכין צוזאמען פאקען אונ אין דרייא טאג ארום פאהרען מיר נאך פאריז.

איז דאס בעשטימט?

מיין ווארט גיב איך דיר אויף דעם.

איך דאנק דיר זעהר מיינע טייערע גאלדענע ליזא — האט ער העכסט ערפרייט געזאגט קיסענד איהרע וואנגען — יעצט בין איך רוהיג, יעצט קאן איך האפען אז איך וועל געזונד זיין אונ וועל מיט דיר צוזאמען גליקליך לעבין, בלייבט דאס אזוי אז אין דרייא טאג ארום פאהרען מיר?

איך האב דיר שוין מיין ווארט אויף דעם געגעבין.

זיא האט נאך דיא ווארטען ניט גיענדיגט, אלס דיא טיהר האט זיך האסטיג אויפגיעפינט אונ יאהאנס בעדינטער איז אריין געלאפען.

וואס איז דאס? — האט קארניצקי צארניג אנגעשרייא געטאן — וויא האסט דוא געוואגט אונגעמעלדעט אהער אריין צו קומען?

פערצייהעט הערר! — האט דער בעדינטער גיענטפערט — איך בין גיוועזען אזוי אויפגערעגט דאס איך האב אלע העפליכקייט פערגעסין.

וואס איז געשעהן?

דיא פאליצייא איז אייער הויז איבערגעפאלען אונ מען האט אשטארקע אונטערזוכונג אין אלע צימערין געמאכט.

אנ׳אונטערזוכונג? — האט קארניצקי ערציטערט ניפרעגט — ביא מיר אנ׳אונטערזוכונג?

יא הערר, מען האט דורך געזוכט אלע אייערע שראנקען אונ קאמאדען, מען האט זאגאר אייער בעט ניט דורך געלאזען.

אונ וואס האט מען דארט געפונען?

מען האט געפונען עפעס אטאליסמאן, דאס האט איין מאן מיט פריידע צוגענומען אונ האט ערפרייעט אגעשרייא געטאן: דאס האב איך געזוכט אונ מעהר בעדארף איך ניט.

אטאליסמאן ? — האט דיא גרעפין ערשטוינט גיפרעגט — וואס איז דאס פאר אטאליסמאן יאהאן ?

גאר ניט — האט קארניצקי מיט אציטערענדע שטימע ציטערענד בייא אלע גלידער גיענטפערט — דאס איז אטאליסמאן גלאט אין דער וועלט אריין, ער ליגט שוין בייא מיר זעהר לאנג .

דער מענש וואס האט געפונען דעם טאליסמאן — האט ווייטער דער בעדינטער ערצעהלט — האט מיך געפרעגט וואו איהר זענט, האב איך איהם גיענטפערט אז איהר זענט דא אין שלאס, איז ער מיט דער גאנצער פאליצייא אוועק גענאנגען אהער, דער וויל בין איך פערלאפין דורך זייטיגע וועגין און בין געקומען אייך ערציילין וואס עס איז געשעהן .

געהן זייא אלע אהער ?

יא, זייא וועלין דא געוויס באלד זיין .

קארניצקי איז פון זיין ארט אויפגעשטאנען און האט געזאגט : פערצייהע מיר ליזא איך מוז אוועק געהן .

דוא האסט פורכט פאר דער פאליצייא ? — האט זיא ערשטוינט געפרעגט .

ניין, נור איך וויל מיך גלאט מיט זייא ניט בעגעגנען, דען ווער ווייס וואס פאר אבלבול דיא פאליצייא קאן אויף מיר מאכען .

אבער בעפאר ער איז נאך צו דער טיהר צוגיגאנגען האט מען ערהערט א גערויש פון פיל מענשין, און באלד האט מען אנגעקלאפט אין טיהר .

ווען דאס זאל זיין אין אנ'אונטערשטין שטאק וואלט קארניצקי געוויס דורך אפענסטער אנטלאפען געווארין, דאס איז אבער גיוועזן אויפען דריטען שטאק, און פון אפענסטער ארויס שפרינגען וואר זעהר געפעהרליך .

ער האט קיין צייט געהאט זיך צו בעקלערין וואס צו טאהן אלס דיא טיהר האט זיך אבערמאלס גיעפינט און עליזאבעטהע האט דער זעהן דעם מינסקער סלעדאוואטעל, דעם הארידאקער פריסטאוו און נאך פיל גארדאוואיעס (פאליסלייטע) .

עס פרייעט מיך זעהר אייך דא צו טרעפין דאקטאר קארניצקי — האט דער סלעדאוואטעל ספאטיש געזאגט — מיר אלע זיינען געקומען אייך צו פרעגין וואו איהר האט גענומען דיזען טאליסמאן .

דאבייא האט ער געציינט איין קליינעם טאליסמאן געפאסט אין גאלד מיט אגרויסען ברילאנט .

מיין גאט דאס איז דאך דער טאליסמאן וואס איז געהאנגען אויף מיין קינדס האלז — האט דיא גרעפין אויסער זיך פאר ערשטוינען אנגעשרייא געטאן — יאהאן ! וויא קומט ער צו אייך ?

דער דאקטאר וועט אונז שוין אויסקונפט געבין וואו ער האט דיזען טאליסמאן גענומען — האט דער סלעדאוואטעל געזאגט .

איך ווייס ניט — האט קארניצקי געשטאמעלט — איך ווייס ניט וויא אזו ער קומט צו מיר .

אונ איך ווייס וואו איהר האט דעם טאליסמאן גענומען — האט יעמאנד פון הינטען אנגעשרייא געטאן .

אלע האבין זיך אומגעקוקט אונ האבין דער זעהן דעם וועכטער פון דעם שלאס .

ער איז צוגעגאנגען נעהענטער אונ זיך דעמוטהיג פערבייגענד האט ער געזאגט : מיינע הערען איך בין מיך מודה אז איך האב אגרוים אונרעכט בע־גאנגען דאמיט וואס איך האב מיך געלאזט איבער קויפען פון דעם מערדער אונ האב אזא לאנגע צייט אשרעקליכע געהיימנים אין מיין הערצען פערשלאסין , איך קאן שוין אבער מעהר ניט שווייגען , מיין געוויסען פלאגט מיך זעהער , איך קאן ניט ערטראגען דעם שרעקליכען געדאנק דאס אזא יונגע בלום וויא דיא שיינע אונשולדיגע גרעפין קארמעליע איז גיוועזען האט איהר לעבין זא גרויזאם גיענדיגט צוליב דעם באנדיט . מיינע הערען , דער גרעפינס קינד האט ניט קארמעליע ערמארדערט זאנדערין דיזער הערר קארניצקי וואס שטייט דא פאר אייך , מיין קליינער זאהן האט אליין געזעהן וויא ער האט אין יענעם פערהענגניס פאלען טאג דעם קליינעם קאליא צום וואסער געטראגען , דאס קינד האט נאך קיין פערשטאנד פון קאפף אזא געשיכטע אוים צו טראכטען , נוא יעצט פערשטעהט איהר שוין אז דעם טאליסמאן האט דער מערדער פונ'ם ערמארדעטען קאליא אראפ גענומען ווייל אין איהם איז דא אזא טייערער ברילאנט , זאל מיר דער מערדער זאגען אין דיא אויגען צו האט ער מיר אפאר מאהל קיין געלד געגעבין איך זאל שווייגען אונ זאל דיא געהיימנים קיינעם ענטדעקין .

דיא גרעפין איז געווארין בלאס וויא דער טאדט , מיט ווילדע בליקען האט זיא געקוקט אויף קארניצקין אונ האט מיט אציטערענדע שטימע גיפרעגט : וואס האסט דוא געהאט צו מיין קינד ?

יאהאן איז געשטאנען וויא אמראמארנע סטאטוע אונ האט קיין ווארט גיקאנט אוים ריידען .

ער וועט שוין ערקלערין דיא אורזאכע ווארום ער האט דס געטאן — האט דער סליעדאוואטעל געזאגט — איך גלויבע אז יעצט גרעפין וועט אייך דאס געוויסען פלאגען אויף דעם וואס איהר האט אייער שטיפטאכטער זא גרויזאם בעהאנדילט אונ אין גרעסטין אונגליק געשליידערט , נור איר זעהנט ניט אין דעם שולדיג , שולדיג איז דא נור דער מערדער אונ ער וועט שוין זיין פס־ערהאלטען .

ער האט אוואונק געטאן אונ מען האט קארניצקין געשמידט אין קייטען אונ אוועק געפיהרט .

רעטעט ! מיר איז שלעכט ! — האט עליזאבעטהע אנגעשריא געטאן אונ איז אין אונמאכט געפאלען .

יז.

אנ׳איבערראשענדע נאכריכט.

רוהיג האט זיך יודעלע אין ווארשויא זיינע בילדער געמאלט , דיא ארבייט איז פון זיינע הענד פארטרעפליך געגאנגען .

יעצט איז ער אלע פארנאכט שוין ניט געגאנגען אין זאקסישען גארטען שפאצירען , זאנדערין צו קארמעליען , ער האט איין טאג ניט פערפעהלט וואס ער זאל זיא ניט בעזוכען .

זייער געגענזייטיגע פריינדשאפט וואר זא גרויס דאס זייא האבין איינער אהן דעם צווייטען ניט גיקאנט לעבין , ער פלעגט קוים דערלעבין דעם מאמענט ער זאל שוין קאנען פליהען צו קארמעליען , זיא זעהן , מיט איהר פערברייגען , אונ זיא פלעגט פון איהר זייט מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטען דיא שטונדע יודעלע זאל שוין קומען , זייא פלעגין אבזיטצען גאנצע נעכט אונ קיין רייד האט זיך בייא זייא קיין מאהל אויס געשעפט , זייא זיינען אזוי איינער צום צווייטען צוגעבונדען געווארין דאס דאס ווארט „איהר" האט צווישען זייא אויף געהערט אונ זייא האבין זיך בענוצט מיט דעם פריינדליכען ברידערליכען „דוא" :

וועגין מאליאן האט שוין יודעלע גאר ניט גידיינקט , זיא האט פאר איהם וויא גאר ניט עקסעסטירט , קארמעליע , נור זיא אליין האט זיין גאנצע קאפף בעשעפטיגט , איין בליק אויף איהר שיינעס בליהענדעס געזיכט האט איהם זא בעצויבערט דאס ער האט אן דער גאנצער וועלט פערגעסין .

יעדער זייטיגער מענש האט מיט דעם ערשטין בליק אויף זייא גיקאנט לייכט פערשטעהן דאס דיא ליבע האט זייערע זעלען צוזאמען געבונדען , זייא האבין דאס ביידע געפיהלט אונ האבין זיך גאר קיין רעכנונג גיוואלט אבגעבין וועגין דאס וואס זייא זיינען פון פערשידענע רעליגיאנען , פאר זייא האט קיין רעליגיאן עקסעסטירט , פאר זייא איז גענוג גיוועזן דיא איבערצייגונג דאס זייא ליבען איינער דעם צווייטען .

אונ זייא האבין זיך גאר ניט גישעמט זייערע געפיהלע פרייא אויס צו שפרעכין , זיא האט דיא ערשטע , יודעלען ערקלערט דאס זיא ליבט איהם מיט דעם גאנצען פייער פון דער ערשטער ליבע , אונ אהן איהם וועט זיא ניט קאנען לעבין , זעלבסט פערשטענדליך דאס נאך אזא ערקלערונג האט יודעלע זיך אויך מודה גיוועזן דאס ער וואר אין איהר פערליבט פון דער ערשטער מינוט וואס ער האט זיא דער זעהן , זיינע בעווייזע וואריו זעהר ריכטיג אונ לאגיש , האט

ער ניט אלע זיינע קרעפטע אנגעווענדעט איהר אונשולד צו בעווייזען אונ דאבע צו געהמען פון איהרע פערפאלגער זאגאר דאן ווען ער האט געמיינט אז זיא איז טויט ? זיא פון איהר זייט האט איהם ערצעהלט דאס זיא האט אנגעהייבין פיהלען צו איהם ליבע פון יענעם מאמענט וואס ער האט זיא בעזוכט אין קערקער , פון דאמאלס אן האט זיין געזיכט פאר איהרע אויגען געשוועבט , אונ זיא האט איהם בעטראכט אלס איהר איינציגען בעסטען פריינד . זיא האט איהם יעצט געשווארין אז ער איז דער איינציגער מאן וואס האט אויף איהר אווירקונג געמאכט אונ האט איהר הערץ געקויפט .

זייא ווארען ביידע זא גליקליך דאס זייא האבין גאר פערגעסין דיא פערגאנגענע צרות , קארמעליע האט פערגעסין דאס זיא איז אנ'אנטלאפענע ארעסטאנטין וואס שוועבט יעדער מינוט אין געפאהר , יודעלע האט פערגעסין אז ער האט ערגעץ אנדערש אהיים , ער האט גאר ניט גיקלערט פון דאגען אוועק צו פאהרען , דען וועמען האט ער אין דער וועלט נעהענטער צו זיין הערצען וויא זיין קארמעליען ?

נור פלוצלונג האט אנ'אנדער גליקסזאנע אשיין געטאן אונ האט זייא ביידין פון זייערע רוהיגע ערטער אויפגעהייבען .

אין אשיינעם אווענד אלס זייא זיינען ביידע געזעסין בייא קארמעליען אין צימער אונ האבין זיך זעהר פערגעניגט אונטערהאלטען , איז דיא ווירטהין פון דעם הויז אריין געקומען אונ האט געזאגט דאס אמאן פרעגט זיך צו דער פריילין ליזא דאמבראווסקי .

קארמעליע איז בלאס געווארין , זיא האט דא אין ווארשויא קיינע באקאנטע געהאט , אלזא ווער קאן זיך צו איהר פרעגין ?

אבער בעפאר זיא האט זיך בעשלאסין יענעם אונבאקאנטען אריין צו לאזין האט זיך דיא טיהר גיעפינט אונ סאווין דאמבראווסקי איז אריין געקומען .

מיט אגליקליכער מינע האט ער קארמעליען דיא האנד גערייכט אונ האט געזאגט : איהר דארפט מיך יעצט פאר אגוטען נאסט עמפפאנגען גרעפין דען איך האב אייך זעהר וויכטיגע נייעס געבראכט .

וויכטיגע נייעס ? — האט קארמעליע העכסט נייאגיעריג געפרעגט .

יא גרעפין זעהר וויכטיגע נייעס , איהר קאנט שוין פרייא ערשיינען פאר דער וועלט מיט אייער ווארען נאמען , דען מען האט זיך שוין אין אייער אונשולד געניגא איבערצייגט .

איז דאס מעגליך ? — האט קארמעליע געפרעגט ציטערענד בייא אלע גלידער אוים איבערראשונג .

דאס איז ריכטיג וויא איך זאג אייך גרעפין , מען האט ערפאהרען אז דער מערדער פון אייער ברודער איז אגעוויסער דאקטאר יאהאן קארניצקי .

יאהאן קארניצקי ? מיין שטיפמוטערס געליבטער ?

יא , דיזער אונמענש האט דעם מארדטהאט בעגאנגען .

וויא אזו האט מען דאס ערפאהרען ?

איך מוז גלויבען אז דיא פארזעהונג אליין האט זיך דא אריין געמישט אום דיא וואהרהייט צו ענטדעקען, דען פלוצלונג איז דעם מינסקער סלעדאוואטעל איינגעפאלין דער געדאנק צו מאכין אן אונטערזוכונג ביים דעם דאקטאר אונ מען האט ביים איהם געפונען דעם טאליסמאן וואס דיין קליינער ברודער האט אימער אויף זיין האלז געטראגען, מען האט דעם דאקטאר באלד פערהאפטעט טאקי ביים דיין האראקטערלאזער שטיפמוטער אין צימער, דאביים האט זיך אונטער געדרוקט דער ווערכטער פונ'ם שלאס אונ האט דעם מערדער אין דיא אויגען געזאגט אז ער האט געטראגין דאס קינד צום טייך, ער ווייס דאס פון זיין קליינעם זאהן וועלכער האט דאס גיזעהן, קורץ אונ גוט מען האט קארניצקין פעסט גענומען אונ ער האט זיך מודה גיוועזן אז ער איז דער ווירקליכער מערדער פונ'ם קינד, ער האט דאס געטאן דערפאר אום עליזאבעטהע זאל בלייבין לויט דיין פאטערס צוואה דיא איינציגע ערבין איבער איהר מאנס קאפיטאל, זעלבסט פערשטעהענדליך אז מען האט דיא גאנצע בעשולדיגונג פון דיר ארונטער גענומען אונ דוא ביזט פריא.

מיין גאט! — האט קארמעליע מיט אציטערענדע שטימע אגעשריא געטאן — זאל איך גלויבען אז איך בין פריא אונ שולדלאז, איך קאן מיך אבערמאלס צייגען פאר דער וועלט אלס עהרליכעס מעדכען, איך ....

זיא האט מעהר ניט געקאנט רעדען, הייסע טרערין האבין אנגעהייבין צו שטראמען פון איהרע אויגען, ביים אהאלבע שטונדע האט זיא געוויינט אונ געחליפעט וויא אקליינעס קינד.

יודעלע מיט סאווינען האבין געוויינט קוקענדיג אויף איהר, זייא האבין זיך ניט געפרובט זיא איינצושטילען, וויל זייא האבין געוואוסט אז דיא טרערין וואס זיא פערגיסט יעצט זיינען זעהר זיסע אונ זייא וועלין איהר פערוואונדעטעס הערץ וויא דער טהייערסטער באלזאם היילען.

זיא האט ענדליך דיא אויגין אויס געווישט האט זיך גיווענדעט צוא דאמבראווסקין אונ האט געזאגט: ווייסטו ווער דער גוטער ענגעל איז גיוועזן וואס האט אנגעוויזען וואו דער טאליסמאן ליגט?

ווער? — האט סאווין נייגיעריג געפרעגט.

דאס איז דער יונגער העלד — האט זיא מיט פייער גיענטפערט ערגרייפענד יודעלען ביים דער האנד — דיא גוטע זעעלע האט מיך פון אונגליק אונ גרעסטען שמאך גירעטעט.

זיא האט איהם דער צעהלט אלעס וואס יודעלע האט געטאהן.

סאווין האט יודעלען דיא האנד געדריקט אונ האט געזאגט: איך בעטראכט דיך ווירקליך וויא איינען גוטען ענגעל אונ איך וועל מיך גליקליך שעצין ווען דוא וועסט מיין פריינד בלייבען.

אלע פערזאנען וואס קארמעליע בעטראכטעט זייא אלס איהרע פריינדע

דיא בֶּעטְרַאכְטֶע אִיךְ אויךְ אַלְס מַיינֶע פְרַיינְדֶע — הָאט יודעלע גִיעֶנְטְפֶערְט דְרִיקֶענְד סאווינס הַאנְד—יֶעצְט זָאגְט מִיר לִיבֶּער פְרַיינְד וויא וֶועט בְּלַייבִּין מִיט קארמעליעס אֵיינֶענְטְהוּם, וֶועט דָאס טַאקֶע אַלֶעס בְּלַייבֶּען בַּיי דֶער פֶערְפְלוּכְטֶער עליזאבעטהע ?

זָאל דָאס בַּייא אִיהר בְּלַייבֶּען — הָאט קארמעליע גֶעזָאגְט — אִיךְ וִויל פוּן מַיין פָאטֶערְס נַאכְלָאס גָאר נִיט גֶענִיסֶען, וַוייל עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען מִיט דֶער מֵיינוּנְג אַז אִיךְ הָאבּ נִיט דיא וֶוערְטְה זַיין טָאכְטֶער צוּא הֵייסֶען •

דוּא הָאסְט אַנ׳אִירְטְהוּם גֶרעפִין — הָאט סאווין גִיעֶנְטְפֶערְט — דַיין פָאטֶער הָאט פַאר זַיין טוֹיט בֶּערַייהֶעט דָאס וָואס עֶר הָאט דִיךְ זָא שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְ־ דֶעלְט , עֶר הָאט עֶס שְׁרִיפְטְלִיךְ גֶעמֶעלְדֶעט אוּנ הָאט אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ גֶעשְׁרִיבִּין אַז נוּר דוּא בְּלַייבְּסְט זַיינֶע אֵיינְצִיגֶע עֶרְבִּין •

דָאס קָאן אִיךְ נִיט גְלוֹיבִּין •

דוּא פַאר שְׁפָּארְסְט מִיר צוּא גְלוֹיבִּין , נַא לֶעז דוּרְךְ דִיזֶען פַּאפִּיר וֶועסְטוּ פַאר שְׁטֵיין אַז אִיךְ הָאבּ דִיר קַיין לִיגֶען גֶעזָאגְט. עֶרְקָאנְסְט דוּא דַיין פָאטֶערְס הַאנְדְשְׁרִיפְט ?

עֶר הָאט אִיהר דַאבַּייא גֶעגֶעבֶּען טאבאלסקים צְוַוייטֶען בְּרִיף וָואס עֶר הָאט אוֹיס גֶערַאֲרְט פוּן אנאפיען •

יַא , דָאס אִיז מַיין פָאטֶערְט הַאנְדְשְׁרִיפְט—הָאט קארמעליע עֶרְשְׁטוֹינְט אַנֶעשְׁרַייא גֶעטָאן הַאסְטִיג, אַהְאפְּטָאנְדִיג דָאס פַּאפִּיר •

זִיא הָאט מִיט דִיא אוֹיגֶען דוּרְךְ גֶעלֶעזֶען דָאס פַּאפִּיר אֵיינִיגֶע מָאל , עֶס וַואר לַייכְט אָן אִיהר צוּא עֶרְקֶענֶען דָאס זִיא גְלוֹיבְּט אִיהרֶע בְּלִיקֶען נִיט • עֶנְדְלִיךְ הָאט זִיא דָאס פַּאפִּיר צוּא דִיא לִיפִּין צוּא גֶעדְרִיקְט הָאט עֶס הֶערְצְלִיךְ גֶעקוּשְׁט אוּנ נָאר אוֹיף דָאס נַייֶע הָאבֶּען אִיהרֶע אוֹיגֶען אָנְגֶעהוֹיבִּין מִיט טְרֶערִין צוּא רֶעגֶענֶען •

זִיא הָאט יֶעצְט גֶעוַויינְט נָאךְ שְׁטַארְקֶער אַלְס פְרִיהֶער • דֶעם פָאטֶערְס פֶערְצַייהוּנְג זַיינֶע לֶעצְטֶע וָוארְטֶען הָאבֶּען זִיא טוֹיזֶענְד מָאהל מֶעהר עֶרְפְרֵייט אַלְס דִיא יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט אִיהר אִיבֶּער גֶעלָאזְט , עֶס הָאט אִיהר זָאגַאר מֶעהר גֶעפְרֵייט אַלְס דָאס וָואס אִיהר אוּנְשׁוּלְד אִיז בַּאוִויזֶען גֶעוָוארֶן•

דִיא אוּנְעֶרְוַוארְטֶעטֶע אִיבֶּערְרַאשֶׁענְדֶע נַאכְרִיכְטֶע הָאבֶּען אִיהר שְׁוַואכֶען קֶערְפֶּער זָא עֶרְשִׁיטֶערְט דָאס זִיא אִיז קְרַאפְטְלָאז אוֹיף אִיהר בֶּעט גֶעפַאלֶען אוּנ סאווינען מִיט יודעלען הָאט פִילֶע מִיהֶע גִיקָאסְט בִּיז זַייא הָאבִּין זִיא אוֹיף גֶעמִינְטֶערְט אוּנ בֶּערוּהִיגְט •

סאווין הָאט אִיהר נָאךְ אַמָאהל גֶעטוֹיזְט אִיבֶּער דֶער צֵיילֶען דִיא מַפָּלָה פוּנ׳ם מֶערְדֶער קארניצקי, עֶר הָאט נָאךְ דַאבַּייא צוּא גֶעגֶעבֶּען דָאס מַאן הָאט רִיכְטִיג עֶרְפַאהרֶען אַז דֶער קארניצקי אִיז דֶער זֶעלְבֶּער פְרַאנְצָאזֶע וָואס הָאט נראזינסקים יוּנְגֶע פְרוֹיא פֶערְשְׁטְרִיקְט אִין זַיין נֶעטְץ, זִיא בֶּערוֹיבְּט אוּנ דַאדוּרְךְ אִין גְרַאבּ גֶעטְרִיבֶּען • יֶעצְט גְרֶעפִין — הָאט עֶר גִיעֶנְדִיגְט — מוּזֶען

מיר ארויין פאהרען אין מינסק דארט צוא שטעלען דיין פאטערס צוואה אום מען זאל דיר אום קערין דיין איינענטהום אונ נאכהער וועל איך דיך צוריק ארויין פיהרען אין דיין שלאס אין וועלכען דוא וועסט דיין פאטערס שטעלע בעטרעטען.

דוא יודא וועסט אויך מיט אונז מיט פאהרען? — האט קארמעליע געפרעגט יודעלען מיט אצערטליכען טאן.

ניין ליבע קארמעליע— האט ער געענטפערט — איך גלויב אז איך בין ביי אזא ארבעט אין גאנצען איבעריג. פאהר געזונדערהייט מיט אונזער פריינד סאווין, איך מוז נאך דא בלייבען אום דיא בילדער צוא ענדיגען, ווען איך וועל קומען נאך הארידאק גלויבע איך אז איך וועל דיך שוין טרעפין אין דיין שלאס אלס דיא פערוואלטערין אונ אייגענטהימערין פון דיין פאטערס איינענטהום.

שווער איז געוועזען קארמעליען זיך האטש אויף אקורצער צייט צוא שיידין פון איהר ליבען יודעלען, אבער מיט דער האפנונג אז אין גיכען וועט זיא איהם ווידער זעהן, האט זיא זיך מיט איהם זעהער פריינדליך געזעגנט אונ איז מיט סאווינען נאך מינסק אוועק געפאהרען.

יח.

גליק אונ אונגליק.

דיא אונערוואַרטעטע ענטדעקונג דאס קארניצקי וואר איהר קינדס מערדער, האט דער גרעפין עליזאבעטהע אזויא איבעראשט אונ אזויא צערשמעטערט דאס זיא איז איינינע טעג קראנק צוא בעט געלעגען.

איהר איז יעצט געוועזען אין אלע זייטען שלעכט, ערשטענס האט איהר געקרייגקט וואס איהר געליבטער צוא ליעב וועלכען זיא האט אזויא פיעל שענדליכע טהאטען בעגאנגען איז אנ'איינפאכער מערדער אונ דער צוא נאך דער הענקער פון איהר קינד, צווייטענס האט זיא געוואוסט אז יעצט וועט דיא גאנצע וועלט זיא פעראכטען אונ פערהאסען דער פאר וואס זיא האט דער עלענדער קארמעליען אזויא לאנג אונ אונערבארעמליך פערפאלגט בין זיא האט אין אסטראג אויף זא אפורכטבארע ווייזע איהר לעבען געענדעט.

זיא האט זיך אבער ענדליך בערוהיגט. אונז איז שוין באקאנט דאס איהר ליבע צוא קארניצקין איז אין דער לעצטער צייט פיל קעלטער געווארען, דארום האט זיא זיך ניט שטארק געקימערט וועגען דאס וואס ער איז פון איהר אויף אימער אפ געריסען געווארען, אין געגענטהייל, זיא וואר דאמיט צוא פריעדען וואס זיא איז פון איהם בעפרייט געווארען אונ זיא קאן יעצט

אונגעשטערט ראמאנסירען מיט דעם יונגען גראף דאבראוואלסקי , יא זיא קאן איהם הייראטען אונ מיט איהם גליקליך לעבען . ער האט איהר שוין דייטליך צוא מערקען געגעבין דאס ער ליבט זיא , זיא האט איהם אבער ביז אהער ניט גיקאנט זאגין מיטען פאלען מונד דאס זיא ליבט איהם אויך , יעצט אבער קאן זיא דאס איהם אפען געשטעהען אונ ער וועט זיך זעהער פרייען צוא הייראטען אזא שיינע יונגע פרויא וועלכע בעזיצט אזא אונגעהייערן קאפיטאל .

וועגען דעם וואס זיא בלייבט דיא איינענטהימערין פון איהר מאנס קאפיטאל , איז ביא איהר קיין צווייפעל גיוועזן , דען דיא פאלשע צוואה וואס זיא האט צוא געשטעלט האט מען אן גענומען אונ מען האט זיא ערקלערט אלס טאבאלסקים איינציגע ערבין . קארמעליע דיא איינציגע וואס האט יא געקאנט זיא דורך פראטעסטען בעאונרוהיגען איז טויט אונ אויסער איהר וועט קיינער וואגען דעם מונד צו עפענען געגען איהרע רעכטע אויף טאבאלסקים איינענטהום .

אבוואהל זיא האט דעם געדאנק וועגען איהר קינדס טויט שוין גענצליך פערדאנט פון איהר קאפף , האט זיא זיך דאך געוויזען פאר אלע איינגעהער פונ׳ם שלאס וויא שטארק בעזארגט אונ פערטרויערט זיא איז , זיא האט זיך פער־שאפט דיא פיינסטע טרויער קליידער גענעהט נאך דער לעצטער מאדע וועלכע האבן איהר זעהער געקליידעט אונ אין דער גענענוואַרט פון איהרע געסטע האט זיא זיך געצייגט מעלאנכאליש אונ שטארק בעזארגט , זא דאס אלע האבען בעוואונדערט איהר שטארקע מוטערליעבע אונ האבען זיא געריהמט פאר איהר עדלע געפילע .

דער גראף דאבראוואלסקי וועלכער וואר אין אגרויסער געלד פער־לעגענהייט האט זיך צו עליזאבעטהען שטארק געשדכנט , ער האט בע־רעכינט אז דאס איז פאר איהם זעהער אקאנפאנירענדע פארטהיע , פון זיינע קלוגע בליקען איז אבער ניט ענטגאנגען דיא געהיימנים דאס צווישען איהר מיט דעם דאקטאר קארניצקי עקסעסטירט אפייערינע ליעבע , מיט אלע זיינע קרעפטע האט ער זיך בעמיהעט דיא ליעבע אויס צו לעשען אהנע דאס עליזאבעטהע זאל דאס מערקען אז ער ציעלט זיך דאצו , וויא מיר ווייסען האט דאס איהם אביסעל געלונגען , יעצט אבער אלס עס האט זיך זא געמאכט דאס קארניצקי איז גענצליך אבגעריסען געווארין פון עליזאבעטהען , האט ער זיך מיט זיין גאנצער קונסט גענומען איהר דען האף צו מאכען , ער האט איין טאג ניט פערפעהלט ער זאל זיא ניט בעזוכען אונ צו זיין גרויסער פריידע האט ער בעמערקט דאס דיא גרעפין איז ווירקליך יעצט צו איהם פיעל ליבליכער אונד פריינדליכער געווארין אלס זאנסט , יעצט האט ער שוין ניט געצווייפעלט אז זיא וועט זיינע בלייבען .

ער האט זיך וועהער צערטליך צו איהר יעצט געוויזען, מיט דיא צערטליכסטע ווארטען האט ער זיך בעמיהעט איהר קומער צו לינדערן אונ זיא האט ווירקליך געמיינט אז ער איז אין איהר פערליעבט איבער דיא אהרען.

זיא האט שוין יעצט נאר ניט געדענקט צוריק פאהרען נאך פאריז, זיא האט ארוים געזעהן אז אויך אין ארוססישען פארם קאן מען גליקליך אונ פיעלייכט נאך גליקליכער לעבען אלס אין פראנקרייך.

נאך האט איהר דער גראף דאבראוואלסקי ניט מיטען פולען מונד געזאגט אז ער ווינשט זיא צו הייראטען, זיא האט יעדען טאג ערווארטעט ער זאל פאר איהר אויף דיא קניע פאלען אונ איהר האנד בעטען.

ווארום ער האט געצעגערט מיט זיין ליבעס ערקלערונג דאס קאנען וויר ניט וויסען, צו דער פאר וואס ער האט געפירכטעט פיעלייכט האט זיך נאך איהר ליעבע צו קארניצקין ניט אוים געלאשען, אדער ווייל ער האט ניט געוואלט מיט דער גרעפין פון ליעבע ריידען אין דער צייט וואס זיא איז אין טרויער.

פונקט אום זעקס אוהר אבענדס פלעגט ער ערשיינען אין שלאס, האט דארט פערבראכט ביז צוועלף אין דער נאכט אונ פלעגט אבשיעד געהמען מיט דער פערזיכערונג דאס מארגען וועט ער ווייטער צו דער בעשטימטער שטונדע קומען.

פון פיער ביז זעקס אוהר האט זיך דיא גרעפין בעשעפטיגט מיט איהר טואלעטע געגען שפיעגעל אום פאר דאבראוואלסקין אין פאלען פראכט צו ערשיינען, דען וויא מיר האבען שוין ערוועהנט האט זיא יעדען טאג געהאפט דאס היינטע וועט ער איהר האנד בעטען.

אין אשיינעם טאג אלס זיא איז וויא געוועהנליך געגען שפיעגעל געשטאנען אונ האט זיך מיט איהר טואלעטע בעשעפטיגט, האט איהר דאס קאמערמעדכען גימעלדעט אז אנאפיע באראניצקאיא ווינשט מיט איהר צו שפרעכען וועגען זאלכע זאכען וואס בעלאנגען איהר (דער גרעפינס) לעבען.

וואס קאן דאס זיין פאר אנייעס? — האט זיך עליזאבעטהע געקלערט אונ האט געהייסען אנאפיען ברייגגען צו איהר אין בודואר.

אנאפיע האט נאך ניט געוואוסט פון איהר אונגליק אז סאווין דאב-ראווסקי האט ביי איהר דעם צווייטען בריעף טאבאלסקיס אוים געגארט, זיא האט געמיינט אז דער בריעף איז נאך ביי איהר אונ זיא וועט דורך איהם קאנען ציהען ביי עליזאבעטהען פיעל געלד.

אלס זיא האט ערפאהרען דאס מען האט דעם שווינדלער וועלכער האט ביי איהר דאס געלד אויסגענארט, געכאפט, אונ איהר געלד האט מען שוין ביי איהם ניט געפונען, האט זיא פערשטאנען אז אויף דעם

גֶעלְד דאַרְף זיא שׁוין נִיט הָאפֶּען און זיא מוז זיך בֶּעמִיהֶען אַנְדֶערֶע גֶעלְד צוּ בֶּעקוּמֶען, זיא הָאט פוּן איהר קאַסְטֶען אַרויס גֶענוּמֶען סאווינגס פּאַפִּירְל מִיט דֶער מֵיינוּנְג אַז דָאס אִיז טאַבּאַלסקיס צְוֵוייטֶער בְּרִיעף, זיא הָאט אִיהם זָאגֶאר נִיט גֶיעֶפִינְט אום זיך אִיבֶּער צוּ צֵייגֶען צוּ דָאס אִיז עֶר, אוּנ אִיז מִיט אִיהם גֶעפְלוֹיגֶען צוּ דֶער גְרֶעפִין מִיט דֶעם פֶּעסְטֶען בֶּעשְׁלוּס יֶעצְט גֶעהמֶען בַּייא עליזאבעטהען נִיט וֶועניגֶער פוּן צְוָואַנְצִיג טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל.

שְׁטָאלְץ אִיז זיא אַריין גֶעקוּמֶען אין דֶער גְרֶעפִינְס בּוּדואַר אוּנ הָאט אַבְּרֵייטֶען גוּטְגֶעאָבֶּענְד גֶעזָאגְט.

וָואס פֶערְלַאנְגְסְט דוּא? — הָאט עליזאבעטהע גֶעפְרֶעגְט.

דוּא ווייסְט דָאךְ שׁוין גְרֶעפִין פוּן מֵיין אוּנְגְלִיק — הָאט אגאפיע מִיט אַרַחֲמָנוּת פָּנִים גֶיעֶנְטְוָוערְט — דֵיין גֶעלְד וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבִּין הָאט קֵיין גְלִיק גֶעהַאט דֶען אַשְׁווינְדְלֶער הָאט עֶס בַּייא מִיר צוּגֶענוּמֶען.

יָא אִיךְ ווייס, נוּא וָואס זָשֶע ווילְסְט דוּא פוּן מִיר?

דוּא פֶערְשְׁטֶעהסְט דֶען נִיט עֶדְלֶע גְרֶעפִין אַז אָהְן גֶעלְד אִיז זֶעהֶער שְׁלֶעכְט צוּ זַיין, אִיךְ בִּין שׁוין אָבְּגֶעוָואהְנְט גֶעוָוארִין פוּן דֶער אַרְבֵּייט, דאַבַּייא הָאבּ אִיךְ טאַקִי קֵיינֶע קְרֶעפְטֶע צוּ אַרְבֵּייטֶען.

אִיךְ פֶערְשְׁטֶעהֶע נָאךְ אַלְץ נִיט וָואס דוּא ווילְסְט.

מִיר אִיז אַוואוּנְדֶער אַז אַזאַ קְלוּגֶע פְרויא ווִיא דוּא בִּיזְט זָאל נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז אִיךְ וויל דוּא זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען עֶפֶּעס פְרִישׁ גֶעלְד.

וָואס? פְרִישׁ גֶעלְד ווילְסְט דוּא? — הָאט עליזאבעטהע צָארְנִיג אָנְגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהן — דוּא מוּזְט מֵיינֶען אַז בַּייא מִיר הָאט זיך פַאר דִיר גֶיעֶפִינְט אַגֶעלְד קְוָועלֶע.

זַייט נִיט אַזויא אִין כַּעַס גְרֶעפִין, דֶען ווֶען אִיךְ וֶועל וֶוערִין אין כַּעַס וֶועסְט דוּא מִיט מִיר גָאר אַנְדֶערְשׁ רֵיידֶען.

אִיךְ וֶועל דִיךְ בַּאלְד צָארְנִיג מַאכֶען דאַמִיט וָואס אִיךְ וֶועל הֵייסִין דִיךְ פוּן מֵיין שְׁלָאס אַרויס ווארְפֶען.

טוּא דָאס טאַקִי וֶועל אִיךְ צוּ שְׁטֶעלֶען דֶער פָּאלִיצֵייא דֶעם צְוֵוייטֶען בְּרִיעף וָואס דֵיין מַאן הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט.

דֶעם צְוֵוייטֶען בְּרִיעף? — הָאט דִיא גְרֶעפִין עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעפְרֶעגְט.

יָא, דֵיין מַאן הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט צְווייא בְּרִיעף, אִיךְ הָאבּ דִיר אָבֶּער נוּר עֶרְצֶעהלְט פוּן אֵיינֶעם ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער צְוֵוייטֶער קָאן מִיר נָאךְ מֶעהר גֶעלְד גֶעבֶּען אַלְס דֶער עֶרְשְׁטֶער.

דָאס אִיז אַלִיגֶען.

דָאס אִיז וואהר — הָאט אגאפיע טְרִיאוּמְפִיהִירֶענְד גֶיעֶנְטְוָוערְט אַרויס גֶעהמֶענְד פוּן טאַשׁ אַפַּאפִּיר — דָאס אִיז דֶער צְוֵוייטֶער בְּרִיעף וָואס דֵיין

מאן האט איבער געלאזט, אין איהם שרייבט ער דייטליך דאס ער מאכט קארמעליען פאר זיין איינציגער ערבין.

דיא גרעפין איז בלאס געווארין, נאך אנאפיעס שטייפקייט האט זיא פערשטאנען אז זיא האט ווירקליך נאך אצווייטען בריעף.

עפען אויף דאס פאפיר איך וועל זעהען אויב דאס איז מיין מאנס האנדשריפט וועל איך מיט דיר דורכקומען — האט זיא שוין גאר מיט אנאנדער טאן געזאגט.

אנאפיע האט דאס פאפיר געעפינט אונ איז בלאס געווארין אלס זיא האט אליין דער זעהען אז דאס איז גאר אלעדיג שטיקעל פאפיר.

נוא דוא צייגסט מיר דעם בריעף?

אנאפיע האט ניט געענטווערט, זיא האט פערשטאנען אז איהר געליעבטער סאווין האט דעם וויכטיגען בריעף אויסגעביטען אויף דעם שטיק פאפיר, איהר איז פינסטער געווארין אין דיא אויגען אונ זיא האט זיך אנגעהאפט אן אשטוהל זיא זאל ניט פאלען.

איך האב יענעם בריעף פערגעסען אין דער היים — האט זיא געשטאמעלט — איך וועל לויפען איהם ברייגען.

גוט — האט עליזאבעטהע געענטווערט — געה ברייג איהם, אויב דאס איז ווירקליך אזא בריעף וויא דוא זאגסט בעקומסט דוא פון מיר אגרויסע סומע.

אנאפיע האט זיך קוים ארויס געשלעפט פונ'ם שלאס, איהר גאנצער שטאלץ איז געבראכען געווארין, איהר איז נור געבליעבען איין וועג געהן אבערמאלס זוכען שווערע ארבייט אונ דער צו האט זיא גאר קיין חשק געהאט.

ווענינגסטענס וועל איך לויפען מיין שווער ביטער הערץ אויסגיעסען אויף דעם שווינדלער דאמבראווסקי — האט זיא צארניג אנגעשרייא געטאהן — איך וועל איהם שוין ווייזען אז איך קאן מיך פאר אזעלכע זאכען אברעכענען וויא מען בעדארף.

אונ זיא איז ווייטהענד אוועק געלאפען.

עליזאבעטהע איז געבליבען אין איהר בודואר מיט אשמייכעל אויף דיא ליפען. „דיא נארישע אנאפיע האט געמיינט אז איך וועל מיך לאזען נארען" האט זיא געזאגט, „זיא האט געמיינט אז וויא זיא וועט מיר דער מאהנען אצווייטען בריעף וועל איך האפען אונ איהר געבען געלד, מיך פערדריסט וואס איך האב ניט געהייסען זיא גוט אויספאטשען אונ ארויס ווארפען פונ'ם שלאס, אום זיא זאל וויסען אז מיך שרעקט מען ניט מיט פוסטע ווארטען, נור מיר שיינט אז זיא וועט שוין אלס איינס מעהר ניט קומען.

דיא קאמערדינערין איז אריין געקומען אונ האט איהר געמעלדעט דאס דער יונגער גראף דאבראוואלסקי איז געקומען .

עפעס איז ער היינטע געקומען פריהער אלס אלע מאהל — האט זיך דיא גרעפין געקלערט — דאס איז אציינען אז היינטע וועט דיא ליעבעס-ערקלערונג קומען .

זיא האט זיך געשווינד אנגעקליידעט אונ אלס זיא וואר פאלקאמען צופריעדען מיט זיך זעלבסט איז זיא אריין געקומען אין דעם זאאל וואו דאבראוואלסקי האט זיא ערווארטעט .

ער וואר יעצט פעסטליך געקליידעט אונ דיא גרעפין האט פערשטאנען אז ער איז געקומען היינטע ניט מיט אגעוועהנליכען בעזוך .

אונ זיא האט קיין אירטהום געהאבט , דען דער גראף האט איהר יעצט שטארקער אלס אלע מאל דיא האנד געדריקט אונ האט מיט אליעבליכען שמייכעל געזאגט : איך בין היינטע געקומען פריהער אלס אלע טאג אהער ווייל דאס הערץ האט מיר געזאגט אז איך מוז דא היינטע מיין גליק געפינען .

אייער גליק ? — האט עליזאבעטהע געפרעגט מיט אזא טאן וויא זיא זאל ניט פערשטעהן וואס ער מיינט מיט דיא ווארטען .

יא גרעפין , מיין גליק, אונ איך האפע דאס איהר וועט זא פריינדליך זיין אונ וועט מיר ערלויבען איהם דא צו דערטאפען .

אויב עס ווענדעט זיך נור אן מיר וועל איך אייך געוויס ניט ענטזאגען .

יא גרעפין ! — האט ער מיט פייער אויס געשריען — עס ווענדט זיך נור אן אייך , אין אייער מונד ליעגט מיין גליק אדער בעהיטע גאט מיין אונגליק .

אין מיין מונד ? — האט זיא קאקעטיש געפרעגט — ערקלערט דאך מיר גראף אין וואס בעשטעהט אייער גליק ?

מיין גליק בעשטעהט אין איין קליינעס ווארט וואס איהר דארפט פון אייערע שיינע ליפען ארויס לאזען , דאס איז דער איינזילביגער „יא". גרעפין, זייט אייער מאן איז געשטארבען האט זיך פאר מיר דער גן עדן גיעפינט , דער גן עדן אין וועלכען אזא ענגעל וויא איהר זענט שטראהלט דארט אין מאיעסטעטישער פראכט , זאגט דאך, קאן איך מיך וואגען אין דיעזען גן עדן אריין צו קומען אונ זאגען יענעם שענעם ענגעל איך וויל צוזאמען מיט דיר דאס אירדישע לעבען דורכפליהען ? . . . .

יא ! — האט דיא גרעפין גיענטפערט איהם איהר האנד רייכענד .

אך וויא גליקליך איהר האט מיך געמאכט גרעפין ! — האט ער אנגעשריא געטאהן פאלענד אויף דיא קניע — ליזא, זאל איך גלויבען אז דוא גיהערסט שוין צו מיר ?

יא מיין ליעבער זיגמונד! — האט זיא בעגייסטערט גיענטווערט אונ ביידע האבען זיך הערצליך אומארמט אונ אין זאאל האט אקלינגענדער קוש אהילך געטאהן.

דאס הערץ איז ווירקליך אפראפהעט — האט ער שמייכלענד געזאגט — דאס מוז איך יעצט געשטעהען, גיט אומזאנסט האט עס מיך היטע זא שטארק געטריבען צו דיר מיינע טהייערע ליזא.

אבער זיגמונד, וועסט דוא קאנען פערגעסען דיין געליעבטער קאר־מעליען? — האט זיא ספאטיש געזאגט — וויא איך ווייס האסט דוא זיא אויפריכטיג געליעבט.

דאס איז אנ׳אירטהום מיינע גאלדענע ליזא, נימאלס האב איך דער ניעדערטרעכטיגער קארמעליע געליבט, נור איהר פאטער צוליעב האב איך איהר ליעבע געוויזען ווערענד אין הערצען האב איך זיא פעראכטעט וויל איך האב זיא לאנג געקאנט אלס אויסוואורף דער נאטור.

דאס ביזט דוא אליין! — האט אין דער מינוט אקלינגענדע שטימע אגעשרייא געטאהן אונ דיא גרעפין וויא אויך דאבראוואלסקי זיינען שיער אין אונמאכט געפאלען אוים שרעק אלס זייא האבען פאר זיך דער זעהען קארמעליען וועלכע איז געשטאנען אין טיהר געבען סאווין דאמבראווסקי.

יא חאראקטערלאזער גראף ניעדערטרעכטיג ביזט דוא אליין! — האט קארמעליע וויעדער געהאלט — אלס דוא האסט מיר דעם האף געמאכט האסט דוא דאס זעלבע געזאגט אויף עליזאבעטהען אז זיא איז אנ׳אויס־וואורף דער נאטור, יעצט זאגסט דוא דיא זעלבע ווארטען אויף מיר וייל דוא האסט דערשמעקט בייא דער שענדליכער פרויא פיעל געלד, דוא ווילסט זיך רעטען פון דיינע הונדערטער בעלי חובות וואס ווילען דיך אין געפענגניס ווערפען, דוא האסט אבער ניט מעהר וויא אזיסען חלום גיזעהען, דוא קאנסט ליעבען דיעזער קאנאליע וויפיעל דוא ווילסט אבער קיין געלד וועסט דוא בייא איהר געהמען, זיא איז אזויא רייך וויא דוא.

דיא גרעפין וועלכע וואר אוים שרעק בייא קארמעליעס ערשיינונג זא ערציטערט דאס זיא האט פאסט איהר פערשטאנד פערלארען, איז הערענדיג דיא ווארטען געקומען צו זיך, זיא האט פערשטאנען אז זיא זעהט פאר זיך ניט קיין טויטער פערזאן, זאנדערן דער לעבענדיגער קארמעליע.

דוא לעבסט? — האט זיא אגעשרייא געטאהן — דוא ביזט פון אסטראג אנטלאפען געוואורין, ווארט דוא מערדערין, באלד וועט מען דיך צוריק פיהרען אין יענעם פינסטערן געפענגניס.

דוא וועסט מיך צוריק פיהרען אין געפענגניס? — האט קארמעליע לאכענד גיענטווערט — דוא מוזט געוויס מיינען אז דיינע שווינדלען אונ דיינע אונמענשליכע מהאטען וועלין אימער אגעהיימניס בלייבען, נוא קאן איך דיר זאגין דאס עס איז שוין קיין געהיימניס מעהר, מיא האט שוין ריכטיג

ערפאהרען וואס דוא ביזט , מען ווייס שאן ריכטיג וויא ניעדערטרעכטיג דוא האסט בעהאנדעלט מיינען גוטען פאטער אונ פון דער פאלשער צוואה וואס דו האסט געמאכט אין זיין נאמען , נא שענדליכע פרויא ! נא לעז דיזען פאפיר וועלכער גיט מיר די קראפט אונ דיא פאלמאכט דיך צו ארעטירען , אבער איך וועל דאס ניט טאהן , איך וויל גאר וועגין דיר מעהר ניט דענקען , פליא פון דאנען אויב דיין לעבין אונ דיין פרייהייט איז דיר ליעב , פליא צוריק נאך פראנקרייך , דיין פוס זאל זיך אויף דעם רוססישען באדען ניכט געפינען , דען ווען דיא פאליציא וועט דיך דערטאפען וועסט דוא שוין קיין צייט האבען זיך צוא רעטען .

מיט ציטערענדע הענד האט דיא גרעפין גענומען דאס פאפיר וואס קארמעליע האט איהר געגעבין אונ צו איהר גרויסער שרעק האט זיא דערזעהן אז דאס איז ווירקליך אפערהאפטס בעפעהל געגען איהר דערפאר וואס זיא האט אפאלשע צוואה געמאכט , איהר שטאלץ איז געבראכען געווארין , דער מוטה איז פערשוואונדען , זיא האט אויסגיזעהען זא שרעקליך דאס קארמעליע האט שוין מעהר איהר ניט געשאטען זאלין אויף דיא וואונדען אונ איז מיט סאווינען אריינגעגאנגען אין אנ׳אנדער צימער אום עליזאבעטהע זאל אונגעשטערט קאנען צוריק עטוואס מוטה פאססען אונ דעם שלאס פערלאזען .

יט.

דער ווילקאמענער גאסט .

אין הארידאק האט מען נאך אלין גירעדט פון דעם וואס יודעלע האט בעגנבעט האצקלען אונ איז דאדורך אין אסטראג אריין געפאלען , וויא מיר האבען פריהער ערצעהלט וואר בייא קיינעם קיין צווייפעל אין דער וואר-הייט פון דער נאכריכט אונ אלע האבען דאס גגלויבט .

דער אלטער נרונם מיט דער ארמער אסתר האבען זיך געשעמט אין דער גאס ארויס צו געהן , זייא האבען געגען זייער ווילען אויך געמוזט גלויבען דיא שרעקליכע נאכריכט אבוואהל זייא האבען ניט פערשטאנען וויא קומט דאס וואס זייער עהרליכעס גוטהערציגעס קינד זאל אזא זינדע בעגעהען .

נור גאט אליין האט גיזעהען זייערע שמערצען ,ביידע אונגליקליכע זיינען געזעסען פערשפארט אין זייער וואהנונג אונ האבען ניט אויפגיהערט צו בעוויינען זייער אונגליק , ביידע האבען אויף זיך דעם טויט געבעטען , דען דאס ביטערע לעבין איז אויף זייא שטארק צוא לאסט געפאלען .

ניט ווייניגער פערצווייפעלט וואר מאליא ראזענהויז , זיא האט זיך

פאר איהר אייגענער פערזאן געשעמט פאר דער דומהייט וואס זיא איז בע־גאנגען אונ האט איהר הערץ געשענקט אזא מענשען פאר וועלכען אלע האבען זיא געוואָרינט זיא זאל זיך פאר איהם היטען, זיא האט נאך גאט געדאנקט דער פאר וואס קיינער האט געוואוסט פון דעם וואס זיא האט דעם גנב עווינע ליעבע געשוואָרין.

זיא האט יעצט געציטערט נור פאר איין זאך דער חאראקטערלאזער יודעלע זאל ניט ערצעהלען אז זיא האט איהם ליעבע געשוואָרין דאן וועט זיא אוים שאנדע ניט האבען וואו זיך צו בעהאלטען.

מערקווירדיג אבער וואר דאס, וואס אויך יעצט האט זיא זיך געפיהלט הינגעצאגען צו דעם גנב, אין דיא פינסטערע נעכט, ליעגענדיג אליין אין איהר בעט פלעגט זיך יודעלעס געזיכט פאר איהר פארשטעלען זא שיין, זא ליעבענסווירדיג אונד גוטמוטהיג וויא אגוטער ענגעל אונ זיא פלעגט דאן ביא זיך זעלבסט פרעגין: איז דאס מעגליך אז אזא מענש זאל אזויא פער־דארבען זיין, אהאלב לעבין וואלט זיא אבגעגעבען מיט דער גרעסטער פריידע ווען מען זאל איהר זאגען אז דיא גאנצע געשיכטע וועגען יודעלעס גנבה איז אליגען, אבער דיא ביטערע איבערצייגונג האט איהר בעוויזען אז דאס איז אזאך דער אונמעגליכקייט, פון דער פינסטערער נאכט קאן מען קיין העלען ליכטיגען טאג מאכען.

חאצקעל האט ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דעם גנב וועלכער האט איהם אזויא בדלות געשטעלט, דער גנב וואס נאך בעפאר אלע האבין געוואוסט אז ער איז דער צו פעהיג האט ער (חאצקעל) מיט זיין גרויסען פערשטאנד אוים געפונען אז דער יונג איז זעהער אשעדליכער מענש ווייל דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון דעם ביימעלע.

גוטע פריינד האבען אלע זייגע ווארטען אבגעטראגען צו דעם אלטען גרונם'ן אונ צו זיין שוויגערטאכטער אונ האבען דאדורך זייער לעבען נאך מעהר פערביטערט.

מיר זעהען דיא ביידע אונגליקליכע אין מאהל שפעט ביא נאכט זיטצענדיג אין זייער ארמער וואהנונג מיט נאססע אויגען אונ האבען פאל־גענדען געשפרעך געפיהרט:

שווער! — האט אסתר וויינענד געזאגט — וואס וועט דא פון אונז ווערין, גיט עפעס אנ'עצה וואס צו טאהן, מיר איז געקומען חאטש געהן זיך הייגען אדער טרינקען, מיין איינציג קינד האב איך פערלארען אונ נאך אויף אזא שענדליכען אופן, אין דער גאס קאן איך ניט ארוים געהען ווייל מיא דייטעט אויף מיר מיט דיא פינגער, איך שעם מיך אפילו ארוים צו געהן אין מארק איינקויפען דיא נעטהיגסטע לעבענסמיטעל, גוואלד גיט אראטה וואס זאל איך טאהן.

אונ דוא פרעגסט מיך אראטה — האט דער אלטער מיט אפער־

צְווייפֶעלְטֶער מִינֶע גִיעֶנְטְוֶוערְט — אִיז מִיר דֶען בֶּעסֶער פוּן דִיר ? שׁוין צְווייא וָואכֶען בִּין אִיךְ דַאוִונֶען נִיט גֶעגַאנְגֶען ווייל אִיךְ קָאן מַיין פָּנִים אִין בֵּית מֶדְרָשׁ נִיט ווייזֶען פַאר חַרְפָּה, אָ דֶער פֶערְשָׁאלְטֶענֶער יודעלע, זַייט עֶר אִיז גֶעוָוארִין אַשְׁטִיקֶעל מְחוּתָּן מִיט דִיא מֶענְשֶׁען פוּן טאבאלסקים שְׁלָאס אִיז עֶר שְׁרֶעקְלִיךְ פֶערְדָארְבֶּען גֶעוָוארִין. דוּא ווייסְט אסתר וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען אַז אִיךְ הויב אָן צוּ גְלויבֶּען אַז דָאס גֶעלְד וָואס עֶר פְלֶעגְט אוּנְז בְּרֵיינְגֶען פוּנֶ'ם גְרַאף טאבאלסקי זַיינֶען אויךְ גִיוֶוען גֶעגַנְבֶעטֶע, עֶר הָאט דָאס אוּנְז נוּר אוּמְמִיסְטֶען גֶעזָאגְט אַז דֶער גְרַאף הָאט דָאס אִיהם גִיגֶעבֶּען מִיר זָאלֶען נִיט פֶערְשְׁטֵיין אַז עֶר גַנְבֶעט.

עֶס קָאן זֶעהֶער זַיין וֶועה צוּ מַיינֶע יָאהר — הָאט אסתר גֶעיָאמֶערְט — גְוַואלְד שְׁוֶוער וָואס טוּהט מֶען, וָואס הויבְּט מֶען אָן צוּ טָאהן.

וָואס קָאנֶען מִיר טָאהן, גָאט וֶועט אִיהם שׁוין בֶּעצָאהלֶען פַאר אוּנְזֶער עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶר וֶועט שׁוין זַיין פְּסַק עֶרְהַאלְטֶען.

אַשֵׁיינֶע טְרֵייסְט אִיז דָאס פַאר מִיר וָואס מַיין בֶּן יָחִיד, מַיין שְׁוַוארְצְאַפְּפֶעל פוּנֶ'ם אוֹיג דַארְף אַלְס גַנָב גֶעמִשְׁפָּט וֶוערִין — הָאט אסתר גֶעקְלָאגְט — אָ גָאט, פַאר וָואס קוּמְט דָאס מִיר אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרַאפֶע.

דֶער אַלְטֶער הָאט נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט פֶערְדֶעקְט דָאס גֶעזִיכְט מִיט בֵּיידֶע הֶענְד אוּנ הָאט בִּיטֶער גֶעוויינְט.

אַקְלַאפְּ אִין טִיהר הָאט זֵייא בֵּיידֶען עֶרְשִׁיטֶערְט.

פוּן יֶענֶער צַייט אָן וָואס מִיא הָאט בֵּייא זֵייא אִין הויז אַנְ'אוּנְטֶערְזוּכוּנְג גֶעמַאכְט, הָאבֶען זֵייא זִיךְ פַאר דֶעם מִינְדֶעסְטֶען גֶערוּיש עֶרְשְׁרָאקֶען, זֵייא הָאט אַלְץ אוּיס גֶעזֶעהֶען אַז מִיא גֶעהט אַבֶערְמָאלְס בֵּייא זֵייא אַנְ'אָבִּיסְק צוּ מַאכֶען אָדֶער זֵייא גֶעפַאנְגֶען נֶעהמֶען פַאר יודעלעס זִינְדֶע.

מִיא הָאט נָאךְ אַשְׁטַארְקֶערְן קְלַאפְּ גֶעטָאהן אִין טִיהר.

וֶוער קָאן דָאס יֶעצְט צוּ אוּנְז קְלַאפֶּען ? — הָאט אסתר אוּנְרוּהִיג גֶעפְרֶעגְט.

פוּן וַואנֶען זָאל אִיךְ ווִיסֶען וֶוער עֶס קְלַאפְּט.

זָאל אִיךְ עֶפֶענֶען דִיא טִיהר ?

מִיא מוּז עֶפֶענֶען — הָאט דֶער אַלְטֶער עֶרְצִיטֶערְט גִיעֶנְטְוֶוערְט — אוּיבּ חָלִילָה מִיא גֶעהט אוּנְז שְׁלֶעכְטֶס טָאהן וֶועט מֶען דִיא טִיהר אוּיךְ אוּיפְבְּרֶעכֶען.

אסתר אִיז צִיטֶערֶענְד בֵּייא אַלֶע גְלִידֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער טִיהר הָאט זִיא גִיעֶפִינְט אוּנ הָאט נִיט מִיט אִיהר שְׁטִימֶע אַגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהן יודעלע.

בֵּייא דֶעם גֶעשְׁרֵייא אִיז דֶער אַלְטֶער גרונם פוּן זַיין אָרְט אוּיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּנ הָאט דֶער זֶעהֶען זַיין אֵיינִיקֶעל יודעלען וֶועלְכֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען

פריש מונטער און זעהער פריילוך, מיט אליעבליכע מינע איז ער צו געגאנגען צו זיין גראספאטער און איהם רייכענד די האנד האט ער זעהער פריינדליך געזאגט וואס מאכט איהר ליעבער פאטער?

אוועק דוא גנב! — האט גרונם צארניג אנגעשרייא געטאהן — די האנד וואס האט ערשט געגנבעט פרעמד געלד די זאל מיך ניט פערארונרייניגען מיט איהר בעריהרונג.

וואס איז דאס פאר ווערטער? — האט יודעלע העכסט ערשטוינט געפרעגט — וועמען רופט איהר גנב?

וועמען? דוא פרעגסט נאך — האט דער אלטער געשריען — דוא מיינסט אז דא ווייס מען ניט פון דעם וואס דוא האסט בעגנבעט חאצקלען און האסט בעשווינדעלט אקריסטין אין דעם דארף יענקי, מיא ווייס אלעס, מיא ווייס אויך אז מיא האט דיך אריינגעזעצט אין אסטראג, וויא איך זעה ביזטו פונ'ם אסטראג אנטלאפען געווארין, אבער איך אליין וועל באלד געהן דערציילען דער פאליציייא אז דוא ביזט דא אום מיא זאל דיך נאך אמאהל אריין זעטצען אין אסטראג און מיא זאל דיך אין סיביר אוועק שיקען.

יודעלע האט דעם אלטען אנגעקוקט מיט אזא מינע וויא ער זאל צווייפלען צו איז זיין גראספאטער ביי זיין קלארען פערשטאנד, ער האט אקוק געטאהן צו דער מוטער און האט געזעהען וויא זיא חליפעט און וויינט וויא אקליין קינד.

וואס איז דא געשעהען? — האט ער געפרעגט וויא פון שלאף.

וועמען ווילסט דוא דיא אויגען פערבלענדען? — האט גרונם העכסט אויפגערעגט געשריען — דוא ווילסט אפשר אבלייגנען דיא גאנצע געשיכטע און זאגען אז דוא האסט ניט בעגנבעט חאצקלען.

איך האב בעגנבעט חאצקלען? איך, וויא קומט איהר צו אזא שרעקליכען געדאנק?

דאס האב איך דאך דיר פריהער געזאגט אז דוא האסט אטעות דאמיט וואס דוא מיינסט אז אוועלט שלאפט און קיינער ווייס ניט פון דעם וואס דוא האסט געטאהן, ביזט דוא איצט ניט אנטלאפען געווארין פון אסטראג.

איך פון אסטראג? איך קום יעצט פון ווארשויא, דער גראף קרישצינסקי האט מיך פאר מיין ארבייט זעהער שיין בעפריעדיגט און האט מיר אויך אנ'אדעסטאט געגעבען אז איך האב פאר איהם דרייא בילדער געמאלט און ער איז פון זייא העכסט צופריעדען.

בעוויז דעם בריעף איך וויל איהם זעהען.

יודעלע האט ארויס גענומען פון דער טאש אבריעף אויף וועלכען

מען האט געזעהען דעם גרעפישען הערב מיט דעם נאמען קרישצינסקי און האט עס איבערגעגעבען דעם אלטען.

גרונם האט געקאנט לעזען אביסעל פאלניש, ער האט אנגעטאהן זיינע ברילען און האט אהיבשע צייט אינ'ם בריעף געקוקט, נאכהער האט ער זיך גיווענדעט צו יודעלען מיט דער פראגע: ביזט דוא דיא גאנצע צייט גיוועזען אין ווארשויא?

עס פערשטעהט זיך אז דיא גאנצע צייט בין איך געוועזען אין ווארשויא.

נאך דעם פעסטען אנטווארט וואס יודעלע האט געגעבען, האט דער אלטער פערשטאנען אז ער זאגט איהם קיין ליגען, זיין פערקנייטשט פנים האט אנגעהויבען צו שטראהלען פאר פרייד און ער האט וויא צו זיך אליין געזאגט: פון וואנען זשע נעהמט זיך דאס וואס דער היגער פריסטאוו האט ערהאלטען דיא נאכריכט אז מיא האט דיך געפאנגען גענומען דער פאר וואס מיא האט ביי דיר געפונען פיעל פון חאצקעלס גע֊גנבעטע זאכען און מיא האט דיך ארעטירט און אין קעטטען פערשמיעדט?

אזא נאכריכט האט דער פריסטאוו ערהאלטען?

יא, און ביי אונז האט ער געמאכט אנ'אונטערזוכונג ווייל ער האט גירעכינט אז ער וועט דא געפינען דיא גאנצע גנבה.

דאס איז מערקווירדיג — האט יודעלע וויא נאכדענקענד געזאגט — איך קאן דאס גאר ניט פערשטעהן וואס דא טוהט זיך.

קאנסט דוא בעווייזען פאקטיש אז דוא ביזט דיא גאנצע צייט גיוועזען אין ווארשויא?

מיא קאן דאס אנפרעגין ביי דער יונגער גרעפין קארמעליע, זיא האט מיך דיא גאנצע צייט גיזעהען אין ווארשויא.

האסט דוא דארט דיין פאשפארט פעריאוועט (געמעלדעט).

ניין, מיין פאשפארט האב איך פערלארען.

וואס? דוא האסט דיין פאשפארט פערלארען?

יא פאהרענדיג אין מינסק האב איך איהם פערלארען.

אויב אזויא פערשטעה איך וואס דא טוהט זיך — האט דער אלטער פריידיג אנגעשרייא געטאהן — דער גנב האט געוויס דיין פאשפארט געפונען און האט זיך אויפגעגעבען אלס דיין פערזאן און דער פון נעמט זיך דער טעות, איז דאס געוויס אזויא וויא דוא האסט מיר ערצעהלט?

זא וואהר וויא גאט לעבט אז איך האב אייך קיין ליגען געזאגט.

יודעלע! מיין קינד! מיין קרוין פונ'ם קאפף — האט דער אלטער וויינענד געשריען — קום צו מיין ברוסט, קום איך וועל דיך אומארמען

(יוא"ג ח"ד)

און

און דיך אום פערצייהונג בעטען דער פאר וואס איך האב אויף דיך געגלויבט אזעלכע שענדליכע זאכען .

אנ'ערשיטטערנדע און ריהרענדע סצענע איז געוועזען אלס דער אלטער מיט אסתרן האבען זייער קינד געהאלדזט און געקושט און האבען איהם פאסט נאס געמאכט מיט זייערע פריידענטרעהנען .

רב לי עתה אמות ! איך קאן יעצט שטערבען — האט גרונם וויינענד געזאגט — אבי איך וויים אז מיין קינד איז ריין פון דער זינדע וואס מען האט איהם בעשולדיגט בין איך העכסט צופריעדען און גליקליך .

אלס אלע האבען זיך שוין בערוהיגט האט דער אלטער געזאגט איך האב יעצט מורא גאר פאר אנ'אנדער זאך , ביז מיא וועט ערפאהרען ריכטיג פון וואגען דער איררטהום שטאמט קאן דיך דער היגער פריסטאוו דער וויל ארעטירען ווייל ער וועט מיינען אז דוא ביזט פון געפענגעניס אנטלאפען געוואָרין , דארום מוז מען זוכען אמיטעל וויא אזויא דיא אונאנגענעהמליכקייטען אויס צו מיידען .

וואס קאן מען דאצו טאהן ?

דוא מוזט דיא מינוט אריין געהן צו דעם פריסטאוו איהם ערצעהלען פון דעם וואס דיין פאשפארט איז פערפאלען געווארען און איהם בעטען ער זאל דורך אטעלעגראממע אנפרעגען אין דער שטאדט סווערזשין צו דער גנב יודעל פיינהערין וועלכען מיא האט דארט ארעטירט זיצט נאך אין געפענגעניס , מיא וועט דאך איהם געוויס ענטווערין אז ער זיצט, דאן וועט דער פריסטאוו פערשטעהען אז דיך האט מען אומזאנסט בעשולדיגט , דוא מאוסט געבען דעם פריסטאוו אפאר רובעל אויך אום ער זאל דיך דער וויל ביז דער אנטוואָרט וועט קומען ניט פערהאלטען .

איהר האט זעהער רעכט — האט יודעלע געענטווערט און איז שוין אוועק געלאפען צום פריסטאוו .

גרונם'ס עצה וואר זעהער אנגלייכע און זיא האט צום בעסטען רעזולטאט געפיהרט, דער פריסטאוו האט גענומען עטליכע רובעל בייא יודעלען און האט גלייך אנגעפרעגט דורך אטעלעגראממע וועגען יענעם גנב און נאך אין דער זעלבער נאכט האט ער ערהאלטען אנ'אנטוואָרט אז יודעל בערקאוו פיינהערץ זיצט פעסט אין געפענגעניס , ער האט פערשטאנען אז יודעלע האט איהם קיין ליגען געזאגט און ער האט איהם שוין ניט געטשעפעט , ער האט גלייך ראפארטירט פון דער געשיכטע וויא דער וואהרער יודעל איז דא אין הארידאק און יענער גנב האט זיך נור מיט זיין פאשפארט בענוטצט אום זיך פאר זיין פערזאן אויס צו געבין .

נור דאמיט האט זיך יודעלעס שמערצען נאך ניט גיענדיגט , אלס ער איז אויף מארגען אין דער גאס ארויס געגאנגען , זייגען דיא הארידאקער יודען איהם נאכגעלאפען מיט אגעשרייא גנב און האבען איהם מיט

שטיינער בעווארפען, ער האט זיך קוים אלעבענדיגער צוריק אהיים אריין געהאפט.

רבי חאצקעל איז אויסער זיך געווארין אלס ער האט ערהערט אז יודעלע דער גנב איז דא, ביי איהם וואר קיין צווייפעל אז ער איז פון אסטראג אנטלאפען געווארין אונ דארום איז ער געלאפען גלייך צום פריסטאוו איהם מעלדען דיא שרעקליכע זאך, מען קאן זיך אבער לייכט פארשטעלען דיא לאנגע נאז וואס ער האט געמאכט אלס דער פריסטאוו האט איהם ערקלערט אז יודעלע איז קיין גנב, ער איז גאר ניט שולדיג, דען דער וואהרער דיעב איז גאר אנ'אנדערער אונ ער זיטצט פעסט געשמיעדט אין קעטען אין קערקער.

דיא נאכריכט האט זיך באלד פערברייטערט אינ'ם גאנצען שטעדטעל, דען דער פריסטאוו זעלבסט האט יעדען פון זיינע בעקאנטע יודען ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע.

דער מענש וועלכער ווערט פאלש בעשולדיגט אין אפערברעכען אונ מען ערפאהרט נאכהער אז ער איז אונשולדיג, דיעזער מאן ווערט ביים פאלק פיעל טהייערער אלס ער וואר ביי זייא פריהער.

אויך מיט יודעלען וואר דא דערזעלבער פאל, קוים האט מען ערפאהרען דאס דיא גאנצע געשיכטע וועגען יענער גנבה איז אליגען האט יעדער הארידאקער יוד אנגעהויבען צו ריידען פון איהם מיט רעספעקט אונ איבעראל האט מען נור ערצעהלט זיינע מעלות, דער עולם האט זיך אלאז געטאהן צו גרונם'ן איהם אבגעבין מזל טוב פון דעם וואס זיין קינדם אונשולד האט זיך זא דייטליך ארויס געוויזען.

דער אלטער גרונם האט אלעמען מוחל גיוועין אויף דעם וואס מען האט איהם אומזאנסט אזויא פיעל בלוט פערצאפט, אויף איהם איז ריכטיג אוים געקומען דאס גלייכעווארט ווען פרייעט זיך אנ'ארימאן ווער ער פערליערט עטוואס אונ געפינט דאס „צוריק”.

יודעלען האט אויך ווייניג געקימערט דאס וואס ער האט אזא שרעקליכען שלום עליכם געהאט פון זיינע שטאדטלייט, זיין קאפף וואר יעצט בעשעפטיגט מיט עפעס אנדערש, ער האט זיך צוגעקליבען הייטע אבענד מאכען אבעזוך קארמעליען וועלכע איז געווארין דיא אייגענטהימערין פון איהר פאטערס אייגענטהום אונ האט דיעזען אבענד געגעבען אפרעכטיגען באאל פאר אלע איהרע אלטע בעקאנטע.

אגליקליכער שמייכעל האט זיך אויף זיינע ליפען געוויזען אלס ער האט זיך פארגעשטעלט וויא קארמעליע וועט זיך ערפרייען אלס זיא וועט איהם דער זעהען אונ וויא זיא וועט איהם פארשטעלען פאר אלע איהרע געסטע אלס איהר רעטער אונד בעפרייער פון איהר שרעקליכען אונגליק.

(יוא"ג ח"ד)

וועגען מאליא ראזענהויז האט ער גאר ניט געקלערט, דען וואס פאר אווערטה האט בייא איהם דאס איינפאכע יודישע מעדכען געהאט נעגען דער שיינער געבילדעטער רייכער גרעפין קארמעליע טאבאלסקי.

ער האט זיך פערפוצט אין זיינע פיינסטע קליידער אונ איז בייא נאכט אוועק געגאנגען אין שלאס צו קארמעליעס באל.

ב.

אן׳אונפערד׳נטער קלאפף.

וויא פראקטיש שלמה המלך׳ס ווארטע זיינען: „ברצות ד׳ דרכי איש גם אויביו ישלים אתו“ ווען אמענשען פאנגט עס אן צו געהן גוט ווערין זיינע ערגסטע פיינדע זיינע פריינדע, וויר זעהען זעהער אפט זאלכע סצענען וויא געפאלענע מענשען פערליערען אלע זייערע בעסטע פריינדע אונ עמפ־פארגעקומענע מענשען וואס דאס גליק בעשטראהלט זיא זיינען ארום גע־רינגעלט פון פיעלע פריינדע, זאגאר דיא וואס זיינען איהם אמאהל דיא גרעסטע פיינדע גיוועז זיינען איהם היינד דיא בעסטע פריינדע געווארין אונ יעדער פון זיא בעמיהעט זיך איהם איבער צו צייגען אז ער איז צו איהם צוגעבונדען מיט לייב אונד זעלע.

דיא יונגע גרעפין קארמעליע וועלכע האט דא ניט לאנג ניט איין נוטען פריינד געהאט, דיא עלענדע וואס פון אלע איהרע אלטע בעקאנטע האט זיך ניט איינער געפונען ער זאל זאגאר איזפטין טאהן אויף איהר אונגליק, דיא קארמעליע האט זיך פלוצלונג געפונען צווישען צאהלרייכע פריינדע, זייט זיא איז צוריק געקומען פון אסטראג אונ איז אנערקענט געווארין אלס איהר פאטערס איינציגע ערבין, זייט איהר ערגסטע פיינדין עליזאבעטהע איז אנטלאפען געווארין נאך פראנקרייך אונ זיא (קארמעליע) איז דא געבליעבען דיא זעלבסטהערשערין זיינען אלע איהרע אלטע בעקאנטע וויא דיא מייז פון זייערע לעכער ארויס געקראכען אונ האבען זיא אנגעהויבען צו לעקען אונ צו שמייכלען. יעדער האט איהר געשווארין אז ער האט קיין נעכט געשלאפען אוים זארג וועגען איהר, יעדער האט איהר פערזיכערט אז ער איז אימער פערטיג גיוועז פאר איהר זיך אויפצואפפערן אונ יעצט שעצט ער זיך גליקליך זעהענדיג וויא איהר אונשולד איז ענטדעקט געווארין אונ זיא איז אבערמאלס גליקליך.

דער מענש וואס ווערט פון אגרויסען אונגליק גירעטעט, דער פער־צייהעט אוים פריידע גערנע דיא זינדע פון זיינע ערגסטע פיינדע, אויך קארמעליע האט אין גאנצען פערגעסען דיא פאלשהייט פון דיא אלע פערזאנען אונ האט זייא פריינדליך דיא האנד גערייכט.

אכט טאג נאך דער רייהע וואר דער שלאס פאלל פון געסטע וועלכע זיינען געפלויגען פון אלע זייטען גראטולירען דער בעפרייעטער גרעפין אונ איהר ציינען זייער פריינדשאפט אונד ערגעבענהייט, דיא אלע געסטע האבען קארמעליען יעצט פאסט פערגעטטערט אונ האבין זיא זא פערשאטען מיט זייערע שמייכעלייען דאס זיא האט אנגעהויבען צו גלויבען אז זיא זעהט פאר זיך ווירקליך לויטער בעסטע גוטע פריינד וואס שעטצען זיך גליקליך מיט איהר גליק, איהר אלטער שטאלץ וועלכער איז שוין פאסט פון איהר פערשוואונדען האט זיך גאר אויף דאס נייע אין איהר ערוועקט אונ דאס זעלבסט בעוואוסט זיין אז זיא איז גרעפין טאבאלסקי האט אויף איהר געזיכט דעם גאנצען שטאלץ פון אגראססמוטהיגער גרעפין וויא אנגעשטעמפעלט, זיא האט איינפאך געשטראהלט אויס גרויס גליק אונ אלע האבען אין איין שטימע געזאגט אז זיא איז היינט טויזענד מאהל שענער אלס פריהער, אלע לעדיגע גראפען אונ גוטסבעזיטצער האבען זעלבסטפערשטענדליך יעצט נאך מעהר אפעטיט געהאט וויא פריהער בעפאר טאבאלסקי איז געשטארבין, דען זיא וואר יעצט איינע איינענטהימערין פון מיליאנען אונ דאצו איינע שיינע בליהענדע גרעפין וואס פערדינט יעדענס ליעבע אונ אכטונג.

זיא האט אין צעהן טאג נאך איהר צוריק קומען אינ׳ם שלאס פעראנשטאלטעט אגראססארטיגען באל צו וועלכען עס ווארען געלאדען אלע אנשטענדיגע קריסטען וואס האבען געוואהנט ארום דעם שטעדטעל הארידאק, אלע איינגעלאדענע געסט האבען זיך ניט געלאזט לאנג בעטען אונ זיינען געקומען צופליהען.

דער שלאס וואר פרעכטיג אילומענירט זא דאס מיא האט איהם געקאנט אין דער פינסטערער נאכט פון אגאנץ ווייטער שטרעקע זעהען, קיין מאהל האט הארידאק אזויא פיעל צוזאמענגעפאהרענע פריצים ניט געזעהען וויא יעצט, אלע איינוואהנער פונ׳ם שטעדטעל האבען זיך צו זאמען געקליבען נעבען שלאס אונ האבען נייאגיעריג געקוקט צו יענע ליכטיגע פענסטער וועלכע ווארען וויא בענאסען מיט פייער.

דער גרויסער טאנצזאאל פון דעם שלאס וואר אנגעפיעלט מיט פרעכטיג געקליידעטע העררען אונד דאמען, אנ׳ארקעסטער מוזיק האט ערפרייעט מיט מונטערע מארשען אונ פאלקעס יעדעם הערץ.

קארמעליע איז ארום געגאנגען צווישען דיא געסט געקליידעט וויא איינע קעניגין, זיא האט געוואוסט יעדען פון דיא געסטע אפריינדליך ווארט צו זאגען אדער אליעבעס בליק צו ווערפען, אלע ווארען ענטציקט פון איהר אונ יעדער קאוואליער האט זיך בעמיהעט איהר אויפמערקזאמקייט אויף זיך צו ציהען.

בעזאנדערס האט זיך ארום איהר געדרעהט איונגער בלענדענד שיינער גראף וועלכער וואר קארמעליעס אפערוואנדטער אונ איז הערענדיג פון

איהר בעפרייאונג אראפ געפאהרען צו איהר פון לובלין, ער וואר אויך אבייכער גוט בעזיטצער אונ דאצו זעהער געבילדעט, קארמעליע האט איהם געקאנט אלס קינד אונ ערשט נאך אצוועלפעהריגער טרענונג האבען זייא זיך יעצט געזעהן צום ערשטען מאל.

דעם פערוואנדטען האט זיא מעהר פריינדשאפט געוויזען אלס אלע איבעריגע אונ אלע אנוועזענדע האבען נביאות געזאגט אז פון דיא ביידע בליהענדע יונגע לייט וועט ווערין איין גליקליך פאארל.

זיא האט יעצט מיט דעם יונגען גראף זעהער פערגעניגט געטאנצט, זיא האט זעלבסט ניט געפיהלט וויא שטארק זיא האט זיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט, אין דער מינוט האט מען זיא געקאנט אנרופען מוסטער דעם וואהרעם גליקעס.

דער טאנץ האט זיך געענדיגט, איהר קאוואליער האט זיא צו געפיהרט צו אסאמעטענער זאפפע אונ ביידע האבען זיך דא געזעצט אבצורוהען, אין דער מינוט איז צוגעגאנגען אלאקייא אונ האט געזאגט: גרעפין אידישער יונגער מאן פערלאנגט זיך מיט אייך צו זעהען.

ווער איז דער יונגער מאן? — האט זיא געפרעגט.

ער הייסט יודא פיינהערץ.

יודא? — האט קארמעליע אויסגערופען מיט אזא טאן וואס האט ניט געקאנט ריכטיג בעשטימען צו איז ער פון איהר מונד ארויס אויס שרעק אדער אויס פריידע.

יא אזויא הייסט ער.

ווער איז דער זשיעד וואס וואגט זיך אין אזא צייט אהער צו קומען מיט דעם פערלאנג מיט דיר צו שפרעכען — האט דער פראנצויזישער גראף ערשטוינט געפרעגט.

דער זשידאק האט מיר זעהער פיעל גוטעס געטאהן אין דער צייט ווען איך בין אין קערקער געזעסען — האט קארמעליע געענטווערט.

נוא ווערסט דוא איהם דאפיר געבען עטליכע רובעל, אבער איהם יעצט פערשאפען אזא עהרע אונ ריידען מיט איהם אין דער צייט וואס ביא דיר איז אבאל, דאס טאהרסט דוא ניט טאן.

ער איז אבער זעהער אבראפער יונג.

איוד אבראפער יונג? — האט דער גראף געלאכט — דיא לייטע צייגען זיך נור בראף ווען זייא האפען צו כאפען עטליכע רובעל, אונ ווען דוא ווערסט איהם יעצט ארויס שיקען אצעהנרובעלדיגע וועט דאס ביא איהם זיין טהייערער וויא אלס אין דער וועלט.

קארמעליע האט איניגע מינוטען געטראכט אונ זיך געווענדעט צום לאקייא האט זיא געזאגט: זאג דעם יודען אז איך קאן איהם יעצט ניט

עמפפאנגען , ווייל איך בין זעהר בעשעפטיגט מיט מיינע געסט , זאל ער קומען מארגין אום עלף אוהר מארגענס וועל איך מיט איהם שפרעכין .

דער לאקייא האט זיך פערנייגט אונ איז ארויס געגאנגען .

פערפוצט אין זיינע בעסטע קליידער איז יודעלע געשטאנען געבין דעם טויער פונ'ם שלאס , דען דער וועכטער האט איהם ניט געוואלט אריין לאזין אינ'ם שלאס , יודעלען האט דאס שטארק פערדראסין וואס קארמעליע האט אין זינען ניט געהאט אנצוזאגין דאס ווען ער וועט קומען זאל מען איהם גלייך אריין לאזין , ער האט געשיינקט איין לאקייא אויף שנאפס ער זאל געהן מעלדען קארמעליען דאס ער איז דא , ביי איהם וואר קיין צווייפעל דאס ווי נור קארמעליע וועט ערהערין אז ער איז דא וועט זיא דעם מאמענט ענטוועדער אליין ארויס לויפען איהם עמפפאנגען , אדער זיא וועט הייסען מען זאל איהם גלייך אריין פיהרען צו איהר , איהם וואר דיא צייט צו לאנג , איהם האט שטארק געצויגען צו זיין ליבער זיסער קארמעליע , ער האט זיא שאן צוויא וואכין ניט גיזעהן אונ דאס וואר ביי איהם איינע עוויגקייט , ער האט גיציילט דיא מאמענטע דער לאקייא זאל שאן צוריק קומען אונ איהם פיהרען צו איהר , צו דער פאר וועלכער ער האט זיך פאסט אויפגעאפפערט , צו דער וועלכע איז ביי איהם טהייערער פון אלעס אין דער וועלט .

ענדליך האט ער געזעהן דעם לאקייא צוריק געהן , זיין הערץ האט אין איהם אנגעהייבין צו קלאפין פאר פריידע , באלד באלד וועט ער זעהן זיין הייס געליבטער קארמעליען .

דער לאקייא איז צו איהם צוגעגאנגען מיט אפערעכטליכען שמייכעל אונ האט געזאגט : דיא גרעפין האט געזאגט אז זיא קאן מיט אייך יעצט ניט ריידין , ווייל זיא איז בעשעפטיגט מיט איהרע געסט , זיא האט געהייסען איהר זאלט קומען מארגען אום עלף אוהר אין דער פריא .

יודעלע איז שיער צו דער ערד געפאלען אויס שרעק , אין דיא אויגען איז איהם פינסטער געווארין , זיינע פיס האבין זיך אונטער איהם געבויגען , קארמעליע זאל איהם ניט וועלין עמפפאנגען דערפאר וואס זיא איז בעשעפטיגט מיט איהרע געסט ? דאס האט זיך איהם גאר ניט געגלויבט .

ער האט דאס אבער פארט געמוזט גלויבען אונ פאר איהם איז געבליבען איין וועג געהן צוריק אהיים .

אנשטאט דיא שמערצין וואס דעם לאקיים ווערטער האבין אין איהם פערשאפט , האט זיך יעצט אין זיין ברוסט אהעלישער צארין אויפגעפלאמט .

איז דאס דיא דאנקבארקייט פאר דעם וואס איך האב אזו מיין לעבין פאר איהר אוועק געלייגט ? — האט ער צו זיך אליין גירעדט — איז דאס דער לאהן פאר דער מיהע וואס איך האב זיך געגעבין פון איהר דיא שולד אראפ צו ווארפען אין דער צייט ווען אלע איהרע פריינדע האבין זיא פערלאזט אונ

(יוא״ג ח״ד) איבערגעלאזט

איבערגעלאזט אין גרעסטין אונגליק , יעצט קאן זיא צוליב דיא הערצלאזע פריינדע מיך ניט עמפפאנגען ? דאס איז אונערהערט, דאס איז אונמענשליך אונגלויבליך .

ארמער ארמער יודעלע ! דוא האסט וויא עס שיינט גאר ניט געוואוסט פון דער געהיימנים . דאס דער יוד האט קיין מאהל קיין ווערטה זאגאר ווען ער טוהט דיא גרעסטע וואהלטהאטען אונ אפפערט זיין לעבין פאר אונגליקליכע איז זיין לאהן אונדאנקבארקייט , אימער צאהלט מען איהם מיט שטיינער פאר דיא גוטעס וואס ער טוהט .

יא יודעלע האט פון דיא אלע זאכין ניט געוואוסט , אונ דארום וואר ער שטארק צארניג אויף קארמעליען אונ אויף דער גאנצער וועלט , עס האט ווייט ניט געפעהלט ער זאל אוים פערדרוס זיך ניט אריין ווארפין אין יענעם וואסער אין וועלכין עס איז ערטרונקען געווארין דאס קינד פאר וועלכעס ער האט זא פיעל שלאפלאזע נעכט פערבראכט .

נור דער געדאנק אן זיינע ארמע עלטערין וועלכע האבין אויסער איהם קיינעם ווער עס זאל פאר זייא זארגין , האט איהם אבגעהאלטין פון זאלכעס מארד , וויא וואהנזיניג איז ער אהיים אוועק געלאפין , דארט האט ער זיך פערשפארט אין זיין צימער אונ האט אלאנגע צייט געוויינט וויא אקליין קינד .

אשרעקליכע נאכט האט יודעלע דאן צוגעבראכט , אנאכט וואס דיא פעדער ענטזאגט זיך זיא צו שילדערין .

יודעלע האט אבער געהערט צו דיא נאטורען וואס האבין ליב יעדע זאך גוט איבער צו טראכטען , ניט איבער געבין זיך דער אויפברויזונג פונ'ם הערצין , ער האט זיך ענדליך בערוהיגט אונ האט זיך בעטראכט , דאס וויא באלד קארמעליע איז אזוי געוויסען אונ כאראקטערלאז האט זיא ניט דיא ווערטה מען זאל זיך קימערין פון איהר אונדאנקבארקייט .

פאר זיינע אויגען האט אנגעהייבין צו שוועבין אנ'אנדער בילד , דאס בילד פון דער שיינער מאליא ראזענהויז , ער האט זיך ערינערט וויא דאס עדעלעס מעדכען האט איהם געוויזען ליבע אונ צערטליכקייט אהנע דאס ער האט איהר דאס מינדעסטע גוטעס געטאן , זיא האט זיך זאגאר איינגעשטעלט אונ איז געקומען צו איהם אהיים וויל זיא האט געפירכטעט פיליכט איז ער עפעס ניט געזונד . ער האט זיך אויך דער מאהנט אן דעם שוואור וואס ער האט איהר געגעבין ער זאל זיא עוויג ליבען .

אונ איך האב פעראיבעל אויף קארמעליען פאר איהר אונטרייהייט — האט ער זיך אליין פארווירפע געמאכט — האב איך דען געהאנדעלט בעסער אלס זיא ? איך האב געשוואָרען דער גוטער מאליאן דאס איך וועל זיא אימער אונ עוויג ליבען , אונ האב מיך ענדליך גאר אן איהר פערגעסין צוליב דער אונדאנקבארער קארמעליען .

ניין ! אזא אונמענש װעל איך ניט זיין , איך מוז מארגן אביין געהן צו מאליאן , איך װעל פאר איהר אויף דיא קניא פאלען און איהר פערציייהונג בעטין דער פאר װאס איך האב מיך זא שװער פערזינדיגט געגין איהר .

כא.

דער לעצטער קלאפף .

װען אהונד זאל גיװען אלעק טאן חאצקעלס הערץ װאלט ער געװיס אמיתה משונה איינגענומען , אין דעם גרויסען שאדען װאס ער האט געהאט האט ער זיך גיװען נעטרייסט דאמיט װאס ער האט גיקאנט אויס גיסען דיא גאל אויף דעם אלטען גרונם׳ן מיט יודעלען , און יעצט האט ער דיא נחמה אויך ניט , דען יודעלע איז ארויס ריין װיא גאלד , און פון אלע זייטען האט מען איהם (חאצקלען) געמאכט פארװירפע דער פאר װאס ער האט דעם ארדענטליכען ארמען יודעלען אזו בעליידיגט .

ניין ! — האט ער געשריען — מען װעט מיך ניט איינריידען , איך װייס געװיס אז יודעלע איז דער גנב פון מיין גאלד און זילבער , ער האט אונטער־געקויפט דעם פריסטאװ ער זאל זאגין אז דער גנב איז אנ׳אנדערער , אבער איך װייס געװיס אז נור ער האט מיך בדלות געשטעלט .

זיין איידים יוסעלע האט איהם גירעכט גיגעבין און האט אויך דאס זעלבע געזאגט אז נאר יודעלע דער אפיקורס האט דעם שװער בעגנבט , עס האט זייא אויך געלונגען איינצוריידען פילע מענשין פון הארידאק אז יודעלע איז פו אסטראג אנטלאפען געװארין .

אין יענעם אװינד װען ביא קארמעליען איז דער באל גיװען איז ביא חאצקלען אין הויז גיװען אגאנץ הייסער געשפרעך װעגין דעם , חיימקע שלאק װעלבער איז געקומען צו חאצקלען װעגין אהלואה פאר אהארידאקער קרעמער האט דער ערשטער זיין מיינונג געזאגט אז רבי חאצקעל האט זעהר רעכט דאמיט װאס ער האלט יודעלען פאר דעם גנב , „אייער איידים איז אחכם״ האט ער געזאגט „ער האט מיר נאך מיט עטליכע טעג צוריק געזאגט אז אזא גנב װיא יודעלע איז װעט נאך געװיס פונ׳ם אסטראג אנטלייפען און װעט דיא װעלט בדלות שטעלין , איצט איז אויס געקומען ריכטיג װיא ער האט געזאגט , און עס איז אגרויסער יושר רבי חאצקעל איהר זאלט דאס ניט שװייגען , איהר זאלט דיא כוחות אװעק לייגען און דעם גנב צוריק אין אסטראג אריין װארפען .

מסתמא װעל איך אין דעם ניט שװייגען — האט חאצקעל גיענטפערט — מיין קאפף װעט אויף מיר ניט זיין װען איך װעל דיא גאנצע פערפלוכטע פאמיליע אין אסטראג ניט אריין װארפען , איך קאן שװערין ביא אספר תורה

אַז מַיין גַאנְץ גָאלְד זִילְבֶּער אוּנ צִירוּנְג וָואס מֶען הָאט בַּייא מִיר גֶעגַנְבֶט לִיגְט בֶּעהַאלְטִין בַּייא דֶעם אַלְטֶען אַשְׁמְדַאי בַּייא גרונם׳ן .

דָאס אִיז זַייעֶר צוּ גְלוֹיבֶּען — הָאט חיימקע שלאק גִיעֶנְטְפֶערְט — דֶען פּוּן וַואנֶען הָאט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג צוּ אִיהם גֶענוּמֶען אַזוֹ פִּיעל גֶעלְד , עֶר לֶעבְּט דָאךְ וִויא אַשְׁרָרָה , אסתר קוֹיפְט יֶעדִין טָאג פְלֵייש אוֹיף וַוארְמֶעס , אִיהר פֶערְשְׁטֶעהְט אַזֶעלְכֶע קַבְּצָנִים פֶערְגִינֶען זִיךְ צוּ עֶסִין יֶעדִין טָאג פְלֵייש , וואו נֶעהְמֶען זַייא דָאס גֶעלְד אוֹיף דֶעם ? אוּנ וֶוענִין וָואס פָאהְרְט דָאס עֶפֶּעס יודעלע דִיא לֶעצְטֶע צַייט אַרוּם ? וואוּהִין פָאהְרְט עֶר אוּנ וָואס אִיז דֶער צִיעל פוּן זַיין פָאהרֶען ? אַנְדֶערְשׁ נִיט וִויא דָא לִיגְט עֶפֶּעס אַגֶעהֵיימְנִים , אוּנ דִיא גֶעהֵיימְנִים אִיז קַיין אַנְדֶערֶע וִויא דִיא גְנֵבָה וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט בַּייא אַייךְ , אִיךְ גִיעֶב אַייךְ אַתְקִיעַת כַּף בְּעוֹלָם הַבָּא אַז דָאס אִיז עֶר אַרוּם גֶעפָאהרֶען מִיט אַייעֶר גְנֵבָה , פָאהרֶענְדִיג הָאט מֶען אִיהם גֶעחַאפְּט אוּנ עֶר אִיז פוּן אַסְטְרָאג אַנְטְלָאפִין גִיוָארִין . אִיךְ וָואלְט אַייךְ אַנ׳עֵצָה גִיגֶעבִּין אִיהר אַלֵיין זָאלְט זִיךְ דוּרְךְ פָאהרֶען אִין סווערזשין אוּנ זֶעהן וָואס דָארְט טוּהט זִיךְ .

אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין אַלֵיין אוֹיךְ גֶעטְרַאכְט , אָבֶּער אִיךְ קָאן פוּן שְׁטָאדְט נִיט אָבּ פָאהרֶען , אִיהר וַוייסְט דָאךְ אַז יֶעדִין טָאג הָאבּ אִיךְ רֶעכְנוּנְגֶען וֶועגִין דֶער טַקְסָא אוּנ מִיט מַיינֶע בַּעֲלֵי חובות וָואס לַייעֶן בַּייא מִיר גֶעלְד .

נוּא שִׁיקְט זְשֶׁע אוּנְטֶער אַייעֶר אֵיידִים יוסעלען .

הַא ? יוסעלען ? דָאס אִיז אֶפְשַׁר אַפְּלַאן .

עֶס פֶערְשְׁטֶעהְט זִיךְ אַז דָאס אִיז אַפְּלַאן , אַייעֶר יוסעלע זָאל לֶעבִּין אִיז אִיוּנְג מִיט בַּיינֶער , עֶר וֶועט שׁוֹין רִיכְטִיג גֶעוָואר וֶוערִין וָואס דָארְט טוּט זִיךְ , פָאלְגְט מִיךְ אוּנ שִׁיקְט אִיהם נָאךְ הַיינְט אַוֶועק אַהִין , מָארְגִין וֶועט אִיהר רִיכְטִיג וִויסֶען וואו אִיהר הַאלְט אִין דֶער וֶועלְט מִיט דִיא גַנָבִים .

דָאס אִיז קֵיין נַארִישְׁקַייט נִיט , וואו אִיז יוסעלע, אִיךְ וֶועל אִיהם טַאקִי הַייסֶען בַּאלְד פָאהרֶען .

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִיר גֶעוָואלְט פְרֶעגִין וואו אִיז יוסעלע — הָאט חאצקעלם וַוייבּ גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶר אִיז פַאר נַאכְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּנ אִיז נָאךְ צוּרִיק נִיט גֶעקוּמֶען .

וואוּהִין אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען ?

אִיךְ הָאבּ אִיהם נִיט גֶעפְרֶעגְט אוּנ עֶר הָאט מִיר נִיט גֶעזָאגְט .

עֶר הָאט גֶעוִויס גֶעמוּזְט גֶעהֶען צוּם שְׁלָאס זֶעהֶען דָארְט דֶעם פַּארַאד וָואס קארמעליע מַאכְט הַיינְט לְכָבוֹד דֶעם בַּאל — הָאט יוסעלעס פְרוֹיא גִיעֶנְטְפֶערְט .

עֶס מַאכְט נִיט אוֹיס — הָאט חיימקע שלאק גֶעזָאגְט — מִסְתָמָא וֶועט עֶר בַּאלְד קוּמֶען , אוּנ אַז עֶר וֶועט קוּמֶען זָאלְט אִיהר אִיהם אַוֶועק שִׁיקֶען נָאךְ סווערזשין .

אִיךְ וֶועל אַייךְ פָאלְגֶען רבי חיים .

נוא אונ וואס וועט זיין וועגן דעם געלד וואס איך בין צו אייך געקומען לייהען פאר דעם פריץ פונ'ם דארף קרוקיווע ?

איהר בעט זעהר אגרויסע סוממע רבי חיים .

נעכטין האט איהר מיר געזאגט אז איהר וואלט מיט שמחה דעם פריץ געליהען צעהן טויזענד רובעל , נור איהר האט יעצט אזו פיעל געלד ניט , אבער היינט האט איהר דאך יא אזא סוממע .

פון וואנען ווייסט איהר ?

פון וואנען איך וויים ? אשיינע קשיא חלעבין , איך זאל פון אזעלכע זאכין ניט וויסען , דער גראף זארעמבא האט מיר אליין דער ציילט אז ער האט אייך היינט אין דער פריא אב געגעבין אהוב פופצעהן טויזענד רובעל , היינט וויא געפינט זיך ביא אייך ניט גלאט אזו אפאר טויזענד קערבלאך .

דאס איז טאקי אמת אז איך האב היינט געלד , אבער דעם פריץ וועל איך ניט לייהען , ווייל איך האב מיך נאכגעפרעגט אויף איהם אונ האב ערפאהרען אז זיין אימעניע איז פערזעצט .

ווייסט איהר דאס געוויס ?

אז איך זאג מסתמא וויים איך דאס געוויס .

נוא אז איהר ווייסט דאס געוויס וועל איך אייך אליין זאגין איהר זאלט איהם קיין געלד לייהען , אבער יענקעל דעם קרעמער וועט איהר דאך געוויס לייהען פופציג רובעל , ער וועט אייך צאהלען פופציג פראצענט סך הכל פאר איין חודש .

יא , דיא פופציג רובעל וועל איך אייך געבין , האט איהר דא זיינעם אוועקסעל ?

אשיינע שאלה , איהר ווייסט דאך אז אהן אוועקסעל קום איך צו אייך ניט נעהמען געלד — האט חיימקע שמייכלענד גיענטפערט .

גיט מיר דאס וועקסעל .

נאט דא האט איהר איהם .

ער האט ארוים גענומען אבלאנקען וועקסעל אונטער וועלכען עס וואר אונטער געשריבען דער נאמען יענקעל באקמאן .

חאצקעל האט איינינע מינוט בעטראכט דאס וועקסעל אונ האט מיט אצופרידענער מינע גיענטפערט : גוט זיצט דא אווייל איך ברייננ אייך פופציג רובעל .

ער איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט אונ איז אריין געגאנגען אין זיין שלאף צימער וואו עס איז געשטאנען אונטער זיין בעט אפערשלאסענע קעסטיל אין וועלכע ער האט געהאלטען זיין בארעם געלד אונ אלע וועקסלען פון זיינע פילע קרעדיטארען .

עס זיינען קיינע פינף מינוטען איבער געגאנגען פון דער צייט וואס חאצקעל איז אין זיין צימער אריין געגאנגען , אלס זיין וייב זיין טאכטער אונ

חיימקע שלאק האבין ערהערט אנגעשרייא געוואלד ראטעוועט .

זייא זיינען ערשראקען אין דעם שלאף צימער אריין געקומען אונ זיינען אויסער זיך געווארין פון דער סצענע וואס זייא האבין דא דער זעהן .

חאצקעל איז געשטאנען טויט וויא א'מת טויטער געבין א'אפענעם פוסטען קאסטען , אלע ציין האבין אין זיין מונד געטרעסעט , ריידין האט ער ניט גיקאנט , ער האט מיט ווילדע בליקען געקוקט אמאל אויף דעם פוסטען קאסטען אונ אמאל אויף דיא הערא'ייגליפענדע פערזאנען .

פינסטער איז מיר ! — האט חאצקעלס פרויא אנגעשרייא געטאן — וואס פאר א'אונגליק האט דא געטראפין ? ווער האט דאס ארויס גענומען דאס געלד אונ דיא וועקסלען פונ'ם קאסטען ?

חאצקעל האט שוין אויף דיא פיס ניט גיקאנט שטעהן אונ איז אין אונמאכט געפאלען .

מען האט איהם קוים אויפגעמינטערט , אבער ער האט אלץ אוים גיזעהן וויא וואהנזיניג , אונ מיט אזאנדערבארע שטימע האט ער געפרעגט : וואו איז דער גנב , וואו איז מיין געלד ?

ער האט צו גייענדיג צום קאסטען באלד באמערקט אז דער שלאס איז צובראכען , קראמפפהאפט האט ער דעם קאסטען גיעפינט , דעם קאסטען אין וועלכין ער האט זיין גאנץ געלד וויא אויך אלע וועקסלען געהאלטען , אבער ער האט דא גאר ניט געפונען , דער אוצר וואר פוסט, אין איהם איז נור גילעגין איין בריף אין וועלכין עס זיינען געשטאנען פאלגענדע ווארטען :

ליבער טהייערער שווער !

ווען איהר וועט געפינען דעם קאסטען לעהר זאלט איהר זיך ניט דער שרעקין , קיין פרעמדער האט אייער געלד ניט צו גענומען , נור אייער אייגען קינד , איך אייער טהייערער יוסעלע אייער ליבער איידים , אויך ווען אייער ערשטער גנבה זאלט איהר זיך ניט מצער זיין , זיא איז אויך ניט פערפרעמדט געווארין , זיא איז אויך געבליבען ביא מיר , איך האף אז איהר וועט האבין אזו פיל שכל אונ וועט מיך ניט זוכען , ווייל ערשטענס וועט איהר פערשטעהן אז אזא גמרא קעפיל וויא מיינע איז האט שוין גוט פערווארינט קיינער זאל מיך ניט חאפען . צווייטענס ווען איהר זאלט מיך אפילו יא חאפען וועט איהר אייך גאר ניט אוים פיהרען , ווייל אפילו דער סוד ווייסט פון אונזער דין „הגונב מן הגנב פטור" , אז דער וואס גנבט ביא א גנב דער איז אונשולדיג , אונ וואו געפינט זיך נאך א גרעסערער גנב פון אייך ליבער שווער ?

איך בין מיך מודה אז איך בין א גנב , איך האב זייער פיעל געזינדיגט אין מיין לעבין , יעצט אבער גלויב איך וועט מיר גאט אויף אלע מיינע זינד מוחל זיין , דען מיט מיין לעצטע גנבה האב איך א גרויסע מצוה פערדינט , צוזאמען מיט דעם געלד וואס איך גענומען צו האב איך אויך פערחאפט דיא

פילע וועקסעלאך וואס איהר האט אויף הונדערטער ארמע מענשין וועלכע זיינען בדלות געוואורין כאקי דורך דיא פראצענט וואס איהר האט ביא זייא געריסען, יעצט אבער אז איהר וועט אויף זייא קיינע וועקסעלאך האבין העריין זייא אייך וויא דעם קאטער, אונ איהר קאנט זייא גאר ניט טאן.

האט מיר אפריילעבען אחינד, איך בין פערזיכערט אז איהר וועט אימער צו גוטען דער מאהנען אייער ליבען איידים.

יוסעלע קלאפ

כב.

דער פארהאנג פאלט.

יודעלע איז ניט קיין גנב, מיין יודעלע איז דער זעלבער בראווער מאן פאר וועלכין איך האב איהם גירעכינט, איך האב מיך אין איהם ניט גענארט.

דיא ווארטען האט מאליא ראזענהויז אונצעהליגע מאל אין יענעם טאג ווידער געהאלט, דיא נאכריכט דאס איהר געליבטער איז דא, אונ דאס וואס מען האט אויף איהם געזאגט איז אליגען, דיא גוטע נאכריכט איז אויך צו איהרע אהרען געקומען אונ זיא וואר אויסער זיך פון פריידע אונ איבערראשונג.

מיר האבין שוין פריהער ערצעהלט דאס אבוואהל זיא האט געגלויבט אז יודעלע איז אגנב אונ זיא האט זיך זעלבסט פארווירפע געמאכט דאפיר וואס זיא האט אזא סובייעקט געליבט, פון דעסט וועגין האט זיא אלץ געפיהלט אז איהר ליבע צו איהם האט זיך ניט פערלאשען, זיא פלעגט אין דיא פינסטערע נעכט איהרע קישענס פייכט מאכין מיט איהרע טרערין וואס זיא האט פערגאסין ביא דעם געדאנק אז איהר געליבטער איז אגנב געווארין, אונ דורך דעם קאן זיא שוין קיין מאהל זיינע ניט זיין.

זעלבסט פערשטענדליך דאס נאך אזא פערצווייפלונג האט דיא נאכריכט פון יודעלעס אונשולד איינע גוואלדיגע איבערראשונג אויף איהר געמאכט, איהר ליבע צו איהם איז נאך שטארקער געווארין, אונ זיא האט געהאלטען איהרע הענד אפען איהם צו עמפפאנגען אונ אויף זיין ברוסט איהרע געפיהלע אוים צו גיסען.

אבער וואו איז ער?

זיא האט געגלויבט אז דעם ערשטין בעזוך וועט ער איהר שענקען, אבער עס איז פערגאנגען דער גאנצער טאג אונ דיא גאנצע נאכט אונ יודעלע איז ניט געקומען, זיא האט זיך דעם קאפף צובראכין קלערענדיג דיא אורזאכע פאר וואס ער איז ניט געקומען, זיא האט גירעכינט פיליכט האט ער מורא פאר איהרע עלטערין, אדער ער וויל זיך נאך אין דער גאס ניט ווייזין בעפאר אלע וועלין וויסען דאס מען האט איהם אומזאנסט בעשולדיגט.

דיא ליבע וויל אָבער פון אַזעלכע תירוצים ניט וויסען, מאליא האט זיך אויך ניט בעגניגענט מיט דיא אַנטוואָרטען אונ זיא האט פאר זיך קיין פּלאַטץ געפונען וואו זיך צו בערוהיגען, עס האט זיא געצויגען צו יודעלען, זיא האט געוואָלט האטש פון ווייטען אויף איהם אַקוק טאָן, אָבער וואו נעהמט מען איהם?

איהר פאָטער האט גוט בעמערקט וויא זיין טאָכטער איז אונרוהיג, אונ דאס האט איהם אויך זעהר אונרוהיג געמאַכט.

אויף מאָרגען פריא אַלס אמאליא איז אויפגעשטאַנען אונ האט געוואָלט אַריין געהן אין דעם עסין צימער טהעע טרינקען, האט זיך דיא טיהר געעפינט אונ איהר פאָטער איז אַריין געקומען.

דעם פאָטערס ערשיינונג אין איהר צימער זאָ פריא האט מאליאן זעהר פערוואונדערט, אונ זיא האט געפרעגט: וואס איז געשעהן פאָטער?

גאר ניט מיין טאָכטער — האט ער גוטמוטהיג געענטפערט — איך בין געקומען דיך עטוואס פרעגין, אונ איך האף אַז דוא וועסט מיר אויף מיין פראַגע אַריכטיגען אַנטוואָרט געבין.

געוויס וועל איך דיר קיין ליגען ניט זאָגין.

שלמה האט זיך אַנידער געזעצט, האט איינגע מינוטען געטראַכט אונ האט נאַכהער געזאָגט: איך האב שוין פון אַהיבש שטיקעל צייט בעמערקט אַז דוא ביזט ניט דיא זעלבע וואס פריהער, עפּעס געהסט דוא אַרום פערזאָרגט פערצאָגט אונ ניעדער געשלאָגען וויא אַקויפמאַן וואס האט זיין גאַנצעס געלד פערלאָרען, איך האב באַלד פערשטאַנען אַז מיט דיר איז עפּעס אונ האב געוואַרט ביז דוא אַליין וועסט מיר אַלס דיין געטריען פאָטער אַלעס ערציילין, איך זעה אָבער אַז דוא היטעסט זיך פאר מיר וויא פאר אַפרעמדין, דוא ווילסט מיך ניט אַנפערטרויען מיט דיא געהיימניסע פון דיין הערצין, אונ דאס איז אַגרויס אונרעכט פון דיר מיין קינד.

אמאליא איז ראָטה געוואָרין אונ האט ניט געענטפערט.

דוא האסט דאָך מיר פערשפּראָכען פאר מיר דיא ריינע וואהרהייט צו זאָגין, נור איך זעה דאָך אַז דיר איז שווער צו ריידען וועל איך אַליין פאר דיר ענטפערין, אָבער ווענינגסטענס מוזט דוא מיר געשטעהן צו האב איך געטראָפין אין וואס דיין זאָרג בעשטעהט צו ניט.

אמאליא האט איהם פערוואונדערט אונ ערשראָקין אָנגעקוקט.

דוא ליבסט יעמאַנדען מיין טאָכטער — האט שלמה ווייטער גירעדט — דוא מאַגסט זיך שעמען פון היינט ביז איבער אַיאָהר, איך פערשטעה אַז דוא ליבסט יעמאַנדען, אונ מיר שיינט אַז איך ווייס אויך וועמען דוא ליבסט, דוא דאַרפסט פאר מיר קיין פורכט האָבין מיין קינד, דוא ווייסט אַז איך בין ניט פון דיא טאַטעס וואס זוכען אין דעם שידוך וואס זיא טוען מיט זייערע קינדער נור זייער איינענעם עגאאיזם צוא בעפרידיגען, איך זוך נור מיין קינדס גליק, אַלזאָ מאַגסט דוא פרייא פאר מיר דיין הערץ עפינען אונ מיר זאָגין דיא

װאהרהײט ליבסט דוא װירקליך יודעלען מיט אזא פײער װאס איהם איז שװער אײן צו לעשין ?

אנשטאט אנ'אנטװארט איז מאליא געפאלין דעם פאטער אום דעם האלז אונ האט זיך פונאײנאנדער געװײנט װיא אקלײן קינד .

דוא פערשפארסט מיר שוין אויף מײן פראגע צו ענטפערין — האט שלמה געזאגט גלעטענדיג איהר װײכע שװארצע האאר — דײנע טראהנען ענטפערין שוין פאר דיר מיט אדײטליכע שפראכע , איך מוז דיר דיא װאהרהײט זאגין מײן קינד אז אין אײן הינזיכט בין איך פון דײן ליבע אונצופרידען , איך האב פאר דיר געװאלט אוים זוכען אמאן װאס האט גיענדיגט אנ'אוניװערזיטעט אדער אבאקאנטען קויפמאן װאס איז אין שטאנד זײן פרויא גליק צו שענקען , אבער דא װאו עס האנדעלט זיך װעגין אזא פײעריגע ליבע , דארט פערלירען זיך אלע רעכנונגען , איך װיל דיך ניט צװינגען דוא זאלסט זיך מיט געװאלד פון יודעלען ענטזאגין , נור אײן זאך װעל איך דיך פרעגין , ביזט דוא זיכער אז אויך ער ליבט דיך אזו שטארק װיא דוא איהם ?

יא פאטער — האט מאליא אונטער טראהנען גיענטפערט — ער האט מיר עװיגע ליבע אונ טרײהײט געשװארען .

נוא זאל אײך גאט געבין דאס גליק װאס איך װינש אײך — האט שלמה געזאגט קיסענד זײן טאכטער — איך װײס געװיס אז אלע היזיגע אײנװאהנער װעלין מיך אוים לאכין דער פאר װאס איך האב מיך אזו ערנידעריגט אונ האב געטאן אשידוך מיט אזא יונגען מאן װעלכער האט אויף זיך זאלבע שענדליכע רײד געהאט , אבער מײן טאכטערס גליק איז בײא מיר טהײערער אלס מײן עהרע .

פאטער ! ליבער גוטער פאטער ! — האט מאליא ענטציקט װײנענד אוים געשריען אומארמענד איהר פאטער — א דוא קאנסט זיך גאר ניט פארשטעלין װיא גליקליך דוא האסט מיך געמאכט .

גיב גאט דוא זאלסט װירקליך גליקליך זײן — האט שלמה גיענטפערט אוים װישענד דיא אויגען אין װעלכע עס האבין אפאר טרערין געגלענצט — אלזא זאל איך יודעלען שיקען בעטין אהער אום צו דער זאך אנ'ענדע צו מאכען ?

ער װעט געװיס אלײן קומען — האט מאליא געזאגט — יא ער מוז קומען .

דאס האסט דוא זעהר רעכט מײן קינד , האט ער דיך װירקליך זא ליב װיא דוא זאגסט דארף ער אויף קײן זאך קוקען אונ מוז אהער צו דיר קומען , דער װײל קום דוא מײן טאכטער אַרײן אין שטוב זעטץ זיך טרינקען קאפע , אונ איך װעל שוין מיט דײן מוטער װעגין דעם איבער רײדען אום פון איהר זײטע זאל קײן הינדערניס זײן , איך צװײפעלע ניט דאס זיא װעט מיט פערגעניגען דאצו אײנשטימען , װײל זיא האט יודעלען ליב װיא איהרם אקינד , אונ דאבײא זוכט זיא דאך אויך נור דײן גליק .

ער האט דער טאכטער נאך אמאל א קוש געטאן און איז פון איהר צימער ארויס געגאנגען.

לעזער! ווען יעמאנד פון אייך האט געהאט דאס גליק צו ליבען מיט דעם גאנצען פייער פון דער ריינער וואהרער ליבע און צוריק געליבט צו ווערין, דער קאן זיך אבענריף מאכין פון מאליאס פריידע אין יענע גליקליכע מינוטען, ווען זא אונערווארטעט זיינען אלע וואלקען פון איהר הימעל פערשוואונדען.

יא אלע וואלקען זיינען פערשוואונדען געווארין, אבער וואו איז די זאנגע? וואו איז דער הייסגעליבטער יודעלע? ווארום קומט ער שוין גיט?

מאליא האט אויס גרויס גליק און זיך בעשעפטיגענד מיט דער לעצטער פראגע נים ניקאנט איהר צימער פערלאסען, זיא איז נאך א היבשער צייט דא געזעסין פערטיפט אין געדאנקען, און ערשט אלס דיא דינסט האט איהר געמעלדעט אז דיא קאפע ווערט קאלט איז זיא ארויס געגאנגען פון איהר צימער.

זיא האט נאך דיא ערשטע גלאז קאפע נים אויס געטרונקען אלס זיא האט דורך דעם פענסטער דער זעהן וויא פון ווייטען געהט דוקט זיך יודעלע.

דאס הערץ האט אין איהר אנגעהייבען שטארק צו קלאפען, יא דאס איז יודעלע, ער געהט אהער, ער קומט צו דער געווינשטער צייט, דיא זאנגע געהט אויף, דאס גליק אין זיין פאלען גלאנץ שטראהלט אין פענסטער.

זיא האט ערקאנט אז יודעלעס גאנג דאס ער געהט אונווילינ, ער געהט וויא ציטערענד פאר עטוואס אונאנגענעהמעס.

זיא האט זיך שוין נים ניקאנט איינהאלטען און איז צום פענסטער צו געגאנגען, באלד האבין זיך זייערע בליקען בעגעגינט און אנגענעמער גליקליכער שמייכעל האט זיך געוויזען אויף זייערע ביידינס געזיכטער, זיא האט איהם א וואונק געטאן ער זאל ארייז קומען, אין דעם וואונק האט ער גלייך ניקאנט לעזין דאס ער מאג פרייא אריין געהן.

און ער איז אריין געקומען.

זא שפעט מיין טהייערער? — האט זיא לעבעלענד געזאגט דיין האנד דריקענד — ביז אהער האסט דוא קיין צייט געהאט צו קומען?

איך האב גענוג צייט געהאט — האט ער גיענטפערט — אבער דער שטן האט זיך גיוועז צווישען אונז ביידען אריין געמישט...

דוא מיינסט געוויס דיא פאלשע נאכריכט וואס מען האט וועגין דיר אינ'ם גאנצען שטעדטעל פערברייטעט?

ניין נים דאס, אבער עס האט געהאלטען דאביא דער טייפעל זאל מיך גענצליך פון דיר עדלע זעעלע אב רייסען.

וואס מיינסט דוא מיט דיא ווארטען? — האט זיא ערשראקין גיפרעגט.

זאל איך דיר אלעס ערצעהלען? ... האט ער וויא נאכדענקענד געזאגט — נור ניין, איך גלויב אז פאר דיר וועט גענוג זיין צו וויסען אז יעצט שטעהט פון מיינער זייטע קיין הינדערניסע אין אונזער גליק.

יא דאס איז פאר מיר זעהר גענוג, מעהר וויל איך ניט וויססען, אונ דאס זעלבע קאן איך דיר אויך מיטטהיילען דאס פון מיינער זייטע איז אויך קיינע היגדערניסע פערהאנדען.

נוא אונ דיינע עלטערין?

דיא עלטערין גיבען אויך זייער זעגען אונ ווינשען אייך דאס גרעסטע גליק — האט זיך ערהערט אשטימטע, אונ אין שטוב זיינען אביין געקומען שלמה מיט זיין פרויא דבורה.

* *
*

היר פאלט דער פארהאנג פון דעם פירטען טהייל. דיא לעזער זאללען אבער ניט מיינען אז דיא דראמא האט זיך שוין אין גאנצען גיענדיגט, גיין דיא טהעטיגקייט פון דיא אללע פערזאנען וואס האנדלען אין דיעזען ראמאן האט זיך נאך ניכט גיענדיגט. דיא אללע פערזאנען וועלען באלד פאר אייך ערשיענען אינ'ם צווייטען ראמאן „אמעריקאנישע גליקען" וועלכער וועט באלד ערשיענען. דארט וועלען אללע אונזערע לעזער איבערראשט ווערען פון דער ענטוויקעלונג פון זייערע בעקאנטע העלדען. יודעלע וועט זיך נאך אונערוואַרטעט בעגעגנען מיט זיין פאטער בעריל גרונם'ס וועלבען מאן רעכינט פאר טאדט. שמעונקע גנב וועט נאך פאר אייך איינע וויכטיגע ראללע שפיעלען אויף דעם אמעריקאנישען באדען. בעזאנדערס אינטערעסאנט וועט זיין דיא געשיכטע פון זיססעלע דארף מיט זיינעביידע בעקאנטע מעדכענס ראזע גלאנץ אונד בערטהא שטאלץ.

אין דעם ראמאן „דיא אמעריקאנישע גליקען" וועלען מיר אונזערע לעזער בעקאנט מאכען מיט גאנץ אמעריקא. זאגאר דיא וואס וואהנען שוין לאנג אין דער נייער וועלט, וועלען אויך פאר זיך געפינען זאלכע בילדער וואס וועט זייא איבערראשען.

ענדע פונ'ם פירטען טהייל.